STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04082

SHOLEM ASH IN ZAYN LETSTER HEYM

Itzhak Panner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק פאַנער / שלום אַש אין זיין לעצטער היים

יצחק פאַנער

שלום אַש

אין זיין לעצטער היים

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ביבליאָטעק
תל-אביב, ישראל

1958

I t z h a k   P a n n e r
„SCHOLEM ASCH IN SAYN LETZTER HEYM"
Publishing I. L. Peretz Library,
31 *Allenby Str. Tel-Aviv, Israel.*

יצחק פּאַנער / שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פאַרלאַג י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב

Copyright 1958,
by Itzhak Panner, Bat-Yam, Weizman 2, *Israel*

©

נ ד פ ס   ב י ש ר א ל

Printed in Israel 1958

דפוס „אורלי", יסוד המעלה 27, תל־אביב

יצחק פאַנער

שלום אַש אין זיין לעצטער הײם

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט שלום אַש

(אַנשטאָט אַ הקדמה)

נישט אין בת־ים אין יאָר 1955 איז פאָרגעקומען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט שלום אַשן, נאָר אַביסל פריער: זי איז פאָרגעקומען אין מיין בוקאָווינער היים־שטעטל קימפאָלונג מיט אַן ערך... אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, און פאָרגעקומען איז די דאָזיקע „באַקאַנטשאַפט" אויף אַזאַ אופן:

זומער 1908 איז אַ יינגל פון אַ יאָר... — — נאָר לאָמיר קודם דערציילן די פאָרגעשיכטע פון דער דאָזיקער ערשטער „באַקאַנטשאַפט":

דאָס האָט געדאַרפט זיין אין סוף פון יאָר 1907, אין דער עיר ואם ניו־יאָרק, וווהין דער שרייבער פון די שורות איז פאַרשלעפט געוואָרן דורך נאָענטע קרובים, זייענדיק נאָך אַ בר־מצווה־יינגל.

די ערשטע גרויסע איבערלעבונג פון יענעם יינגל אין דער קאָכע־דיקער ידישער איסט־סאַיד איז געווען פאַרבונדן מיט זיין ערשטן טעאַטער־באַזוך. דאָס שטיק האָט געהייסן „דער גרינער בחור", („פער־פאַסט" פון באָריס טאָמאַשעווסקי,) מיט בעסי טאָמאַשעווסקי אין דער טיטל־ראָלע. שוין מיט איר ערשטן אויפטריט האָט דער דאָזיקער „בחור" געוויבט מיין האַרץ און איבערגעלאָזט אין מיין יינגלישער נשמה טיפע וווּנדן אויף אַ לאַנגער, לאַנגער צייט... (זי איז דעמאָלט יונגער געווען מיט פופציק יאָר...) נאָר איין גאָט האָט דעמאָלט געהערט די טיפע זיפצן אין די שלאָפלאָזע נעכט פון אַ ליבע־קראַנקן יינגל...

נישט קיין סך שפעטער האָט אַ צווייטע טעאַטער־פאָרשטעלונג זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. דאָסמאָל צוליב אַן אַנדערער, אַ ריין אויסער־לעכער סיבה: צוליב דעם שטורעם וואָס די פרעמיערע האָט אַרויסגערופן

אין דער יידישער ניו־יאָרק. איך דערמאָן מיך די הייסע וויכוחים וואָס זענען געפירט געוואָרן אין די פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלן, צירקלען און פאַריינען וועגן יענער פיעסע. די אָרטאָדאָקסן האָבן געשיט פעך און שוועבל אויף דעם מחבר, זייערע צייטונגען האָבן גערופן די פיעסע צו באָיקאָטירן, צו שטערן די פאָרשטעלונגען מיט כוח, דעם מחבר אַריינצולייגן אין חרם, אים שטעלן מחוץ למחנה... (אויף איינער פון די פאָרשטעלונגען האָט מען טאַקע געוואָרפן פוילע אייער אויף דער בינע). און אויב דער מחבר איז דעמאָלט נישט אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם, און די פיעסע זיינע איז נישט נאָר נישט אַראָפּ פון יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר, נאָר איז צענדליקער יאָרן געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג — איז דאָס געווען אין ערשטער ריי צו פאַרדאַנקען דער איינפלוסרייכער אַמעריקאַניש־יידישער צייטונג פון יענער צייט — דעם „פאָרווערטס" און זיין מעכטיקן רעדאַקטער אב. קאהן. דער „פאָרווערטס" איז מוטיק און אומדערשראָקן אַרויסגעטרעטן קעגן דער „געלע פּעסע", די „פרומאַקעס" און „צביעקעס" וואָס „ווילן דערשטיקן דעם אמת", „דאָס פרייע קינסטלערישע וואָרט", „דעם פרייען שעפערישן געדאַנק"... ס'איז דאַכט זיך איבעריק צו באַמערקן, אַז יענער מחבר האָט געהייסן שלום אַש, און די פּיעסע זיינע — „גאָט פון נקמה". דאָס איז די פאָרגעשיכטע. און איצט די אייגנטלעכע געשיכטע.

איך האָב שוין אַמאָל באַשריבן דעם באַזוך פון פּרץ און אַש אין מיין בוקאָווינער היים־שטעטל, אין דער צייט פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ. כדי נישט אַריינצופאַלן אין איבערחזרונגען, וואָס זענען אין אַזוינע פאַלן שווער צו פאַרמיידן, וועל איך בעסער ציטירן אַ טייל פון יענעם מאמר.

...אין יאָר 1908 האָב איך מיך אומגעקערט אַהיים צו טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער פון ניו־יאָרק, וווהין דער שטאַרקער עמיגראַציע־שטראָם פון יענע יאָרן האָט מיך, זייענדיק נאָך כמעט אַ קינד, פאַרשלעפּט, צוזאַמען מיט אַן עלטערער שוועסטער. מיין שוועסטער, אַ בת־יחידה, איז שוין נאָך עטלעכע חדשים צוריקגעפאָרן אַהיים. און איך האָב נאָך געדאַרפט צוריקבלייבן אַ שטיקל צייט, כדי צונויפצוקלויבן די רעשטלעך גאָלדענע

רענדלעך וואָס האָבן זיך דעמאָלט געוואַלגערט אויף די ניו־יאָרקער גאַסן...

אַ היים בין איך געקומען אַ דאַרער, אַ בלאַסער, מיט איינגעפאַלענע באַקן ווי אַ סוכאָטניק, מיט אַ ברוינעם האַלב־צילינדער אויפן קאָפּ און מיט לאַנג־שפּיציקע לאַק־שיך אויף די פיס... דערפאַר אָבער האָב איך מיטגעבראַכט אַ פולגעפּאַקטן טשעמאָדאַן מיט — יידישע ביכער און אַ פולן בריוו־טאַש מיט... ציטונגס־אויסשניטן פון לידלעך, — טאַקע אייגענע, וואָס זענען געדרוקט געווען אין „פאָרווערטס" און „צייטגייסט". איך בין נישט געווען דער איינציקער יונגער „דיכטער" פון יענער צייט, אַ סך 14—15־יעריקע האָבן זיך דעמאָלט אָנגעהויבן באַווייזן אויף די שפּאַלטן פון יידיש־אַמעריקאַנישע ציטונגען, דער עיקר אין „פאָרווערטס". מאָריס ראָזנפעלד איז געווען דער געקרוינטער פירשט פון דער יידישער פּאָעזיע, צו וועמען די יוגנטלעכע האָבן אַרויפגעקוקט ווי צו אַ גאָט. געחלומט אויך אַמאָל צו ווערן, ווי ער, אַ „טרערן־מיליאָנער", און אויב נישט קיין גאַנצער מיליאָנער, איז כאָטש אַ טרערן־גביר פון איינמאָל מאה אלף... זענען טאַקע די לידער פון יענע יוגנטלעכע פול געווען מיט „הערץ" און „שמערץ", „באַנג" און „קראַנק", מיט „מעער" (ים) און „טרער", — לידער וואָס האָבן געקענט רירן אַ שטיין...

די עסטרייכיש־בוקאָווינער יידן אין דער צייט פון דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ זענען געווען עכטע „דויטשע, מאָזאישער קאָנפעסיאָן". קיין קריסטלעכער דייטש אין בוקאָווינע האָט זיך נישט אַזוי מוסר נפש געווען פאַר דער דערהאַלטונג און פלעגע פון דער דייטשער שפּראַך און קולטור אין בוקאָווינע — ווי די בוקאָווינער יידן. זאָגן אַ בוקאָווינער יידישן אינטעליגענט אַז זיין דייטש איז „פאַריידישט" איז געווען ערגער ווי אין טאַטן אַריין... אָט אַזוי האָט אויסגעזען דער באַרג סיני, ווו יידיש איז פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן.

אַז די קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן פּרץ און אַש אונטערגענומען אַ טור איבער די בוקאָווינער שטעטלעך, כדי אין די אָפּגעשטאַנענע ווינקעלעך צו וועקן ליבשאַפט און אינטערעס פאַר דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. אין מיין דרום־בוקאָווינער היים־

שטעטל קימפּאָלונג, וואָס ליגט אַרומגערינגלט פון הויכע קאַרפּאַטן־בערג און פון געדיכטע טונקעלע וועלדער, זענען די געסט פאַרבליבן אַ גאַנצע וואָך, כּדי אין דער שמעקעדיקער פרישער לופט זיך אָפּצוקילן פון די הייסע טשערנאָוויצער דיסקוסיעס.

אין אַ שיינעם טאָג האָב איך זיי דערזען שפּאַצירן אויף דער גאַס — דעם אַביסל אונטערגעזעצטן מאַן מיט די גרויסע וואָנצעס און דער גרוי־גרינער פּעלערינע אויף די אַקסלען, און דעם שלאַנקן יונגער־מאַן, מיט די קליינע שוואַרצע וואָנסעלעך. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ בין איך זיי נאָכגעגאַנגען פון הינטן. דאָס רייכסטע און געבילדעטסטע מיידל פון שטאָט האָט זיי אַרומגעפירט, אַרויסגעוויזן איר טיפע באַהאַוונטקייט אין די דייטשע קלאַסיקער... יעדעס ייִנגל האָט געוואָגט זיך דערנענטערן צו די געסט, מיט זיי רעדן, נאָר איך איינער האָב מורא געהאַט זיך צו ווייזן פאַר זיי, ווי אַ שווער פאַרזינדיקטער...

אַש איז געקומען מיט אַ קריסטלעכער (און דערצו נאָך מיט אַ דייטשער) לעגיטימאַציע: די ייִדישע אינטעליגענץ פון בוקאָווינע האָט שוין פריער געהאַט זיך דערוווּסט פון דער דייטשער פּרעסע וועגן דעם קאָלאָסאַלן דערפאָלג פון אַשס „גאָט דער ראַכע" אויף דער בערלינער דייטשער בינע. אויף דער זעלבער בינע ווו מ'האָט געשפּילט שילער, לעסינג, גרילפּאַרצער... האָט טאַקע אַשס גלאָריע שוין אויך אַראָפּגע־שיינט אויף דעם אומבאַקאַנטן „זשאַרגאָניסט" מיט דער גרוי־גרינער פּעלערינע...

אין זכּרון האָט זיך איינגעקריצט אַן עפּיזאָד פון יענער צייט:

דער זאַל ווו ס'איז פאַרגעקומען די מסיבה פאַר די געסט, איז געווען פול געפּאַקט. אויבנאָן, לעבן די געסט, זענען געזעסן די פּני פון שטעטל: דער ייִדישער בירגערמייסטער, פּרעזידענטן, דירעקטאָרן, דאָק־טוירים, אַדוואָקאַטן — די רעפּרעזענטאַנץ פון עסטרייכישן „דויטשטום" אין שטעטל... דער פאָרזיצער (איינגעטונקען אין דורותדיקן פּיל־גאָרנ־דיקן טיטלען־יחוס) עפנט דעם אָוונט אין אַ „טיפן" דייטש. פּלוצעם — אַ צווישנרוף פון פּרץ: ייִדיש! דער פאָרזיצער מאַכט זיך נישט הערנדיק און רעדט ווייטער. אַ צווייטער צווישנרוף פון אַשן: ייִדיש! מיר זענען

דאָך נישט קיין דייטשן! דער רעדנער בלייבט אַ ווײַלע שטיין מיט אַ נאַרישן אומבאַהאָלפּענעם שמייכל. דאַן נעמט ער זיך ווייטער רעדן (פאַר־שטייט זיך דייטש). ווייזט אויס, אַז דער עסק איז געפעלן געוואָרן דעם עולם פון די הינטערשטע פּלעצער. באַלד האָבן זיך געלאָזט הערן פון אַלע ז״יטן צווישנרופן: יידיש! יידיש! דאָ גייט שוין דער פאָרזיצער אַרויס פון די כלים און רופט אויס אַ טיף־באַליידיקטער:

— אָבער מייגע הערן, וויר זינט יאָ ניכט הער געקאָמען אום וויצע צו טרייבען!...

קודם האָט געערעדט פּרץ. איך דערמאַן מיך היינט נישט מער קיין איינציק וואָרט פון זיין רעדע. ס׳איז מיר בלויז צוריקגעבליבן אין זכרון דער קלאַנג פון זיין שטים, די אינטאָנאַציע פון די ווערטער, זיין פּוילישע ברייטקייט און זינגעוודיקייט, וואָס האָט אַזוי מאָדנע געקלונגען אין די אויערן פון די בוקאָווינער. דאַן האָט גערעדט אַש. ער האָט ביים רעדן פונאַנדערגעשפּרייט זיינע לאַנגע הענט, ווי פליגלען פון אַ יונגן אָדלער וואָס פּאַרמעסט זיך צו אַ הויכן פלי. אויך זיין רעדע דערמאַן איך מיך נישט מער. איך דערמאַן מיך אָבער זייער גוט אָט די ווערטער זיינע: „אַז עך לאַינט מעך אין דאאטש, עך לאַינט מעך אין רוסיש, פאַרוואָס לאַינט עך מעך נישט אין יידיש?"

28 יאָר איז שלום אַש אַלט געווען ווען ער האָט געפרעגט די דאָזיקע פראַגע.

דער צווייטער טאָג נאָך דעמדאָזיקן באַנקעט איז געווען אַ לויטע־ר׳ער, אַ זוניקער סעפּטעמבער־טאָג. די לופט האָט געשמעקט מיט פרישן היי און פעלד־בלומען. נאָכמיטאָג האָט מען די געסט געפירט ווייזן די „דעא״. „דעא״ האָט געהייסן דאָס נאָענטסטע סאָסנע־וועלדל — דער קאָרזאָ פון שטעטל. אויף אַ באַרג־אָפּהאַנג איבער אַ שמאָלער שלוכט, האָט געפירט אַ ברייטע סטעשקע אַרויף צו דער „דעאַ״. אונטן אין דער שלוכט איז געפלאָסן אַ קרישטאָל־קלאָר טייכל, וואָס איז אַנטשטאַנען פון צוויי קליינע באַרג־קוועלעכלעך. אָפט האָט זיך דאָס טייכל פאַרשפּאָטעט איבער אַ גרויסן שטיין וואָס איז אים געלעגן אין וועג, אָדער זיין בעטל איז פּלוצעם אַראָפּגעפאַלן אין אַ טיפערער לאַגע, דאַן האָט זיך דאָס

רויקע טייכל צעשיט אין שרייענדיקע שוימענדיקע מידלינגעס. אַש וואָס
האָט נישט געקענט האַלטן קיין שריט מיט די איבעריקע, איז געלאָפן
פאָרויס. ער האָט צעפּאַכעט זיינע לאַנגע הענט, געמאַכט גרויסע שפּאַן,
געשטיגן דעם באַרג־אַרויף, לייכט, שוועבנדיק, אַלץ העכער און העכער.

אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט האָט שלום אַש געלעבט אין מיין
זכרון אַזוי ווי איך האָב אים געזען אין מיין היים־שטעטל אין יענעם
שפּעט־זומער פונעם יאָר 1908. קיינע פון די אַלע שפּעטערדיקע פאָטאָ־
גראַפיעס פון אים, האָט נישט געקענט פאַרווישן דאָס בילד פון „מיין" אַשן.
און ווען איך האָב אים נאָך 47 יאָר ווידער געזען; ווען איך האָב זיך מיט
אים אויף אַן אמת באַקענט, האָב איך נישט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס איז
דער זעלבער שלום אַש. איך האָב געהאַט דאָס געפיל אַז דאָס האָט ער זיך
אַזוי „פאַרשטעלט", זיך אַזוי גרימירט דאָס פּנים מיט טיפע קנייטשן, זיך
אָנגעטון אַ גרייז־גראָע פּעריק אויפן קאָפּ, און די פייערדיקע אויגן קאָמו־
פלירט מיט אַ שלייער פון מאַטקייט... מיר האָט זיך געדאכט, אַז אין אַ
ליאַדע טאָג וועט ער פון זיך אַראָפּוואַרפן די מאַסקע פון זיקנה און ס'וועט
זיך פאַר מיר ווידער אַנטפּלעקן יענער שלום אַש, אַזוי ווי איך האָב אים
געזען שוועבנדיק אויף די בערג פון מיין שטעטל.

און אויך די ראַדיאָ־ידיעה וואָס איז געקומען פון לאָנדאָן דעם
10־טן יולי 1957, האָט זיך עפּעס נישט געגלויבט, זיך נישט געוואָלט לייגן
אויפן שכל. עס האָט זיך מיר רק געדאכט, אַז אָט וועט ער זיך פּלוצעם
פאַר מיר באַווייזן. ער וועט זיך בייזערן, זיך באַקלאָגן, וואָס מ'גיט אים
שוין ווידער נישט קיין רו... וואָס די וועלט האָט שוין ווידער מיט אים צו
טון... יעדעס מאָל וועגן עפּעס אַנדערש... און ער באַדאַרף דאָך האָבן רו.
ער האָט דאָך אַזויפיל, נאָך אַזויפיל צו שרייבן! — — —

נאָך זיבנאונפערציק יאָר

סוף ווינטער 1955 בין איך געגאַנגען אין האָטעל „דן" כדי צו באַזוכן אַ בת־עיר וואָס איז געקומען פון אַמעריקע און איז אין דעם האָטעל איינגעשטאַנען. פּאַרנט, אין פּאַיע, האָב איך פּלוצעם דערזען זיצן אין אַ טיפן פֿאָטעל — אַשן. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל נאָך 47 יאָר וואָס איך האָב אים ווידער געזען. איך האָב זיך נישט געקענט באַהערשן, בין צו אים צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט און געזאָגט: אַנטשולדיקט, איר זענט שלום אַש, אַיאָ? איך האָב אויסגעשטאַמלט מיין נאָמען און כדי דעם נאָמען מיינעם מער חשיבות צוצוגעבן, האָב איך מוסיף געווען: „סעקרעטאַר פון יידישן ליטעראַטן־פאַריין". ווייזט אויס אַז דער דאָזיקער „טיטל" האָט אויף אים געמאַכט נישט קיין קלענערן איינדרוק ווי מיין נאָמען... ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ בליק ווי ער וואָלט זאָגן: איז וואָסזשע ווילסטו? איז מיר איינגעפאַלן אַז איך זאָל פּרוּוון מיין מזל מיט עפּעס אַנדערש. איך האָב געזאָגט: „איך האָב איך נאָך געזען מיט 47 יאָר צוריק. צוזאַמען מיט פּרצן... אין מיין בוקאָווינער שטעטל... נאָך דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ"... דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ער האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַן אומגעדולדיקער באַוועגונג מיר דערלאַנגט די האַנט, וואָס דאָס האָט געהייסן: טשעפּע זיך אָפּ... איך בין אַוועק פון אַט דעם קבלת־פּנים ווי אַן אָפּגעגאָסענער מיט קאַלטן וואַסער.

ביים צווייטן צונויפטרעף מיט אַשן האָב איך שוין געהאַט מער מזל. דאָס איז געווען אין פרילינג 1956. די אַשס האָבן זיך נאָר־וואָס געהאַט באַזעצט אין זייער נייעם הויז אין בת־ים. כ׳בין געגאַנגען אין דער אלנבי־גאַס פון תל־אביב, נישט ווייט פון שדרות רוטשילד. פּלוצעם הער איך הינטער מיר ווי עמעץ פרעגט: איפה רחוב בן־יהודה? איך דריי אויס דעם קאָפּ און דערזע צו מיין איבערראַשונג — שלום אַשן. מיט זיין ווייסן קאָפּ,

זיין הויכער מייעסטעטישער געשטאַלט, זיין אַריסטאָקראַטיש אויסזען, האָט ער געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אפילו פון אַזוינע פאַרבייגייער, וואָס האָבן אים נישט געקענט. ער האָט געטראָגן אַ קליין בערעטל אויפן קאָפּ און אַ לייכטן מאַנטל איבערגעוואָרפן אויף דער האַנט.

— קומט, פריינד אַש, איך וועל אייך צופירן צום 4־ער אויטאָבוס — האָב איך געזאָגט. פאַרשטייט זיך, אַז אַש איז וויניק דערפון נתפּעל געוואָרן וואָס דער פרעמדער פאַרבייגייער ענטפערט אים אויף יידיש און רופט אים „פריינד אַש״.

ניין, ער וויל נישט פאָרן, האָט ער געזאָגט, ער וויל זיך אַדורכגיין.

— צופוס? ס׳איז אָבער גענוג ווייט.

— שאַט נישט, איך וויל אביסל שפּאַצירן.

— דאַן וועל איך אייך פירן — האָב איך געזאָגט, אויסנוצנדיק די גינסטיקע געלעגנהייט. איך האָב אים אַריבערגעפירט אויף דער אַנדערער זייט טראָטואַר און מיר האָבן זיך גענומען גיין. ס׳האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ קיל ווינטל און אַש האָט זיך גענומען אָנטון דעם מאַנטל. איך האָב אים דערביי געהאָלפן.

ס׳איז געווען פאַר דער בילדער־אויסשטעלונג פון מאָוריציוס גאָט־ליב אין ירושלים (צום הונדערטסטן געבוירן־טאָג פון דעם באַרימטן מאָלער). די אויסשטעלונג האָט אַש גענדאַרפט דערעפענען, און ער האָט געזוכט אין די ביכער־געשעפטן ביאָגראַפיש מאַטעריאַל וועגן גאָטליבן.

איך האָב נאָכגעקלערט מיט וואָס איך וואָלט פאַרט געקענט ביי אַשן אַרויסרופן אַביסל אויפמערקזאַמקייט. ס׳איז געווען נאָך די פּלאַקאַטן וואָס די רעליגיעזע פאַרטייען האָבן צעקלעפּט אין בת־ים, פול מיט זידלערייען און העצן קעגן אַשן און מיט דראָונגען פאַר דעם ראש העיר דוד בן ארי, אַז אויב ער וועט אַריינלאָזן קיין בת־ים דעם „מיסיאָנער״ שלום אַשן, דאַן — — — ס׳איז אויך געווען נאָך דעם רעפעראַט וואָס חיים ליבערמאַן האָט געהאַלטן אין בת־ים קעגן אַשן. די אַשס זענען דעמאָלט געווען אין ניצא, אויף זייער וועג קיין ישראל און זענען געווען אינפאָרמירט וועגן אַלץ וואָס ס׳קומט פאָר אין בת־ים. אין אַ בריוו פון ניצא פונעם 19־טן סעפּטעמבער 1955 צו בן ארי, דעם בירגערמייסטער פון בת־ים, רעדט

אַש מיט פאַרביטערונג וועגן דעם העצן פון די פרומע און פון חיים ליבער־מאַן אין בת־ים. אַזוינע אָנפאַלן קעגן אים — שרייבט ער — ווירקן זייער שטאַרק אויף זיין פרוי. מאַכן זי קראַנק. זיי האָבן שוין געזאָלט קומען, און איצט — שרייבט ער — ווייסט ער שוין אַליין נישט וואָס צו טון.

אין די ערשטע טעג האָט אַש זיך געפילט אין בת־ים ווי דער באָדן אונטער אים וואָלט געווען מינירט. איך האָב איצט געזאָגט: „איך האָב די זכיה צו זיין אייערס אַ לאַנדסמאַן. איך וווין אויך אין בת־ים”. דאָס האָט געווירקט. מיינע אַקציעס האָבן זיך מיט איין מאָל אַ הויב געטון... ער איז אַ מינוט שטיין געבליבן און מיך ערשט איצט אָנגעקוקט, געקוקט אויף מיר מיט אַ פאַרשנדיקן בליק, ווי ער וואָלט זיך וועלן פאַרזיכערן, צי ס׳שטייט פאַר אים אַ פריינד צי אַ שונא...

— ווי מיינט איר — האָט ער מיך געפרעגט — מ׳גרייט נישט אויף מיר קיין איבערפאַל?

איך האָב אים פאַרזיכערט אַז אַזאַ זאַך וועט קיינמאָל נישט געשען, אַז די פרומע אין בת־ים זענען אַ קליינער מיעוט, און אַז דער גרויסער רוב איז שטאָלץ און גליקלעך צו האָבן אַזאַ לאַנדסמאַן ווי שלום אַש. דער גרויסער רוב אין בת־ים — האָב איך געזאָגט — זענען די מזרח־אייראָפּע־אישע שארית־הפליטה וואָס האָבן עולה געווען אין די לעצטע 8—10 יאָר, דאָס זענען יידן וואָס שטאַמען מייסטנס פון פוילן, פון יענע יידישע שטעט־לעך, וואָס קיינער האָט זיי נישט אַזוי וווּנדערלעך באַזונגען ווי שלום אַש.

אַ גאַנצע שעה בין איך מיט אים אַרומגעגאַנגען. ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איינציק בוך־געשעפט (דאָס איז געווען די סיבה וואָס ער האָט נישט געוואָלט פאָרן), איבעראַל געזוכט דאָס נויטיקע מאַטעריאַל, און נישט געפינענדיק, איז ער ווייטער געגאַנגען.

ביים געזעגענען האָט ער מיר געדריקט די האַנט ווי אַן אַלטן באַקאַנטן און מיר געדאַנקט פאַר דער באַגלייטונג און „פאַר אַלץ”.

נאָר ווען איך בין צו אים געקומען מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער, כדי אים אין נאָמען פון יידישן שרייבער־פאַריין פאַרצולייגן אַ קבלת פנים פאַר אים, האָט ער מיך מער שוין נישט געקענט. איך האָב אַלץ געמוזט אָנהייבן פון סאַמע אָנהויב...

* *
*

ווען אַש וואָלט געווען כאָטש אַ שטיקל דיפּלאָמאַט אָדער אַביסל מער קאָנווענציאָנעל, אַזוי וואָלט ער אין דער סיטואַציע, אין וועלכער ער האָט זיך דעמאָלט געפינען, זיך נישט געטאָרט לאָזן לייטן פון זיינע שטי־מונגען, נאָר אין זיין אייגענעם אינטערעס וואָלט ער געדאַרפט זיין מער העפלעך צו יעדן פרעמדן.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן וואָס פאַר אַן אויפנאַמע ס׳האָט געהאַט דער גרעסטער יידישער פּראָזע־קינסטלער פון אונדזער דור, קומענדיק זיך באַזעצן אין לאַנד. קיין איינציקע אָפיציעלע העברעישע אינסטיטו־ציע האָט אים נישט באַאַכט, אים נישט באַגריסט, די צייטונגען האָבן נאָר געמאָלדן וועגן זיין קומען זיך באַזעצן אין לאַנד. בלויז איינצלנע מלוכה־פּערזענלעכקייטן האָבן אים אויפגענומען אין זייע־רע פּריוואַטע וווינונגען, ווי אַ פּערזענלעכן פריינד און ווי אַן אַלטן ציוניסט.

שלום אַש, וואָס האָט נאָך מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק באַזוכט דאָס לאַנד ווי אַ ציוניסט, וואָס האָט דעם ישוב באַשריבן און באַזונגען אין הונדערטער דערציילונגען און אַרטיקלען; וואָס האָט פּאַראייביקט אין דעם „געזאַנג פון טאָל" דעם העראָיזם פון די יידישע פּיאָנערן, וועלכע האָבן באַזיגט די טויט־זומפּן פון עמק. ער, וואָס איז געקומען קיין ישראל ווי מ׳קומט צו אַ היים, וואָס זאָל טרייסטן, באַשיצן, זיין אַ מקלט קעגן שונאים און פאַרפאָלגער, — האָט געדאַרפט זען ווי מען פאַרמאַכט פאַר אים די טירן.

מחוץ פון אָט דעם אומאָפיציעלן באָיקאָט זענען געשטאַנען: די פּרעסע אין יידיש און די יידיש־שרייבער אין ישראל. „די גאָלדענע קייט" איז דאַכט זיך געווען דער איינציקער יידיש־זשורנאַל אויף דער וועלט, וואָס האָט אין די קריטישסטע יאָרן געגעבן אַשן „אַזיל־רעכט", נאָך אַ סך פריער איידער ער איז זיך געקומען באַזעצן אין לאַנד. און פּונקט אַזוי האָט אַש, פונעם מאָמענט וואָס ער איז געקומען אין לאַנד ביז צו די לעצטע טעג פון זיין לעבן, זיך געדרוקט אין די „לעצטע נייעס". און

נאָך עמעץ האָט זיך נישט אָנגעשלאָסן דער „פּאַסיוועד רעזיסטענץ": די קוטנער לאַנדסמאַנשאַפט... די קוטנער אין ישראל זענען געווען די סאַמע ערשטע, וואָס האָבן איינגעאָרדנט אַ פייערלעכן קבלת־פּנים פאַר זייער באַרימטן לאַנדסמאַן. אַ ייד מיט אַ ווייסער באָרד, ר' אהרן שלמה עלבערג, דער יושב־ראש פון דעם אירגון, אַ יוגנט־חבר פון אַשן, וואָס האָט צוזאַמען מיט אים געלערנט אין בית מדרש אין קוטנע, האָט אין זיין באַגריסונגס־רעדע געזאָגט: נישט שלום אַש האָט קעגן אונדז, נאָר מיר האָבן קעגן אים געזינדיקט. ער האָט תמיד געמיינט נאָר אונדזער טובה, זיין כוונה איז געווען צו פאַרשיטן דעם תהום פון שנאה, וואָס הערשט צווישן „זיי" און אונדז... דער ייד האָט גערעדט מיט האַרץ, זיך געוואָרגן מיט די טרערן...

אין מערץ 1955 האָט דער יידישער שרייבער־פאַריין אין ישראל איינגעאָרדנט אַ פייערלעכן קבלת־פּנים פאַר שלום אַשן.

דער „אַש־באָיקאָט" ביי אונדז אין לאַנד איז אָבער געווען אַן אימפּאָרטירטער אַרטיקל, אַ קינסטלעך אייז וואָס האָט גאָר גיך געוומען שמעלצן. אַביסל שפּעטער — אַפילו אין געוויסע אָרטאָדאָקסישע קרייזן.



די ארלוזורוב־גאַס אין בת־ים מיט אַשס הויז (לינקס).

זיין לעצטע היים

דאָס געסל אין בת־ים, וווּ אַש האָט זיין קליינע ווילע אויפגעבויט, הייסט רחוב ארלוזורוב. כאָטש עס איז די פּאַראַלעלע גאַס פון צענטער, האָט מען דאָך דאָס געפיל, אַז דאָס געסל ליגט ערגעץ אין אַ ווייטער גרינער קוראָרט־געגנט. זעלטן אַז אַ וואָגן אָדער אויטאָ זאָל איבעררייסן די שטילקייט וואָס הערשט דאָ. ס׳קען אָפּט אַוועקגיין אַ גאַנצע שעה, און קיין מענטש זאָל זיך נישט באַווייזן אין געסל. קוקנדיק אויף דער ארלוזור־רוב־גאַס פון דער באַלעבטער רח׳ ירושלים, ווייזט זיך אויס, אַז דאָס איז אַ גרינע בוימער־אַליי. די וויניק הייזער וואָס געפינען זיך דאָ, שטייען נישט פּאַרנט צו דער גאַס צו, נאָר טיף אַריינגערוקט אין די גערטנער און זענען קאַמופלירט מיט געדיכטע ביימער. דאָס זענען די הייזער פון די ערשטע קאָלאָניסטן וועלכע האָבן זיך דאָ באַזעצט מיט אַן ערך 35 יאָר צוריק, ווען בת־ים האָט נאָך געהייסן „בית־וגן“, און איז נאָך געווען, ווי ווייט דאָס אויג האָט געגרייכט, איין גראָער זאַמד־מדבר.

פּונקט ווי דער פּויער, ווען ער גייט זיך בויען אַ נייע היים, שטעלט ער דאָס ערשטע אויף די שטאַל פאַר די בהמות, אַזוי האָט דער ערשטער קאָלאָניסט געפלאַנצט אַ גאָרטן, געפלאַנצט בוימער, נאָך איידער זיין הויז איז פאַרטיק געווען, און דאָס איז אין בת־ים גאָרנישט געווען פון די לייכטע זאַכן, ווייל צוזאַמען מיט בוימער האָט מען אויך געמוזט „פּלאַנצן“.... ערד. די מי האָט אָבער געלוינט. היינט איז בת־ים איינגעטונקען אין גרינקייט. אירע הויכע און געדיכט־צעצווייגטע בוימער וואַרפן ווייטע שאָטנס און זענען אַ דערפרישונג און אַ שוץ קעגן דער ברענענדיקער זומער־זון, אירע גערטנער און בלומען־אַלייען זענען אַ שם דבר אין לאַנד.

די גרינדער פון בית־וגן זענען געווען פרומע יידן פון ירושלים.

צווישן די פילע פונקטן וואָס די געזעלשאַפט (טאַקע אויפן נאָמען „בית־וגן") האָט פאַרגעשריבן אין אירע פאַרקויפס־קאָנטראַקטן פאַר די קויפער פון מגרשים, האָט זיך אויך געפינען אַ פונקט, אַז דער קויפער טאָר נישט מחלל שבת זיין בפרהסיה...

אין די זכרונות פון איינעם פון די בית־וגנער ערשטע קאָלאָניסטן ווערט דערציילט אַזאַ עפּיזאָד: צוויי זין, וואָס האָבן געהאַט אין בית־וגן זייערע עלטערן, פלעגן יעדן שבת אין דער פרי גיין לענגאויס די זאַמדן פון ים־ברעג, פון תל־אביב קיין בת־ים, כדי די ערשטע 8 קאָלאָניסטן זאָלן קאָנען דאַוונען מיט מנין...

פון דעמאָלט אָן זענען אַ סך וואַסערן אין ים אַריינגעפלאָסן. דאָס אַמאָליקע בית־וגן איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם הייג־טיקן בת־ים. פון אַ פּריוואַטער געזעלשאַפט, אַ קאָמיטעט, איז געוואָרן אַ שטאָט־ראַט, וועלכער מאַכט זיך גאָרנישט דערפון, ווען אירער אַ בירגער איז מחלל שבת. אַבי ער צאָלט נאָר פּינקטלעך אַלע געמיינדע־שטייערן...

אָבער נישט געקוקט אויף אַלע רעפאָרמען און רעליגיעזער טאָלע־ראַנץ, איז דער כאַראַקטער פון שטעטל פאָרט געבליבן אַ רעליגיעזער. דאָ קאָן מען נאָך טרעפן אין דער שול זיצן יידן ביי אַ בלאַט גמרא. ס'ווערן נאָך געפּראַוועט שלוש־סעודותן און מלווה־מלכותן לויטן אַמאָליקן שטייגער, און אין צענטער פון שטעטל וועט מען שבת נישט וואַגן זיך צו פאַר־רויכערן אַ פּאַפּיראָסל. אָט די קליינע צאָל תושבים פון דער אַמאָליקער בית־וגן ,האָט דאָס געאַרבעט מעשים, הערנדיק אַז שלום אַש, דער „משומד" און „מיסיאָנער" באַזעצט זיך אין ק"ק בת־ים.

בת־ים איז זינט דער אַנטשטייונג פון דער מדינה געוואַקסן פון 2 אויף 30 טויזנט איינוווינער. עס זענען צוגעבויט געוואָרן איבער טויזנט בלאָק־הייזער, צענדליקער נייע גאַסן, אַלייען און אַספאַלטירטע שאָסייען זענען אַנטשטאַנען. די דאָזיקע פיבערהאַפטע בוי־טעטיקייט האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשפּילט אין צענטער פון בת־ים, נאָר מחוץ פון איר. בת־ים האָט אויסגענוצט אירע אַרומיקע ווייטע זאַמד־שטחים. עס זענען אַנטשטאַנען אַ גאַנצע ריי נייע זעלבשטענדיקע, פאַר זיך געשלאָסענע קוואַרטאַלן, מיט אייגענע נעמען ווי: שכון עמידר, שכון ותיקים, רמות־ים און אַנדערע.

אַזוי אַרום איז דאָס שטעטל אַליין ביי דעם גאַנצן בוי־פּיבער (וואָס האָט ביז היינט נישט נאָכגעלאָזט), געבליבן „פאַרשווינט". עס האָט אָפּגעהיט איר אַלטן אידילישן כאַראַקטער. דערמאנט טאַקע בת־ים אין יענע קליינע „מוטער־לענדער" וואָס זענען רייך און מעכטיק געוואָרן אַ דאַנק זייערע גרויסע קאָלאָניעס... בת־ים אַליין האָט היינט נישט מער ווי 5 טויזנט איינוווינער, בעת בלויז איינע פון אירע „קאָלאָניעס" — שיכון עמידר למשל — האָט קרוב 15 טויזנט...

יאָ, דאָס שטעטל בת־ים אַליין (אָן די „קאָלאָניעס"), איז געבליבן כמעט אַזוי ווי עס איז געווען מיט 10 — 15 יאָר צוריק, דאָס זעלבע אויס־זען, די זעלבע מענטשן, די זעלבע שטילקייט...

רעדנדיק מיט מיר אַמאָל וועגן איר נייער היים, האָט מאַטילדא אַש געזאָגט, אַז בת־ים דערמאָנט זי אין... קוטנע: דאָס זעלבע אויסזען, די זעלבע קליינע קלייטן און געשעפטן, די זעלבע געזעלשאַפטלעכע אָפּגעזונ־דערטקייטן, די זעלבע קליינשטעטלדיקייט...

אפשר האָט אַש טאַקע דערפאַר אויסגעקליבן אָט דאָס שטילע שטעטל פאַר זיין לעצטער היים? אפשר האָט ער נאָך די אַלע שטורעמס פון די לעצטע יאָרן געבענקט נאָך דעם אידילישן שטעטל פון זיין קינד־הייט — וועמענס המשך און נייער גלגול עס איז בת־ים?

אויף אַ גלעזל טיי ביי די בן־ארי׳ס

רעכטס: דוד בן־ארי און שלום אַש, לינקס: מאַטילדא אַש און בתיה בן־ארי

זיין לעצטער שכן

אַז דוד בן־ארי, דער ראש העיר פון בת־ים, האָט אַשן אָנגעבאָטן „אַזיל־רעכט" אין זיין קהילה, האָט ער געוווּסט, אַז אַזוי לייכט וועט דאָס אים נישט אָנקומען. און ער האָט קיין טעות נישט געהאַט. נישט נאָר האָט ער געדאַרפט קעמפן קעגן די אייגענע, אָרטיקע פאַנאַטיקער, נאָר אויך קעגן געוויסע „ליבעראַלן". עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין „פריינטלעכע" עצות מצד געוויסע הויכע פענצטער, וועלכע האָבן אים געראָטן, אַז צוליב שלום־בית וואָלט גלייכער געווען, אַז ער זאָל זיך נישט אַריינלאָזן אין קיין „אַוואַנטורעס"...

בן־ארי האָט אָבער פאַר יעדן פּרייז געוואָלט האָבן שלום אַשן אין זיין געמיינדע.

בן־ארי, דער מענטש מיט אַ פּראַקטישן און רעאַלן חוש פאַר מוניציפּאַלע און ווירטשאַפטלעכע פראַגן, בן־ארי דעם ותיק, האָט אָבער אויך נאָך פאַרכאַפּט דאָס קליינע אידילישע פּויליש־יידישע שטעטל מיט אַלע זיינע חנען און איינגעזאַפּט אין זיך אַלע שיינקייטן פון אַלטן יידישן שטייגער. פאַר אים איז שלום אַש נישט געווען קיין אַבסטראַקטער באַגריף, נישט בלויז אַ קלינגענדיקער נאָמען, פאַר אים איז ער געווען דער, אויף וועמענס ווערק ער האָט זיך גייסטיק אויסגעכאָוועט, וועמענס ראָמאַנען און דערציילונגען ער האָט ממש געשלונגען זייענדיק נאָך אַ יונג בחורל אין זיין היים־שטעטל פּלאָנסק. פאַר אים איז אַש געווען דער מחבר פון „שטעטל", פון „שלמה נגיד", פון „קידוש השם", פון „תהלים־ייד". פאַר אים איז ער געווען דער, וואָס האָט געשטעלט דעם שענסטן דענקמאָל פאַר די אַלע יידישע קוטנעס און פּלאָנסקס, פון וועלכע ס'איז מער קיין זכר נישט געבליבן. און אָט דעם אַשן (און קיין אַנדערער האָט פאַר אים נישט

עקזיסטירט) האָט ער געוואָלט האָבן אין זיין געמיינדע, און ער האָט זיין ציל דערגרייכט.

„מיינע פוילישע יידן זענען מער נישטאָ" — האָט אַש אַמאָל געזאָגט צו בן־ארי מיט טרערן אין די אויגן — איז נישטאָ וועד עס זאָל זיך פאַר מיר אָננעמען"...

האָט דער פלאָנסקער ייד בן־ארי זיך געפילט ווי איינער פון די לעצטע חסידים פון שלום אַשן, וואָס זענען צוריקגעבליבן פונעם מיליאָ־ניקן פוילישן יידנטום, און ער האָט געפילט אַז אויף אים ליגט דער חוב, זיך אָנצונעמען פאַר זיין גרויסן אָנגעגריפענעם רבין...

דער עקזאַמען

ווי אַשס אַ „לאַנדסמאַן" און אַ שכן (מיין דירה איז 5—6 מינוט גאַנג פון זיין ווילע), איז מיר נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען אַריינצוקומען דאָס ערשטע מאָל צו אים אין שטוב אַריין. שרה, די ווירטשאַפטערין (אויך אַ בת־ימער, וווינט טאַקע אין זעלבן געסל) האָט אויף מיין קלינגען געעפנט די טיר. איך האָב זי געבעטן מעלדן אַשן, אַז איך קום אין נאָמען פון יידישן ליטעראַטן־פאַריין. זי האָט מיך געלאָזט שטיין אין דרויסן פאַר דער פאַרמאַכטער טיר. נאָך אַ מינוט איז זי צוריקגעקומען און מיר געזאָגט אַז אַלעס וואָס איך דאַרף צום אדון אַש, זאָל איך אים שריפטלעך מודיע זיין...

— איך פערזענלעך באַדאַרף צו אים גאָרנישט — האָב איך אַ באַליידיקטער געזאָגט — איך קום אין נאָמען — — —

— וועגן מיר... פאַרענטפערט זיך שרה — אָבער דער אדון אַש...

איך בין אַוועק מיט אַ געפיל ווי מען וואָלט מיך אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ.

אַהיים קומענדיק האָב איך אָנגעשריבן אַ קורץ אָפיציעל בריוול צו אַשן, בעטנדיק, מיר באַשטימען אַ באַגעגעניש פון אַ פערטל שעה. נישט באַקומענדיק נאָך עטלעכע טעג קיין ענטפער, האָב איך אַשן אָנגעקלונגען. ביים אַפּאַראַט איז געווען די פרוי אַש. זי איז געווען אינפאָרמירט וועגן מיין בריוו. דאָס איז געווען אין אַ פרייטיק, די לעצטע טעג פון דעם גורל־דיקן חודש נאָוועמבער 1956. זי האָט מיך באַשטעלט אויף שבת פאַרמיטאָג.

צו דער באַשטימטער שעה האָב איך אָנגעקלונגען אין אַשס טיר. די ווירטשאַפטערין האָט מיר געעפנט און ווידער געגאַנגען מעלדן אַשן. נאָר שטאָט מיך אַריינצולאָזן, איז אַש צו מיר אַרויסגעקומען, אין דרויסן פאַרן הויז זענען געשטאַנען צוויי אויטאָס. פון שטוב האָט מען אַרויסגע־

הערט שטימען פון מענער און פרויען: אַש האָט געהאַט געסט. ער האָט מיך אַרויסבאַגלייט ביז אויף דער גאַס אַרויס.

— מיר האָבן ערשט נישט לאַנג דערעפנט אונדזער אייגענעם לאָקאַל — האָב איך געזאָגט. נאָך 25 יאָר האָבן יידיש־שרייבער אין ישראל ענדלעך באַקומען אַ דאַך איבערן קאָפּ. ווילן מיר אַז שלום אַש זאָל אונדזער קלוב באַשיינען. אַ חוץ דעם, האָב איך געזאָגט, זענט איר מיט אונדז געווען אין די שווערע טעג. יידן ווילן הערן אייער וואָרט פון טרייסט און דער־מוטיקונג.

— ניין, ער קען נישט — האָט ער געזאָגט. איצט נישט. ער איז צו נערוועז, צו צערודערט, אפשר שפּעטער, אַביסעלע שפּעטער, האָט ער זיך געבעטן — אַז גאָט וועט העלפן... דערווייל זעט איר דאָך וואָס ס׳טוט זיך... די וועלט קאָכט מיט אונדז, וויל אונדז, חלילה, אומברענגען... ווער האָט איצט דעם קאָפּ צו אַזוינע זאַכן?... אַזוי רעדנדיק האָט ער מיך אַרויסבאַ־גלייט ביז צו דער רחוב ירושלים. דאָ האָט ער מיר געגעבן די האַנט און זיך אומגעקערט אַהיים.

אַ גאַנצן טאָג איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן אַשס טרויעריק פּנים, און ס׳האָט מיר געקלונגען אין די אויערן זיין געבראָכענע שטים: „די וועלט האָט מיט אונדז צו טון... מ׳וויל אונדז, חלילה, אומברענגען״...

דער פּאַרדרוס וואָס איך האָב אויף אים געהאַט איז איצט אינגאַנצן צערונען געוואָרן.

מיט אַן ערך צוויי וואָכן שפּעטער האָבן מיר סוצקעווער און אויך א. ליס (וועלכער האָט אַשן איינגעלאַדן אויף אַ שמועס אין „קול ישראל לעולה״) איבערגעגעבן, אַז אַש איז שוין מסכים צו אַ קבלת־פּנים אין פּאַריינס־קלוב, איך זאָל מיך מיט אים פאַרבינדן און באַשטימען די דאַטע. דאָס איז געווען אין מיטן חודש דעצעמבער. דאַסמאָל בין איך תיכף אַריינ־געלאָזט געוואָרן.

נאָכדעם ווי אַש האָט באַשטימט די דאַטע פון זיין אָוונט, און איך האָב מיך שוין אויפגעהויבן אויף אַוועקצוגיין, האָט ער מיך פּלוצעם געפרעגט (ווי ער וואָלט עס פון מיר קיינמאָל נישט געהערט) ווו איך וווין.

און אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וווין עטלעכע מינוט גאַנג פון זיין הויז, האָט ער מיך געפרעגט צי איך בין פריי.

— כמעט — האָב איך געזאָגט.

און נאָך אַ קליינער פויזע האָט ער מיך פלוצעם אַ פרעג געטון:

— איר שרייבט?

אַזאַ אומגעריכטע פראַגע פון שלום אַשן האָט מיך אַביסל צעטומלט...

— אָט אַזוי... פון צייט צו צייט...

— און ווו דרוקט איר אייך? האָט ער נישט אָפּגעלאָזט.

— ווו ס'לאָזט זיך. אין דער לאָקאַלער פּרעסע, אַמאָל אין אויס־לאַנד, און דערזעענדיק אין זיין ביכער־שאַנק עטלעכע זשורנאַלן „גאָלדע־נע קייט", האָב איך מוסיף געווען: אויך אין די „גאָלדענע קייט".

— איר קענט מיר געבן אַ נומער ווו איר האָט זיך געדרוקט?

איך האָב אַרויסגענומען דעם נומער 25 און אים דערלאַנגט. אין דעם נומער איז געווען געדרוקט מיין רעצענזיע וועגן צבי אייזנמאנס „די באַן".

— לאָזט דעם זשורנאַל אויף מיין טיש, איך וועל שפּעטער לייענען. און לאָזט אויך אייער אַדרעס.

צוויי טעג נאָך דעם דאָזיקן שמועס, אַהיימקומענדיק פון תל־אביב, דערציילט מיר מיין פרוי אַז אַש איז מיט זיין אויטאָ פאַרפאָרן פאַר אונדזער הויז, און הערנדיק אַז איך בין נישטאָ, האָט ער געלאָזט זאָגן דורכן שאָפער, אַז ווען איך וועל אַהיימקומען פון שטאָט, זאָל איך צו אים אַריבערקומען.

אין דער לאַבאָראַטאָריע

דאָסמאָל האָט מיר געעפנט די פרוי אַש און מיך אויפגענומען מיט די ווערטער: אַש וואַרט שוין אויף אייך. זי האָט הפּנים געוווּסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

איך האָב אַשן געטראָפן אין אויפנעם־צימער. ווען איך בין אַריינגעקומען, האָט ער זיך אויפגעהויבן און איך בין מיט אים אַריין אין אַרבעט־צימער. ער האָט מיר אָנגעוויזן אַ שטול און איז גלייך צוגעטרעטן צום ענין.

— איך האָב אייך געהייסן... געבעטן — האָט ער זיך פאַרראַכטן — קומען... איבערגעלייענט אייער... האָט ער געוויזן מיטן פינגער אויפן זשורנאַל „גאָלדענע קייט", וואָס איז נאָך געלעגן אויף זיין שרייב־טיש. — אין אַמעריקע האָב איך אַ סעקרעטאַר... שוין אַ סך יאָרן... אָפּזאָגן קאָן איך אים נישט... איר פאַרשטייט מיך?...

נייך, איך האָב אים נישט פאַרשטאַנען: צוליב וואָס־זשע האָט ער מיך באַשטעלט? כדי מיר צו זאָגן, אַז ער קאָן זיין אַלטן סעקרעטאַר נישט אָפּזאָגן?...

— איר פאַרשטייט? — האָט ער ווייטער גערעדט מיט אָפּגעהאַקטע זאַצן — אָפּזאָגן קאָן איך אים נישט, אָבער ער איז דאָרט... און איר... כ'דאַרף אַ מענטש דאָ... וועל איך מוזן מיט אים פאַרטיק ווערן... אַדורכקומען... אים צאָלן חודשלעך אָדער אַן אַנטשעדיקונג... איר פאַרשטייט מיך?

איצט האָב איך אים פאַרשטאַנען.

— כ'דאַרף נישט קיין גאַנצן טאָג. בלויז אַ 2—3 שעה אין טאָג. איז לאָמיר זיך צונויפרעדן...

נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך „צונויפגערעדט", האָט מיר אַש געהייסן

צורוקן זיך צום שרייב־טיש און ער האָט מיר אונטערגערוקט אַ בויגן פון זיין כתב־יד.

— פּרוווט לייענען מיין כתב־יד, ווען מיר זען צי ס׳גייט — האָט ער געזאָגט.

איך האָב מיך גענומען לייענען. ס׳זענען געווען שורות איבער וועלכע איך בין געגאַנגען ווי איבער אַ גלאַטן שאָסיי. און ביי אַנדערע שורות האָב איך זיך נישט געקענט אַרויספּלאָנטערן איבער אַ וואָרט און בין שטיין געבליבן. ער האָט מיר געמוזט אַרויסהעלפן, כדי איך זאָל קענען ווייטער גיין.

ביים לייענען פרעמדע כתב־ידן מוז מען אָפט מער טרעפן ווי איבערלייענען אַ וואָרט. מען דערקענט אַ געשריבן וואָרט מיינסטנס לויט זיין אָרטאָגראַפישן בילד, לויט זיין אויסלייג־„מונדיר״, מיט וועלכן דאָס או״ג געוווינט זיך צו אין משך פון אַ סך יאָרן. מען אַנטציפּערט אויך אָפט אַן אומדייטלעך געשריבן וואָרט פון אַ פרעמדן כתב־יד לויט דעם זין פון זאַץ, מען פרוווט צי עס פּאַסט אַריין אין דער ראַם פון געדאַנק און פון זאַץ־בוי, פּונקט ווי דאָס קינד פּאַסט־צו די בוישטיינער פון זיין שפּילצייג, אַז ס׳זאָל אַרויסקומען דער געפּלאַנטער פּאַלאַץ.

ביי אַשן האָבן זיך נישט געלאָזט אַנווענדן די דאָזיקע כללים. זיין אָרטאָגראַפיע האָט נישט ווייניקער געהערט צו די אַנטיקוואַרישע זעלטנ־הייטן ווי זיינע חנוכה־לעמפּלעך... אויך זיין סינטאַקס האָט זיך זעלטן אונטערגעוואָרפן די גראַמאַטיקאַלישע כללים און געזעצן. אַ חוץ די אַלע „חטאים״ האָט נאָך אַש געהאַט די געוווינהייט אָפּט אַדורכצולאָזן וואָקאַלן, (למשל: גרופן, גצויגן, בוויזן, בגאַנגען). אויך האָט זיך זיין באַשטימטער ווייבלעכער אַרטיקל זעלטן געלאָזט דיקטירן פון דעם פאָרוואָרט. ער האָט געשריבן: צו די מוטער, מיט די שיף.

נאָכדעם ווי איך האָב עטלעכע מינוט געלייענט, האָט אַש געזאָגט:

— איך זע אַז ס׳וועט גיין.

— ס׳איז מיר אַביסל שווער צוליב... איר שרייבט נאָך מיט דער אַלטער אָרטאָגראַפיע.

— יאָ, כ׳בין שוין אַזוי געוווינט.

— זאָל איך איבערשרייבן מיט דער זעלבער אָרטאָגראַפיע?

— ליבער וואָלט מיר געווען, אויב איך וועט נאָר נישט שווער זיין.

— זיכער וואָלט מיר לייכטער געווען מיטן נייעם אויסלייג. נאָר אויב איר ווילט...

ער האָט אַ ווײלע נאָכגעקלערט. דאַן האָט ער מיך אַ פרעג געטון: איר ווייסט נישט אין וועלכער אָרטאָגראַפיע מיינע לעצטע ביכער זענען געדרוקט? מיר דאַכט זיך אַז אַזוי ווי איך שרייב...

— איך גלויב אַז נישט... איבריקנס — האָב איך געזאָגט — איך האָב אין דער היים אייערע לעצטע ראָמאַנען אין אָריגינאַל, וועל איך אַ קוק טון.

צומאָרגנס האָב איך אים געבראַכט דאָס בוך „דער מאַן פון נצרת" (פאַרלאַג א. לאוב, ניו־יאָרק, 1955) און אים געוויזן, אַז די אָרטאָגראַפיע איז די אולטראַ־מאָדערנע.

יאָ, איר האָט רעכט. נו, אויב אַזוי, שרייבט אין „אייער" אָרטאָ־גראַפיע. און נאָך אַ פויזע פרעגט ער: זאָגט מיר איך בעט אייך, ווי אַזוי שרייבט מען ביי „אייך" זון? כ׳מיין די זון פון הימל?

— מ׳שרייבט: ז׳, ו׳, נ׳.

— און ווי אַזוי שרייבט מען זון, אַ טאַטנס אַ זון?

— אויך אַזוי.

— נו, זעט איר שוין? וווּשע איז דער חילוק? — מאַכט ער מיט ביטול.

און דערביי האָט ער פאַרגעסן, אַז ביי אים איז אויך קיין חילוק נישטאָ צווישן „זון" אין הימל און „זון" פון אַ טאַטן:ביידע ווערטער שרייבט ער: „זיהן"...

אַש האָט אַרויסגענומען פון דעם שופלאָד בויגנס לינירט פּאַפּיר און אַ צענדליק בויגן גלאַט־ווייס פּאַפּיר.

— דאָס ווייסע פּאַפּיר איז אויף איבערצושרייבן אויף דער שרייב־

מאַשין — האָט ער געזאָגט — און אויף דעם לינירטן פּאַפּיר זאָלט איר קודם איבערשרייבן מיט דער האַנט מיין כתב־יד. שרייבט קלאָר און ריין, כ׳זאָל קאָנען לייענען. און ערשט נאָכדעם, ווי כ׳וועל איבערקוקן און פאַר־ריכטן, וועט איר עס איבערשרייבן אויף דער שרייב־מאַשין. איר פאַר־שטייט מיך?

די פראַזע „איר פאַרשטאָיט מעך״ ״ האָט אַש שוין אַביסל צו אָפט געברויכט, אָפטמאָל אפילו דאָרט, ווו ס׳איז נישט געווען אַ סך צו פאַר־שטיין... און פונקט אַזוי האָט ער כמעט ביי יעדן געזעגענען זיך מיט מענטשן געברויכט די פראַזע „איך דאַנק אייך זייער״, אָפטמאָל אפילו דעמאָלט, ווען נישט ער, נאָר דער צווייטער האָט געדאַרפט דאַנקען...

— איר פאַרשטייט מיך?

— יאָ.

— און אַז ס׳וועט אייך זיין שווער איבערצולייענען אַ וואָרט, זאָלט איר נישט פטרן קיין אומזיסטע צייט. שטעלט אַוועק אויפן אָרט פון דעם וואָרט אַ פראַגע־צייכן. איר פאַרשטייט?

איך האָב געוואָגט אים צו פרעגן:

— און אַז איך וועל זען אַז איר האָט זיך ערגעץ טועה געווען מיט אַ נישט פּאַסיק וואָרט, מעג איך פאַרריכטן?

אַש האָט מיך ריכטיק פאַרשטאַנען.

— יאָ, איר קענט, נאָר שטעלט אייער וואָרט נעבן מיינעם אין פאַראַנטעז און מיט אַ פרעג־צייכן.

איך בין געגאַנגען אַ שריט ווייטער:

— און אַז ס׳וועט זיין עפּעס צו פאַרריכטן אין דער סינטאַקס?

— דאַן מאַכט עס אויך אַזוי ווי ביי אַ וואָרט. שפּעטער, ביים איבערקוקן, וועלן מיר זען... צום רב וועלן מיר נישט גיין... האָט ער גוטמוטיק געשמייכלט.

פאַרן אַהיימגיין האָב איך געעפנט דאָס בוך „דער מאַן פון נצרת״ וואָס איך האָב פון דער היים מיטגעבראַכט און אים געבעטן אַ דעדיקאַ־ציע. ער האָט איינגעטונקען די פעדער אין גרויסן טינטפאַס און געשריבן:

„צו מיין קאָלעגע יצחק פּאַנער מיט די האָפענונג צו ווערן מיין פריינד. שלום אַש".

אַ צייט־לאַנג האָט מיר אַשס „קאָלעגע" נישט געגעבן קיי רו... צום סוף האָב איך מיך גענומען טרייסטן, געפּרוווט אין אַשס ווידמונג אַריינטייטשן טיפע געדאַנקען און רמזים: ער האָט דערמיט זיכער געמיינט צו זאָגן — האָב איך געפּרוווט מיר אויסרעדן — אַז אַזוי ווי זיינע אמתע קאָלעגן זענען אים שונאים, ווינטשט ער זיך „קאָלעגן" וואָס זאָלן אים קאָנען זיין פריינט...

אינטעריער

די ווילע פון די אַשס איז אַ קליינע. זי באַשטייט פון 4 צימערן: אַן אויפנעם־צימער מיט אַן אָפּגעטיילט עס־צימערל, אַ קיך, אַ שלאָף־צימער און אַשס אַרבעט־צימער. פונעם קליינעם קאָרידאָרל קומט מען אַריין אין דעם אויפנעם־צימער. ביי דער וואַנט שטייט אַ סאָפע, אַ טיש און פאָטעלן פון דער צייט פון לודוויג דעם 16־טן. ביי דער גלאָז־טיר שטייט אַ בראָנזענער ביוסט פון אַשן אין לעבנסגרייס, פון דעם באַרימטן סקולפּטאָר יעקב עפּשטיין. ביי אַ צווייטער וואַנט שטייט אַן אַלטפראַנקישע קאָמאָד פון אַ זעלטן האָלץ, מיט פיר שיפלאָדן. אויף די ווענט הענגען קונסטבילדער פון: זיגמונד מענקעס, מארק שאַגאַל, מאוריצי גאָטליב, פּיסאַראָ, קיסלינג, מילע, דעלאַקרוא, און אַנדערע.

דער סאַלאָן איז אָפּגעטיילט פון עס־צימער מיט אַ האַלבער וואַנט. קנאַפּ פאַרן סופיט, אויף אַ לאַנגער שמאָלער פּאָליצע זענען אויסגעשטעלט חנוכה־לעמפּלעך, מעטאַלענע טעלער, טאַצן, קרוגן פון פאַרשידענע יאָר־הונדערטער. אַ שמאָלער קאָרידאָר טיילט אָפּ דאָס שלאָף־צימער פון אַשס אַרבעט־צימער. ביי איין וואַנט שטייט אַ ברייטער טאַפּטשאַן, איבער אים הענגען צוויי לאַנדשאַפט־בילדער (אייל) פון דעם רוסיש־יידישן מאָלער איזאַק לעוויטאַן. אויף דער אַקעגנאיבערדיקער וואַנט — אַ פּאָרטרעט אין אייל פון אַשס טאָכטער רות, אַ פּייסאַזש פון סיסלעי. צווישן די איינגעראַמ־טע פאָטאָגראַפיעס: אַ בילד פון אַשן מיט שלום עליכם (איינע פון שלום עליכמס לעצטע פאָטאָגראַפיעס אין אַמעריקע), אַ בילד פון אַשן מיט חיים ווייצמאַן, און איבער זיין שרייב־טיש — אַ פאָטאָגראַפיע פון ר׳ שיעלע קוטנער, וועגן וועמען אַש רעדט מיט גרויס ליבשאַפט און יראת הכבוד. דאָ שטייט נאָך אַ קאָמאָד אין זעלבן סטיל ווי יענע פון אויפנעם־צימער, צוויי פאָטעלן און אייניקע האָלץ־בענקלעך מיט שמאָלע געזעסן, הויכע און

שמאָלע אָנלענס און הויכע פּיס, די דאָזיקע בענקלעך זענען אַמעריקאַנישע און שטאַמען נאָך פון דער ענגלישער קאָלאָניאַל־תּקופה. דער ביכער־שראַנק איז אַ רעלאַטיוו קליינער(אַשס מייסטע ביכער זענען נאָך אין לאָנדאָן). אין אַ גלאָז־שראַנק ליגן אַלטע האַנט־געשריבענע אגודות של פּסח, אַלטע מגילות, זעלטענע אַנטיקן, צווישן זיי — אויך דער אָרדן „פּאָלאָניא רעסטיטוטא" וואָס אַש האָט באַקומען פון דער פּוילישער רעגי־רונג אין יאָר 1932. אויף די ווענט פון אויפנעם־ און אַרבעט־צימער הענגען אויך אויסצייכענונגען און ערן־דיפּלאָמען פון שטעט, אַקאַדעמיעס, אינסטיטוציעס. דאָס גאַנצע הויז איז איין מוזעום פון טייערע קונסט־בילדער און זעלטענע אַנטיקן.

ביי דער פראָנט־וואַנט שטייען אַשס שרייב־טישן. איינער ביים פענצטער און דער צווייטער אַביסל ווייטער, לעבן דער גלאָז־טיר וואָס פירט אַרויס אין הינטערשטן גאָרטן.

דערזעענדיק צום ערשטן מאָל אַשס שרייב־טישן, האָב איך געהאַט דאָס זעלבע געפיל, ווי קומענדיק בעתן ערשטן וועלט־קריג קיין ווין, האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען די בורג פון דער האַבסבורגער דינאַסטיע. איך האָב מיר תּמיד פאָרגעשטעלט, אַז דאָס הויז ווו דער קייסער וווינט דאַרף זיין דער גרעסטער, העכסטער און שענסטער בנין אין ווין... צום סוף האָב איך דערזען פּשוטע אַלטפרענקישע בנינים מיט קליינע אַלט־פרענקישע פענצטער און טירן...

איך האָב געמיינט אַז שלום אַש דאַרף האָבן דעם גרעסטן, שענסטן און מאָדערנסטן שרייב־טיש... און דאָ האָב איך צו מיין פאַרוווּנדערונג דערזען צוויי פּראָסטע מאַסיווע טישן ווי מען האָט זיי געקענט טרעפן אין די באַלעבאַטישע שטובער פון די אַמאָליקע קליינע שטעטלעך. און נאָך מער דערשטוינט בין איך געבליבן, דערזעענדיק שטיין אויף יעדן טיש אַ טינטנפאַס און אַרום זענען געלעגן אַ סך פעדערן מיט האָלץ־שטילן. אַש האָט נישט געקענט שרייבן מיט קיין פיל־פעדער, נאָר מיט אַזוינע פעדערן מיט וועלכע ער האָט געשריבן מיט 60 — 50 יאָר צוריק.

פאַרוואָס ער שרייבט נישט קיין רעאַליסטישן ישראל־ראָמאַן

5.1.57

נעכטן אין דער פרי בין איך געגאַנגען צו אַשן, ער זאָל אונטער־שרייבן די בריוו וואָס ער האָט מיר מיט אַ טאָג פריער דיקטירט. (אַש האָט קיין שרייב־מאַשין נישט געהאַט, האָב איך זיינע מאַנוסקריפטן און די בריוו איבערגעשריבן ביי מיר אין דער היים, אויף מיין שרייב־מאַשין.) ס'איז געווען אַ טאָג נאָך דער באַגעגעניש מיט אים אין יידישן ליטעראַטן־פאַריין. דער לאָקאַל (וואָס האָט 175 זיץ־פּלעצער), איז געווען אַזוי געפּאַקט, אַז ס'זענען מער מענטשן געשטאַנען ווי געזעסן. אַש האָט זיך אין דעם טאָג נישט גאַנץ גוט געפילט און פאַרנדיק צום אָוונט האָט ער זיך פאַרגענומען זייער ווייניק צו רעדן. נאָר אַז ס'איז געקומען דערצו, האָט ער זיך פאַרגעסן און גערעדט אַ דרייפערטל שעה. און גערעדט מיט אַ סך האַרץ. ס'איז געווען זיין ערשטער עפנטלעכער אַרויסטריט נאָך די גורלדיקע נאָוועמבער־טעג.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט דער ליטעראַרישער רעדאַקטער פון ראַדיאָ „קול ישראל" (יידיש־אוידיציע), א. ליס, געהאַט מיט אים אַ שמועס (דאָסמאָל צופעליק פאַר דער העברעישער אוידיציע). די אויפנאַמע פון דעם שמועס איז געמאַכט געוואָרן ביי אַשן אין שטוב. אַש האָט גערעדט וועגן דער סיני־אַקציע און זיינע ווערטער האָבן אַלע העברעישע צייטונגען געבראַכט דעם צווייטן טאָג וואָרט פאַר וואָרט.

אַש האָט צווישן אַנדערן געזאָגט:

„מיט די ישראל־העלדן אין מדבר סיני זענען געווען אַלע דורות פון יידישן פאָלק, און מיט די געפאַלענע פון צה"ל זענען געווען די יידישע קרבנות פון אַלע גלותן, די אומגעקומענע פון פאָגראָמען, די פאַרברענטע אין די קרעמאַטאָריומס".

„איך גלויב באמונה שלימה — האָט ער געזאָגט — אַז דער נס פון

אַנטשטיין פון דער מדינה. נאָך דער פאַרניכטונג פון אייראָפּעישן יידנטום איז געווען אַ נס מן השמים, און איך גלויב אויך אין דער צוקונפט פון ישראל, אַז קיין מענטשלעך בייז קעגן איר וועט נישט מצליח זיין. און די וועלט פון גערעכטיקייט וועט סוף כל סוף איינזען, אַז נישט צוליב דעראָבערונגען און רווחים איז ישראל אַרויסגעגאַנגען אַרויסצושלאָגן דעם חלף פון די הענט פון מצרישן אַגענט פון מאָסקווע, נאָר כדי צו ראַטעווען זיין קיום און זיין פרייהייט".

ביים קבלת־פּנים אין ייד. ליטעראַטן־פאַריין האָבן אייניקע רעדנער אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, אַז אַש איז ביים אָנהויב פון דער סיני־אַקציע נישט אַנטלאָפן, ווי אַ סך אַנדערע יידן מיט אויסלענדישע פּעסער, נאָר ער איז געבליבן מיט אונדז אין די שווערע טעג.

— קומט מיר אַ קניפּ אין בעקל — האָט אַש אין זיין ענטפער געזאָגט — אַ גרויסער אויפטו פון מיר וואָס איך בין נישט אַנטלאָפן!... פאַר זיי, אונדזערע קינדער, זאָלן מיר זיך בייגן! האָט ער אויסגערופן — פאַר זיי, וואָס האָבן זייער בלוט פאַרגאָסן פאַר אונדזער פרייהייט און אונדזער כבוד!

— מיר זענען געווינט — האָט ער געזאָגט — אַז די וועלט זאָל אויף אונדז רחמנות האָבן, אונדז באַדויערן. איז גוט אַז די וועלט זאָל אויף אונדז אַמאָל אויך ברוגז זיין... (וועגן דער סיני־אַקציע).

נאָכן אָוונט זענען אייניקע שרייבער אַוועק מיט אַשן און פרוי אין קאַפע־הויז „כסית". נאָך אַ האלבער שעה זיצן אין קאַפע, איז אַשן שלעכט געוואָרן. מ'האָט אים תיכף געמוזט אַהיימפירן. קומענדיק צומאָרגנס צו אים, האָט מיר פרוי אַש דערציילט, אַז ביז 2 אַזייגער בייגאַכט איז אים געווען נישט גוט, ער איז געלעגן אין די קליידער.

אַש איז געווען אין זיין אַרבעט־צימער. מ'האָט אים נישט געטאָרט שטערן. בין איך געזעסן מיט מאַטילדאַ אַש אין אויפנעם־צימער און געוואַרט. רעדנדיק וועגן נעכטיקן אָוונט, האָט זי באַמערקט, אַז ס'איז געווען אַ גוטער איינפאַל פון סוצקעווערן צו לייענען דאָס קאַפּיטל „סיני" פון אַשס „משה". אַשן האָט דאָס זייער געפרייט — האָט זי געזאָגט. איך האָב געשטוינט, ווי ריכטיק זי האָט אָפּגעשאַצט יעדע רעדע, ווי זי

האָט אַרויסגעפּילט יעדן עכטן און פאַלשן טאָן! זי האָט מיך געפרעגט צי איך ווייס נישט פאַרוואָס ס׳איז נישט געווען ביים אָוונט — מענדל מאַן. איך האָב גאָרנישט געוווּסט אַז זי קען אים און זיך אויך זייער געחידושט וואָס ביי אַזאַ גרויסן עולם האָט זי באַמערקט אַז ער האָט געפעלט.

ענדלעך האָט אַש געעפנט די טיר פון אַרבעט־צימער און מיר צוגעוווּנקען אַז איך זאָל צו אים אַריינקומען. איבערגעבנדיק מיר דאָס 4־טע קאַפּיטל פון ראָמאַן „יעקב און רחל״ (2־טער טייל) אויף איבערצושרייבן, האָט ער זיך אָנגעטון דעם מאַנטל און דעם בערעט, גענומען דעם שטעקן און איז אַרויס אויף זיין טעגלעכן שפּאַציר־גאַנג צום ים. איך האָב אים געמוזט באַגלייטן. אויפן וועג האָט ער מיר געזאָגט, אַז דאָס 4־טע קאַפּיטל איז דאָס לעצטע וואָס ער האָט אָנגעשריבן.

— ס׳וועט נאָך נעמען אַ 2—3 וואָכן, און אפשר מער, ביז איך וועל אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל אָנשרייבן — האָט ער געזאָגט.

פון וואַנען ווייסט ער — האָב איך געטראַכט — אַז ער וועט 2—3 וואָכן נישט קענען שרייבן? דאָס איז דאָך אַ גאָט־זאַך...

— שוין באַלד 2 יאָר ווי איך אַרבעט ביי אָט דעם תנכישן ראָמאַן — האָט אַש געזאָגט — איך אַרבעט שווער און אָנגעשטרענגט, איר ווייסט גאָרנישט ווי אָנגעשטרענגט! און נאָך אַ פּויזע: אוודאי וואָלט גלייכער געווען ווען איך זאָל שרייבן אַ רעאַליסטישן ראָמאַן וועגן היינטיקן ישראל, אָבער...

— ?

— ביים היינטיקן ישראל־ראָמאַן וואָלט איך געדאַרפט שילדערן די יוגנט, און די ישראל־יוגנט וואָלט ביי מיר געמוזט אַרויסקומען — נעגאַטיוו.

— אין וועלכן זין נעגאַטיוו?

אַש האָט איבערהערט מיין פראַגע. און ווייטער גערעדט:

— אונדזער סאַברע דערמאָנט אביסל דעם ערשטן דור יידישע „סאַבּרעס״ פון אַמעריקע ביים אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט. די ערשטע יידישע אימיגראַנטן, וואָס זענען פאַרשוואַרצט געוואָרן אין די שעפּער, אַלס פּעדלער און הויזירער, האָבן געשטרעבט אַז זייערע קינדער זאָלן

האָבן אַ בעסערע דאָליע ווי זייערע גרינגע עלטערן. האָבן זיי די קינדער געלאָזט שטודירן. זיי זענען געוואָרן דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן, סוחרים. די אַלטע יידישע קולטור און דער יידישער שטייגער איז פאַר זיי געבליבן פרעמד. און צו דער ענגלישער קולטור זענען זיי נישט אינגאַנצן דערגאַנגען. זענען זיי געבליבן גייסטיק אָרעם. דער צווייטער דור האָט זיך שוין איינגעוואָרצלט אין דער ענגלישער קולטור.

די היינטיקע ישראל־יוגנט איז אויסגעהוילט פון יידישן אינהאַלט. ס׳איז איר פולשטענדיק פרעמד די אַזוי רייכע טויזנט־יעריקע יידישע קול־טור פון די גלות־לענדער, די טראַדיציאָנעלע יידישקייט פון דור־דורות, און קיין נייער ישראל־נוסח איז נאָך נישטאָ, איז דער יונגער דור גייסטיק אָרעם.

איך דערמאָן מיך נישט אָקעגן וואָס איך האָב דערמאנט דעם נאָמען משה שמיר.

— משה שמיר איז אַ זייער טאַלענטירטער שרייבער — האָט אַש געזאָגט. אָבער נעמט און איבערזעצט אים, לאָמיר זאָגן, אויף ענגליש, וועט נישט אַרויסקומען קיין סך, דערפאַר ווייל ער ברענגט נישט קיין אייגענעם נאַציאָנאַלן נוסח און שטייגער, וועלכער וואָלט געקענט אינטערעסירן נישט־יידן. און דאָס „אַמעריקאַנישע” וואָס אין זיין שרייבן קאָן דאָך די אַמעריקאַ־נער נישט אינטערעסירן. זיי האָבן גענוג זייערע אייגענע שמירס.

— און עגנון? — האָב איך ספּעציעל דערמאנט זיין נאָמען כדי צו הערן זיין מיינונג וועגן אים.

— וואָס פאַרגלייכט איר! — האָט אַש אויסגערופן — עגנון איז דאָך אַ יידישער שרייבער, אַן עכט־יידישער שרייבער. און אַ גרויסער יידישער שרייבער!

וועגן „יעקב און רחל״

7.1.57

איך האָב אַשן געבראַכט דאָס צווייטע קאַפּיטל איבערגעשריבן אין מיין כתב־יד. ער האָט גענומען לייענען און מעקן שורה נאָך שורה.

— איך וויל מיך נישט אַזויפיל אָפּגעבן מיט די ווייבער — האָט ער זיך אומגעדרייט צו מיר, ווי וואַרטנדיק אויף מיין צושטימונג. „די ווייבער״ זענען געווען: רחל און לאה און יעקבס קעבס־ווייבער בלעה און זלפה. (אין ראָמאַן זענען בלעה און זלפה שטיף־שוועסטער פון רחל און לאה, געבוירן פון לבנס אַ קעבס־ווייב). אַש שילדערט יעדע שוועסטער באַזונדער און די באַציונג פון איין שוועסטער צו דער צווייטער, זייערע ראַנגלענישן, בענקענישן, איפּערזוכטן. רחל איז אייפערזיכטיק אויף איר פּרוכפּערדיקער שוועסטער לאה:

...„רחל האָט געהערט די געזאַנגען פון איר שוועסטער בשעת זי זיצט ביים וועבשטול און וועבט אויס די העמדלעך פאַר איר קינד, זי האָט געזען די פרייד און די הערלעכקייט וואָס שיינט איבער איר. זי האָט זיך געמיט נישט מקנא צו זיין איר שוועסטער״. לאה ווידער

...„איז געשטאַנען ביים איינגאַנג פון איר געצעלט און געזען ווי יעקבס פּנים וואַשט זיך אין דעם ליכט פון די שטערן, ווען זיין קאָפּ רוט אין רחלס שויס. ווידער האָט זי זיך געמיט צו טרייסטן מיט די ווערטער: דיר זאָל ער געבן זיין צערטלעכקייט, מיר — קינדער. אָבער די ווערטער האָבן נישט געלאָשן די קנאה צו איר שוועסטער״.

אַש נעמט אויך אַראָפּ פון בלעהס און זלפּהס פּנימער די געדיכטע שלייערן מיט וועלכע דער תנ״ך האָט זיי פאַרהילט און ווייזט זיי אונדז אין זייער אַנטבלויזטער מענטשלעכקייט און ווייבלעכקייט.

רחל, וואָס האָט דעם קלענסטן חלק ביים אויפשטעלן די צוועלף שבטים, דערהויבט אַש צו אַ כמעט מיטישער געשטאַלט, מער הימליש ווי

ערדיש. נאָר אַזוי מאַכט ער אונדז „פאַרשטענדלעך", וואָס רחל און נישט לאה, ווערט די מאַמע פון אַלע יעקבס קינדער, וואָס זי, און נישט קיין אַנדערע פון יעקבס וויבער, ווערט באַשטימט צו ווערן די מאַמע פון דעם פאָלק וואָס וועט אַרויסקומען פון יעקבס לענדן; וואָס בלויז זי האָט די זכיה צו ווערן די פירבעטערין און טרייסטערין פאַר אירע געיאָגטע און געפּלאָגטע קינדער, וואָס — ביז אין אַלע אייביקייטן וועט מען זאָגן: רחל מבכה על בניה, און נישט לאה...

— אַ שאָד וואָס איר מעקט אַזויפיל. ס'איז באמת נישט איבריק, אדרבה...

נאָר אש האָט מיך נישט געהערט און וויטער געמעקט.

— ס'וועט נאָך אַלץ גענוג בלייבן — האָט ער געשמייכלט.

ביי אַ דיאַלאָג צווישן יעקב און רחל וואָס קלינגט ממש ווי אַ געזאַנג, קומען נאָך אַזוינע ווערטער, ווי: „דו שפּילסט אויף מיינע געפילן ווי אויף אַ האַרף, דערהויבסט מיך אויף פליגלען א. אז. וו. — קומט אַ זאַץ: „און מאַכסט מיינע געדערים ברומען אין מיר". אין עברי־טייטש קלינגט דאָס אפשר שיין, אָבער ביים דאָזיקן ליבע־געזאַנג האָט מיר געשטערט סיי דאָס וואָרט „געדערים", און סיי דאָס „ברומען". האָב איך דאָ אַוועקגעשטעלט אַ פרעג־צייכן.

— וואָס איז אייך דאָ נישט קלאָר? — האָט אַש געפרעגט.

— ס'בלייבט טאַקע דאָס וואָרט „געדערים"? — האָב איך געפרעגט.

— אוודאי! האָט ער אויסגערופן — דאָס איז דאָך שיר־השירים: „ומעי המו עליו" — און זיינע געדערים האָבן געברומט אין אים...

וואָס וויל מען שוין ווידער פון אים ?!

9.1.57

קומענדיק צו אַשן צו דער באַשטימטער צייט, האָב איך אים געטראָפן אַביסל אויפגערודערט.

— כ׳בעט אייך זייער — האָט ער געזאָגט — ברענגט מיר נישט קיין זשורנאַלן וווּ ס׳רעדט זיך וועגן מיר. איך וויל נישט קיין אָנפאַלן און וויל נישט קיין פאַרטיידיקונגען. וועגן מיר האָט מען שוין זייער אַ סך געשריבן, גוטס און שלעכטס. איך האָב שוין גענוג !...

די מעשה מיט די זשורנאַלן איז אַזוי געווען: מיט אַ טאָג פריער האָט מיר משה גראָסמאַן איבערגעגעבן פאַר אַשן צוויי נומערן פון זיין חודש־זשורנאַל „היימיש״. אין איינעם פון די נומערן איז געווען געדרוקט אַן אַרטיקל פון דער דיכטערין רקודה פּאָטאַש. אַן אָפּרוף אויף אַ מאמר פון ד״ר מוקדוני, וואָס איז געווען געדרוקט אין „היימיש״ אין אַ פריערדיקן נומער — אַן אַרטיקל קעגן אַשן. ביים איבערגעבן אַשן נעכטן די זשורנאַלן האָט ער זיי אָוועקגעלייגט אויף זיין שרייב־טיש און געבעטן מיך איבער־געבן גראָסמאַנען אַ דאַנק. איך האָב אים געפרעגט צי ער האָט געלייענט זיין בוך „אין פאַרכישופטן לאַנד פון לעגענדאַרן דזשוגאַשווילי״. יאָ, ער האָט דאָס בוך געלייענט און עס איז אים געפעלן — האָט ער געזאָגט.

איך האָב גוט פאַרשטאַנען אַשס אויפרעגונג. איך האָב נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס גראָסמאַן האָט פלוצים גענומען און איבערגע־דרוקט אַן אַלטן אַרטיקל פון מוקדוניס בוך, פול מיט נעגאַטיווע שטריכן וועגן אַשס כאַראַקטער, ווי למשל: אַז אַש האָט נאָך קיינמאָל נישט געגעבן נאָר אייביק גענומען, און אפילו דעמאָלט „ווען ס׳דאַכט זיך אַז ער גיט, נעמט ער אויך״... מוקדוני וואַרפט אויך אַשן פאַר קאָמוניסטישע חטאים. דער אַרטיקל איז, ווי אַש האָט מיר געזאָגט, געשריבן און געדרוקט געוואָרן אין אַ ניו־יאָרקער צייטונג נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק.

אויפֿן שפּאַציר

10.1.57

איך האָב אַשן געטראָפֿן ליגן אויפֿן דיוואַן פֿון זיין אַרבעט־צימער און לייענען „די גאָלדענע קייט" (נומער 26). איך האָב אים געפֿרעגט צי ער האָט געלייענט מענדל מאַנס דערציילונג „דער טויט פֿון קעניג ליר". יאָ, ער האָט זי געלייענט, האָט אַש געזאָגט, און די דערציילונג איז אים געפֿעלן.

— כ'האָב מיט דעם בחור גערעדט — האָט אַש געזאָגט — אים אָנגעוויזן אויף אייניקע זאַכן... כ'האָב אים צוגעזאָגט, אַז כ'וועל אים שאַפֿן פֿאַרבינדונגען מיט ענגלישע פֿאַרלאַגן.

אין דער צייט ווען איך קום צו אַשן (האַלב פֿיר אַזייגער נאָכמיטאָג) איז שוין שׂרה (די ווירטשאַפֿטערין) נישטאָ. זי קומט ערשט צוריק קנאַפּ פֿאַרן נאַכטמאָל. און פֿרוי אַש כאַפּט אין דער צייט אַ דרימל.

— מיין פֿרוי שלאָפֿט שלעכט אין די נעכט, שלאָפֿט זי נאָכמיטאָג — זאָגט אַש און בעט מיך צו קומען יעדן טאָג אַביסל שפּעטער, כּדי איר נישט צו שטערן.

ער גייט אַריין אין קיך און קאָכט זיך אויף אַ שוואַרצע קאַווע.

— איר וועט טרינקען אַ גלאָז קאַווע? — פֿרעגט ער מיך.

— ניין, אַ דאַנק.

נאָכדעם ווי ער קוקט איבער דעם איבערגעשריבענעם מאַנוסקריפּט, כאַפּט ער דעם מאַנטל, דעם הוט און שטעקן, זאָגט „קומט!" און גייט אַרויס אין דער ריכטונג צום ים. אַזאַ שפּאַציר געדויערט העכסטנס אַ שעה. ער מאַכט אים טעגלעך, אַליין אָדער מיט דער פֿרוי. איצט — מיינסטנס מיט מיר, ווייל די פֿרוי האָט אָדער נישט קיין חשק צו גיין אָדער זי פֿילט זיך נישט תּמיד גוט.

אונטערוועגס דערציילט מיר אַש דעם אינהאַלט פֿון די וויטערדיקע

קאַפּיטלען וועלכע ער דאַרף ערשט אָנשרייבן. ער נעמט דעם שטאָף פאַר זיין ראָמאַן פון פאַרשידענע קוואַלן: פון תנ״ך, תלמוד, אגודות, מדרשים, און פון מאָדערנע געשיכטע־ביכער.

— יעקב האָט געוווּסט דורך רחלען אַז לבן וויל אים אָפּנאַרן — דערציילט מיר אַש מיט אַזאַ זיכערקייט, ווי די דאָזיקע מעשה וואָלט זיך פאַרלאָפן ביי זיינעם אַ נאָענטן שכן... — אַז ער וויל אים אין דער חופּה־נאַכט אונטעררוקן לאהן שטאט רחלען, איר פאַרשטייט? האָט יעקב זיך אָפּגערעדט מיט רחלען, אָפּגעמאַכט צייכנס און סמנים, נאָך וועלכע ער זאָל דערקענען, אַז דאָס איז זי, רחל, וואָס קומט אַריין אין פינצטערן געצעלט, און נישט לאה.

— אָבער אויס רחמנות צו איר מיאוסער שוועסטער, האָט רחל איבערגעגעבן לאהן די אַלע סמנים וואָס זי האָט זיך אָפּגערעדט מיט יעקבן, זי האָט זיך אַליין מקריב געווען צוליב איר שוועסטער.

אהיימקומענדיק פון שפּאַציר, נעמט אַש אַרויס פון ביכער־שאַנק אַן אַלטע צאנה־וראנה און מישט מיר אויף די שטעלע ווו רחל גיט אויס פאַר לאהן די סודות.

— אָט די סודות וואָס רחל גיט איבער לאהן — דערויף איז דער ראָמאַן מיינער געבויט — זאָגט ער.

אַ געמיטלעכער פרייטיק צו נאַכט

דעם 11־טן יאַנואַר.

היינט נאָכמיטאָג געקומען צו אַשן גישט אין צייט. פרייטיק איז מיין פרייער טאָג, מיין „שבת". כ'האָב אָבער פאַרטיק געמאַכט דאָס ערשטע קאַפּיטל אויף מאַשין און האָב עס אים געוואָלט אַריבערטראָגן. „אַז איך לייען מיין כתב־יד אָפּגעקלאַפּט אויף מאַשין, לייען איך עס שוין ווי אַ פרעמדע זאַך — האָט אַש מיר געזאָגט — ערשט דעמאָלט קאָן איך זען צי ס'איז גוט צי נישט, צי מ'דאַרף עפּעס צוגעבן צי אַראָפּנעמען".

אין שטוב איז וואַרעם. אין נידריקן אָפענעם פייער־אויוון פלאַקערט אַ פייער. פרוי אַש לייגט יעדעס מאָל אויף עטלעכע שייטלעך האָלץ און אַ שאָפלע קוילן. אין דרויסן גיסט אַ קאַלטער רעגן („אין גליל האָט היינט פרי געשנייט" — האָט דער מיטאָג־ראַדיאָ געמאָלדן), און דאָ אין שטוב איז אַזאַ ליבע וואַרעמקייט, ווי אין די ווינטער־טעג אין די נגידישע הייזער פון די אַמאָליקע היימען.

אַש קאָן נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן וואָס גראָסמאַן האָט איבערגע־דרוקט אַן אַלטן אַרטיקל קעגן אים.

— און ער שרייבט מיר נאָך, אַז ער וויל מיך באַזוכן! אַז „בת־ים דאַרף ווערן די יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ פון ישראל!" — האָט ער זיך געקאָכט — איר פאַרשטייט אַ מעשה? דאָ גיט ער מיר אַזאַ קבלת־פּנים, און דאָ רעדט ער וועגן יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ!...

— ער קוקט איבער דאָס קאַפּיטל, מאַכט קליינע קאָרעקטורן. שרה שטעלט אַוועק אויף זיין טיש אַ שאָל קאַווע. ער גיט אַ זופּ, און שוין אַביסל אַ באַרויקטער רעדט ער ווייטער:

— פאַראַן שרייבער וואָס זענען רביס און פאַראַן שרייבער וואָס זענען נאָר שרייבער. שלום עליכם איז געווען נאָר אַ שרייבער. און אויך איך בין נאָר אַ שרייבער, פּרץ איז געווען אַ רבי. איך בין געווען אײנער

פון זיינע תלמידים, איך האָב אים אַ סך צו דאַנקען. קודם כל — וואָס איך בין געוואָרן אַ יידישער שרייבער. אָבער פּרץ האָט בלויז מיין „שטעטל" אָנערקענט. אַלץ וואָס איך האָב שפּעטער געשריבן איז אים נישט געפעלן. ווען איך וואָלט אים געפאָלגט, וואָלט איך פון שטעטל קיינמאָל נישט אַרויס.

— פּרץ האָט מיר געראָטן מיין פּיעסע „גאָט פון נקמה" צו פאַר־ברענען. איך בין אָבער מיט דער דראַמע געגאַנגען צו ריינהאַרדן.

אַש דערציילט מיר, וויאַזוי ער איז נאָך אַלס קליינשטעטלדיקער יונגערמאַן געקומען קיין בערלין, אויפגעזוכט אין אַ קאַפע־הויז דעם באַרימטן יידיש־דייטשן שוישפּילער רודאָלף שילדקרויט, און אים געזאָגט אַז ער האָט ספּעציעל פאַר אים אָנגעשריבן אַ דראַמע... שילדקרויט האָט אויף דעם פּויליש־יידישן בחור געקוקט ווי אויף אַ מאַניאַק אָדער סתם אַ מטורף... אַש האָט אים דערציילט דעם תוכן פון זיין פּיעסע. ער האָט אים אויך דערציילט, אַז זעענדיק אמאָל שילדקרויטן שפּילן שיילאָק, האָט ער באַשלאָסן צו שרייבן אַ דראַמע אין וועלכער ער, שילדקרויט, זאָל שפּילן די הויפּט־ראָלע.

— און אויב מיין פּיעסע וועט געשפּילט ווערן אויף דייטש — האָט אים אַש געזאָגט, וועט בלויז איר און נישט קיין אַנדערער שפּילן יענקל שאַפּשעוויטש...

אַש דערציילט מיר וויאַזוי ער האָט פאַרגעלייענט די פּיעסע פאַר ריינהאַרדן. ס'זענען דערביי געזעסן אַ חוץ שילדקרויטן, אויך אייניקע דייטשע קריטיקער, דראַמאַטורגן און סתם טעאַטער־קענער.

— אין וואָסער שפּראַך האָט איר געלייענט?

— וואָס הייסט אין וואָסער שפּראַך? פאַרשטייט זיך אַז אין יידיש.

— האָט מען פאַרשטאַנען?

— איר זעט דאָך... און דאָס וואָס מ'האָט נישט פאַרשטאַנען האָט ריינהאַרד פאַרטייטשט.

— האָט דען ריינהאַרד געקענט יידיש?

— ער האָט פאַרשטאַנען. זיינע עלטערן האָבן געשטאַמט פון אַ קליין אונגאַריש שטעטל און האָבן גערעדט יידיש.

— דער גרויסער דערפּאָלג פון „גאָט פון נקמה״ אויף דער דייטשער בינע — זאָגט אַש — האָט מיר געעפנט אַלע טירן צו דער וועלט־ליטעראַטור.

— און אויך שילדקרויט האָט אַ דאַנק מיין פּיעסע אַ סך געוווּנען: זיין יענקל שאַפּשעוויטש איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר איינער פון זיינע בעסטע קרעאַציעס.

אַש גיט מיר איבער אייניקע נישט וויכטיקע בריוו און הייסט מיר ענטפערן לויט מיין איינזען...

דאַן קערט ער זיך ווידער אום צו... מוקדוני. ווייזט אויס, אַז דער שטורעם וואָס איז איבער אים געקומען די לעצטע יאָרן, האָט איבערגע־לאָזט טיפע שפּורן אויף זיין נערוון־סיסטעם. אַזוי פלעגט ער מיך נישט איינמאָל פרעגן צי די בת־ימער אָרטאָדאָקסן פּלאַנען נישט שטילערהייט אַן איבערפאַל אויף אים... צי מ׳וועט אים נישט אין אַ שיינעם טאָג דאָס הויז אונטערצינדן...

אַש דערציילט מיר וויאַזוי ד״ר מוקדוני איז צום ערשטן מאָל געקומען קיין אַמעריקע און אים געבעטן, אַז ער זאָל אינטערוועניִרן ביים „פאָרווערטס״ (וווּ אַש האָט געאַרבעט) אַז מ׳זאָל אים, מוקדונין, אויפנעמען.

— איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס איז אַ שווערע זאַך, ווייל דער „באָס״, (אב. קאַהאַן) שרייבט אַליין וועגן טעאַטער און ביכער.

— בעת דער לעצטער מלחמה — דערציילט ווייטער אַש — האָט מיך דער „פאָרווערטס״ מער נישט געדרוקט. און אויך די אַנדערע ייד. צייטונגען האָבן מיך באָיקאָטירט. און ערגעצווו האָב איך מיך דאָך געמוזט דרוקן, נישט אַזוי? כ׳בין דאָך אַ ידישער שרייבער, און אַז די „מאָרגנ־פרייהייט״ האָט מיר אָנגעבאָטן איר צייטונג, האָב איך אָנגענומען. אַמעריקע איז דאָך דעמאָלט געווען אַליִירט מיט די קאָמוניסטן קעגן נאַציזם. איר פאַרשטייט צי נישט?... — נאָר נאָך דער מלחמה, אַז די באַציִונגען צווישן מזרח און מערב האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשאַרפן, האָב איך אויפגעהערט צו שרייבן פאַר דער „פרייהייט״, איר פאַרשטייט?

— כ׳פאַרשטיי.

— שפּעטער האָט מען מיך נישט איינמאָל גערופן צו מעק־

קאַרטי וועגן מיין „קאָמוניזם". אין יענער צייט האָט ד"ר מוקדוני פאַר־עפנטלעכט יענעם אַרטיקל! און איצט נעמט „אייער פריינט" (געמיינט משה גראָסמאַן) און דרוקט איבער!

ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט. איך האָב מיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין. נאָר אַש האָט מיך פאַרהאַלטן מיט די ווערטער:

— אַז איר זענט שוין היינט געקומען, בלייבט שוין. וועלן מיר מאַכן קידוש.

מיר זענען אַריין אין אויפנעם־צימער, וווּ ס'איז געזעסן אַ יונגע פרוי און גערעדט מיט פרוי אַש פויליש.

אַש האָט זיך געבייזערט:

— וואָס עפּעס פּלוצעם פויליש?!

באַלד איז געקומען מ. צאַנין מיט זיין יינגעלע, און אַביסל שפּעטער

— דער אַנטיקוואַר־סוחר שטיגליץ.

מען האָט דערלאַנגט צום טיש טיי און געבעקס. דאַן האָט אַש אַליין געבראַכט צו טראָגן אַ פלאַש קאָניאַק מיט גלעזלעך און יעדן אָנגעגאָסן.

דאָס פּייערל אין גרויסן פּירקאַנטיקן פּייער־אויוון האָט פריילעך געפלאַקערט. צאַנינס סאַברעלע, וואָס האָט נאָך אַזאַ „תנור" נישט געזען, האָט יעדעס מאָל אויפגעלייגט אַ שייטל האָלץ.

„דער קאַמף קעגן מיר איז אַ פּערזענלעכער"

16.1.57

אַש האָט מיר געעפנט די טיר. נאָכמיטאָג איז די ווירטשאַפטערין נישטאָ. און די פרוי אַש שלאָפט מיינסטנס אין דער צייט. איך האָב געבראַכט איבערגעשריבן דאָס 3־טע קאַפּיטל. אַש האָט עס איבערגעקוקט און פעסט־געשטעלט, אַז דאָס קאַפּיטל איז נישט פאַרענדיקט, אַז ס'פעלט אַ בלעטל. ער האָט זיך גענומען זוכן אין דער לעדערנער טעקע און געפונען דאָס בלעטל.

— זעט איר שוין? — האָט ער מיך געמוסרט — דאָס איז דער־פאַר, ווייל איר העפט נישט צונויף די בלעטלעך מיט אַ קלאַמער!

ער האָט געכאַפּט דאָס שאַכטל קלאַמערן וואָס איז געלעגן אויפן טיש, און עס מיר אַריינגעשטופּט אין האַנט אַריין.

— נעמט, און זעט אַז אַלץ זאָל זיין צונויפגעהעפט באַזונדער: מיין אָריגינאַל, אייער כתב־יד און באַזונדער יעדע קאָפּיע פון שרייב־מאַשין.

ער האָט מיר צוריקגעגעבן דאָס קאַפּיטל, כדי כ'זאָל עס דערגאַנצן מיטן פעלנדיקן בלעטל און מיר אויך געגעבן דאָס 4־טע קאַפּיטל איבער־צושרייבן אויף ריין.

— ס'איז דאָס לעצטע וואָס איך האָב אָנגעשריבן, האָט ער געזאָגט — כ'האָב מיך נאָך נישט גענומען צום 5־טן. עפּעס האָב איך לעצטנס נישט קיין שטימונג צו שרייבן — האָט ער געזאָגט מיט אַ טרויעריקן טאָן.

— דער גלות זאָל אַזוי לאַנג געדויערן — האָב איך געזאָגט — ווי לאַנג אייער „נישט־שטימונג" וועט געדויערן!

אויף אונדזער שפּאַציר האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער רעכנט איינצו־לאַדן צו זיך עטלעכע יידישע שרייבער אויף אַ גלעזל טיי. נישט קיין סך — האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט — אַ סך פּלאַץ האָב איך דאָך נישט.

איך האָב זייער פאָרזיכטיק באַרירט זיינע קריסטלעכע ביכער און נאָך פאָרזיכטיקער דערמאַנט די נעמען פון זיינע גרעסטע קעגנער.

ס׳וואָלט מיך גאָרנישט געאַרט — האָט ער געזאָגט — ווען זיי וואָלטן עס געמיינט אויפריכטיק, ווען זייער קאַמף קעגן מיר וואָלט טאַקע געווען נאָר לטובת הכלל, כדי צו ראַטעווען יידן פון שמד... אָבער זייער קאַמף קעגן מיר איז אַ פּערזענלעכער, דער הויפּט־מאָטיוו איז פשוט שנאה און קנאה. קנאה, איר פאַרשטייט?

— איך האָב גענוג אויפגעקלערט און באַלויכטן מיין אידעע, מיין כוונה — —

— די כוונה פונעם „אורח" — האָב איך געזאָגט — כדי אים אַרויסצוהעלפן, אים צו באַווייזן אַז איך פאַרשטיי אין וואָס די דאָזיקע כוונה איז באַשטאַנען.

זיין דערציילונג „דער אורח" איז געווען איבערגעדרוקט אין דעם לעצטן נומער פון די „לעצטע נייעס". אין דער דאָזיקער דערציילונג ווערט געשילדערט, ווי אַ פרעמדער ייד, אַן אורח אין שטעטל, שמדט זיך, ווערט אַ בישאָף, כדי אָפּצוהאַלטן די גויים איבערצוליגן אין די שענקען און שיכורן, נאָר זיי דערציען צו גיין אין קלויסטער אַריין, צו דינען גאָט און ליב צו האָבן אַלע מענטשן. און כל זמן דער נייער בישאָף פרעדיקט פאַר די גויים צו זיין פרום, הערן אויף פּאָגראָמען און רדיפות אויף יידן...

— און ווייסט איר ווען איך האָב די דערציילונג געשריבן? — זאָגט אַש — מיט העכער 30 יאָר צוריק!

אַש שיקט מיך אַהיים שוויצן...

19.1.57

אַש האָט מיך געזען דורכן פענצטער קומען און האָט מיר אַליין געעפנט די טיר, נאָך איידער איך האָב באַוויזן צו קלינגען.

— די פרוי שלאָפט — האָט ער גערעדט גאַנץ שטיל און מיטן פינגער אויפן מויל מיר געגעבן אַ צייכן, אַז אויך איך זאָל רעדן שטיל און נישט שטערן איר שלאָף.

ער איז מיט מיר אַריין אין זיין אַרבעטס־צימער. דאָס פיפטע קאַפּיטל איז שוין געלעגן אַ פאַרטיקס אויפן טיש. זיין „נישט־שטימונג" האָט, ווי איך האָב פאַרויסגעזאָגט, נישט לאַנג געדויערט.

פאַרן איבערגעבן מיר דעם מאַנוסקריפּט, האָט ער אים ווי תמיד, נאָך אַמאָל איבערגעקוקט, געמאַכט ענדערונגען, געמעקט און צוגעשריבן.

פלוצעם האָב איך מיך צעהוסט.

— פאַרקילט ? — האָט אַש געפרעגט.

— יאָ, פאַרקילט.

באַלד האָב איך באַקומען אַן אמתן הוסט־אַטאַק. וואָס מער איך האָב מיך געוואָלט באַהערשן, אַלץ שטאַרקער איז דער הוסט געוואָרן.

אַש האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן ביים מאַנוסקריפּט און זיך אומרויק געדרייט אויפן שטול. כ'האָב נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס מיין הוסטן מאַכט אים אַזוי נערוועז.

— גייט שוין אַהיים און לייגט אייך אין בעט אַריין! — האָט ער כמעט געשריגן. ער האָט מיר דערלאַנגט דאָס פיפטע קאַפּיטל אויף איבער־צושרייבן אין ריין.

איך האָב מיך גענומען אָנטון דעם מאַנטל. אַש האָט אָנגעטאַפּט דעם שטאָף פון מיין מאַנטל און געזאָגט:

— קיין וואַרעמערן מאַנטל האָט איר נישט ? אין דרויסן איז דאָך

אַ קרירה! גייט אַרויס אויף דער לופט און וואַרט אויף מיר — האָט ער געזאָגט — איך קום שוין נאָך.

ער איז באַלד אַרויסגעקומען און מיר דערלאַנגט 6 שטיק אספּירין־טאַבלעטן איינגעבעט אין צעלאָפאַן־פּאַפּיר.

— לייגט אייך תיכף אין בעט אַריין און שוויצט — האָט ער געזאָגט.

דאָסמאָל האָט ער מיך באַגלייט ביז צו מיין שטוב. אונטערוועגס האָב איך אים דערציילט אַז י. דינור (קאַ. צעטניק) האָט מיר געזאָגט, אַז ער וויל אים, אַשן, איינלאַדן צו זיך אַהיים.

— כ׳האָב נישט קיין כוח צו מאַכן וויזיטן — האָט אַש געזאָגט —

ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז שוין איינמאָל געווען ביי קאַ. צעטניקן אין שטוב.

— זיין בוך האָט דערפאָלג — האָט ער געזאָגט — עס איז איבער־געזעצט געוואָרן אין אַ סך שפּראַכן.

ער האָט מיך געפרעגט צי קאַ. צעטניק האָט דאָס בוך געשריבן אין העברעיש צי אין יידיש.

— איך גלויב אַז אין יידיש, כאָטש איך ווייס אַז ער קאָן אויך העברעיש.

— פון אַלע חורבן־ביכער האָט דעם גרעסטן דערפאָלג אין דער וועלט־ליטעראַטור דאָס טאָג־בוך פון אַננאַ פראַנק — האָב איך געזאָגט, כדי צו הערן זיין מיינונג.

— ס׳איז דער טראַגישער טויט פון אַ קינד, וואָס האָט דאָס בוך אַזוי באַרימט געמאַכט — האָט אַש געזאָגט — דער גרויסער דערפאָלג פון דער פּיעסע איז דאָס פאַרדינסט פון די צוויי מחברים וואָס האָבן דאָס בוך דראַמאַטיזירט. כדי קינסטלעריש צו פאַרפיקסירן דעם גרעסטן יידישן חורבן, מוז קומען אַ גאון, אַ יידישער טאָלסטאָי, דערוויל איז ער נאָך נישט געקומען — זאָגט אַש.

ער האָט גענומען מיר דערציילן דעם פּלאַן פון זיינע וויטערדיקע קאַפּיטלעך.

— אַצינד, אין פיפטן קאַפּיטל, האָט רחל ענדלעך אַ זון געבוירן. דאַן וועל איך באַשרייבן ווי יעקב פאַרלאָזט לבנען און חרן. דערנאָך וועט

קומען אַ גרויס קאַפּיטל ווי יעקב טרעפט זיך מיט עשון. די מעשה מיט דינה און שכם וועל איך אינגאַנצן אויסלאָזן. ס׳איז נישט אַזוי וויכטיק. דאַקעגן וועל איך געגוי באַשרייבן די געבורט פון בנימין און רחלס טויט. דאַן וועט קומען אַ קאַפּיטל, ווו איך וועל באַשרייבן די גרויסע ראָלע וואָס רחל שפּילט ביים חורבן ירושלים.

— ביים חורבן ירושלים ? — קוק איך אים אָן פאַרחידושט.

— פאַרוואָס נישט ? — שמייכלט ער — איך שרייב דאָך נישט קיין רעאַליסטישן ראָמאַן. האָט דען רחל אין דער צייט פון חורבן ירושלים נישט געלעבט ? און לעבט זי דען נישט נאָך היינט ביים פאָלק ?

— וויפל קאַפּיטלעך, רעכנט איר, וועלן נאָך צוקומען צום צווייטן טייל ?

— צו די פינף וועלן נאָך, רעכן איך, צוקומען אַ 7—8 קאַפּיטלעך, און אפשר נאָך מער, געגוי קאָן מען דאָס קיינמאָל נישט אויסרעכענען.

מיר זענען אָנגעקומען צו מיין ווינונג. אַש האָט מיר דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט :

— פאַרגעסט נישט, לייגט אייך תיכף אַריין אין בעט און שוויצט !...

נאָכן דערשיינען פון מוקדוניס אַרטיקל

נאָכן דערשיינען פון מוקדוניס אַרטיקל אין „היימיש", ווו ס׳רעדט זיך וועגן אַשן דעם קמצן, דעם אייביקן „נעמער" („אפילו דעמאָלט, ווען ס׳דאַכט זיך אַז ער גיט, נעמט ער אויך") — פלעגט מיך אַש יעדעס מאָל פרעגן, צי איך דאַרף נישט קיין אַוואַנס... ער פלעגט אַרויסנעמען פון בריוו־טאַש עטלעכע באַנקנאָטן און זיי מיר אַריינשטופן אין האַנט אַריין. איך האָב אים יעדעס מאָל צוריקגעגעבן דאָס געלט, אים פאַרזיכערט אַז איך דאַרף נישט קיין אַוואַנס, אַז אַזוי ווייט האַלט עס נאָך חלילה נישט ביי מיר...

איך האָב פאַר אים געדאַרפט קויפן אין תל־אביב גרעסערע קוואַנטומס שרייב־פּאַפּיר, פאַרשידענע סאָרטן: פאַר מיין כתב־יד, פאַר דער שרייב־מאַשין און פאַר זיינע מאַנוסקריפּטן. פלעג ער מיר מיטגעבן 4—5 מאָל אַזוי־פיל געלט, די קבלה וואָס איך האָב אים געבראַכט פון דעם, וואָס איך האָב אויסגעגעבן, האָט ער, נישט אָנקוקנדיק זי, אַוועקגעוואָרפן, און דאָס געלט וואָס איך האָב אים געבראַכט רעשט, האָט ער מיר צוריקגעשטופּט מיט די ווערטער:

— האַלט עס, וועט איר האָבן אויף אַ צווייט מאָל פאַר שרייב־מאַטעריאַל.

פון די דריי סאָרטן פּאַפּיר, האָט ער דער עיקר זייער מדקדק געווען אויף דער קוואַליטעט פון דעם פּאַפּיר פאַר זיינע אָריגינאַל־מאַנוסקריפּטן. איך האָב עטלעכע מאָל געבראַכט איינציקע בייגעלעך אַלס מוסטער, און יעדעס מאָל איז די קוואַליטעט פאַר אים געווען צו געמיין. ער האָט שוין געוואָלט באַשטעלן פון אַמעריקע דעם סאָרט פּאַפּיר אויף וועלכן ער פלעגט דאָרט אַרבעטן. צום סוף האָט ער זיך דאָך אַנטשלאָסן צו אַ פּאַפּיר פון תוצרת הארץ.

נאָכן דערשיינען פון ד״ר מוקדוניס אַרטיקל אין „היימיש", האָט ער

מיר אייניקע מאָל באַמערקט, אַז אויב איך וועל ביי אים דאַרפן אַרבעטן מער שעהען וויפל ס'איז אָפּגעמאַכט געוואָרן (2—3 שעה אין טאָג), וועט ער מיר העכערן דעם געהאַלט...

נאָר ביסלעכווייז האָט ער זיך באַרויקט: ער האָט זיך אויפגעהערט צו וואַרפן מיט געלט, און האָט אויפגעהערט צו רעדן וועגן מיין געהאַלט...

פאָרגעפיל

23.1.57

איך האָב אים געבראַכט איבערגעשריבן דאָס 5־טע קאַפּיטל. אַש האָט זיין און מיין מאַנוסקריפּט אַוועקגעלייגט אין אַ זייט, אַרויסגענומען דאָס 6־טע קאַפּיטל, און ווי תמיד, ביים איבערנעמען אַ ניי־איבערגעשריבן קאַפּיטל, האָט ער מיך אויך איצט געפרעגט:

— נו, ווי איז עס געגאַנגען? און דערביי האָט ער מיך מיט נייגער־ריקע בליקן און מיט אַ שטומער דערוואַרטונג אָנגעקוקט. איך האָב געפילט, אַז מיט דער פראַגע ווי ס׳איז מיר געגאַנגען — מיינט ער עפּעס אַנדערש ווי בלויז צו הערן ווי ס׳איז מיר געגאַנגען אין דער אַרבעט, צי איך האָב מיך לייכט אַרויסגעפּלאָנטערט פון זיין כתב־יד, נאָר אַז ער וויל פּשוט הערן מיין מיינונג וועגן דעם אינהאַלט, וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס קאַפּיטל האָט אויף מיר געמאַכט. בין איך דאָך ביי דעם ראָמאַן זיין סאַמע ערשטער לייענער, און וועלכער שרייבער, מעג ער אַפילו זיין דער גרעסטער, וויל נישט הערן די מיינונג פון אַ לייענער?

פאַרן איבערגעבן מיר דאָס 6־טע קאַפּיטל, האָט ער עס נאָכאַמאָל איבערגעקוקט און ווידער געמאַכט ענדערונגען. דער מאַנוסקריפּט איז אַזוי אויך שוין געווען גענוג געקלעקט און געמעקט. אַ סאַך בויגנס — מער געמעקט ווי געשריבן, פול מיט צייכנס, קרייזלעך, פאַסיקלעך און קרייצ־לעך. אַ סך בויגנס זענען געווען באַשריבן אין אַלע פיר ראַנדן, אין דער זייט און פאַרקערט. געווען שורות וואָס זענען געווען אויסגעמעקט, אָבער שפּעטער האָט זיך אַש איבערלעגט און באַשלאָסן זיי צו לאָזן. איז אָנשטאָט אונטער אַזוינע שורות צו מאַכן פאַסיקלעך, (— — —) האָט ער זיי באַצייכנט מיט דעם אַמעריקאַנישן O. K. (אָ קעי) ד. ה. אַז די שורות זענען „גוט״, גילטיק.

איך האָב אים געזאָגט:

— אויף אַ סך פון אייערע אויסגעמעקטע שורות האָב איך פשוט רחמנות. ס׳טוט מיר אָפּט ווי דאָס האַרץ, וואָס זיי זענען פאַראורטיילט צו בלייבן אין דרויסן, פאַרלוירן צו גיין.

— איך בין אָפּט אַן אכזר קעגן זיך אַליין — האָט ער געזאָגט — אָבער איך וויל פאַרמיידן צופיל איבערחזורונגען.

יאָ, ס׳האָט באמת אָפּט ווי געטון דאָס האַרץ אויף אַ סך אויסגע־מעקטע שורות, און אָפּט — אויף גאַנצע בלעטלעך וועלכע אַש האָט געענדערט, און וועלכע זענען מיר פריער בעסער געפעלן ווי די ענדערונגען...

ביי מיר אין דער טעקע ליגן אַ סך איינצלנע באַשריבענע בייגעלעך, וואָס זענען אינגאַנצן דורכגעשטראָכן. אַ סך פון זיי בעטן זיך ממש אַז מ׳זאָל זיי אַ תיקון געבן, זיי ברענגען אויף דער וועלט...

אָט איז אַזאַ אויסגעמעקט שטיקל „שמות״:

יעקב רעדט צו רחלען:

...„טיילמאָל, ווען דו ביזט טרויעריק, מיין קינד, זע איך דעם צער פון דיינע קינדער געצייכנט אויף דיין פנים. ווען איך האָב דיך געזען צום ערשטן מאָל אָנקומען מיט דיינע שאָף, און דו האָסט געשוועבט צווישן זיי, — ווי אַ זעאונג ביזטו געווען, און דיין פנים האָט געלויכטן פאַר פרייד, און אַ שטיל געזאַנג האָט אָפּגעהויכט פון דיינע ליפּן. דאָך אַ טרויער האָב איך געזען אין דיינע אויגן. מיר דאַכט זיך, אַז דו וויינסט אָן טרערן. עס וויינט אַרויס דער צער פון דיינע אויגן, וואָס מאַכט ברומען מיין האַרץ, דענסטמאָל ווען איך האָב דיך געזען צום ערשטן מאָל, און איצט, ווען דו זיצסט נעבן מיר. זאָג מיר, מיין אויסגעוויילטע, נשמה פון מיין נשמה, פאַרוואָס ביזטו אַזוי טרויעריק?״

איבערגעבנדיק מיר דאָס 6־טע קאַפּיטל, האָט ער געזאָגט:

— איך רעכן אַז איצט וועל איך מוזן מאַכן אַ לענגערע פויזע.

איך האָב אים אָנגעקוקט. זיין פנים האָט אויסגעדריקט מידקייט. די אויגן זענען געווען מאַט, ס׳האָט פון זיי אַרויסגעקוקט אַ שטילער טרויער.

— כ׳וועל מיך מוזן אַ שטיקל צייט אָפּרוען — האָט ער געזאָגט.

איך האָב די דאָזיקע ווערטער אויסגעטייטשט, אַז ער דאַרף דער־וויל נישט מיין אַרבעט.

— מאַכט נישט אויס — האָב איך געזאָגט — וועל איך אין דער צווישנצייט אויפנעמען אַנדערע אַרבעטן.

ער האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט:

— אָבער דאָס האָט דאָך נישט מיט אייך צו טון... כ׳מיין דאָך נישט... איר בלייבט ווייטער ביי מיר. אַזוי לאַנג איך בין דאָ, דאַרף איך אייך האָבן. זאָל אייך נישט אַרן אויב איר וועט אַמאָל נישט האָבן צו טון. און נאָך אַ פּויזע:

— אפשר וועל איך אייך שפּעטער גאָר מוזן דיקטירן... כ׳ווייס נישט...

כ׳בין געבליבן זיצן ווי געפּלעפּט. פאַרוואָס רעדט ער אַזוי? פילט ער זיך קראַנק?

און ווי תמיד אין דער צייט, האָט ער זיך אויך איצט אָנגעטון און איז אַרויס מיט מיר אויף זיין שפּאַציר.

אויפן וועג האָט ער זיך פאַר מיר באַקלאָגט אַז מ׳גיט אים נישט קיין רו, מ׳שטערט אים רק אין דער אַרבעט. אָט האָט ער איצט געמוזט צוזאָגן, זיך צו באַטייליקן אין דעם אָוונט פאַר שיינע מרים בראָדערזאָן, אין „אוהל שם״. וואָס וויל מען פון אים? ער האָט דאָך נישט קיין כוח פאַר רעדעס. ס׳שאַדט אים. און אַ חוץ דעם — רייסט מען אים אָפּ פון דער אַרבעט!

ער האָט מיך געפרעגט וווהין איך גיי פון דאַנען. און אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז איך פאָר קיין תל־אביב, האָט ער מיך באַגלייט ביז צו דער אויטאָבוס־סטאַציע פון מעון־ים און זיך דאַן געלאָזט גיין צוריק, אַהיים. איך האָב אים נאָכגעקוקט, ווי ער גייט מיט פאַמעלעכע, נאָכלעסיקע טריט.

24.1.57

אהיימקומענדיק נעכטן, האָב איך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן אַשן. זיין אויסזען און זיינע מאָדנע רייד האָבן מיך באַאומרויקט. און ווען איך האָב מיך גענומען איבערשרייבן דאָס 6־טע קאַפּיטל, האָב איך ערשט געזען אַז מיט אַשן האַלט עס גאָר נישט גוט. איך האָב געזען ווי אין אַ שפּיגל די שטערונג אין דער נאָרמאַלער פונקציע פון זיין מוח. די זייטלעך זענען געווען אָדער טאָפּלט אָדער פאַלש נומערירט. כ׳האָב זיי געדאַרפט אָרדענען לויטן אינהאַלט און אַלע בלעטלעך דאַן פריש נומערירן. דאַן — די אומקלאָרע זאַצן, די פילע טעותים, די פאַרבייטונגען פון נעמען. שטאָט רחל — לאה, שטאָט שרה — רבקה, אויך פאַרבייטונגען פון ערטער, שטעט. ביים אויסדריקן אַ פשוטן געדאַנק, האָט ער זיך געראַנגלט און נישט געקענט געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט. האָט ער געהאַלטן אין איין מעקן. איך האָב מיר נישט געקענט קיין עצה געבן וואָס איך זאָל טון, אַליין מאַכן ראַדיקאַלע ענדערונגען האָב איך נישט געוואַגט, שטעלן אַזויפיל פרעג־צייכנס — וועט דאָס אים דערשרעקן...

איך האָב דאָס קאַפּיטל אַוועקגעלייגט.

דער אַטאַק

26.1.57

איך האָב מיך צו דער באַשטימטער שעה געלאָזט גיין צו אַשן. צוקומענדיק צום אייזערנעם גאָרטן־טירל און ווענדיק עס עפענען, האָב איך פּלוצעם געהערט ווי מען רופט מיין נאָמען. איך האָב מיך אומגעדרייט און געזען דעם ראש־העיר בן־ארי, שטיין אויף זיין באַלקאָן.

דאָס הויז פון בן־ארי שטייט פּונקט אַקעגנאיבער אַשס הויז. אַזוי ווי דאָס געסל איז אַ שמאָלס, זענען די ביידע הייזער אַזוי נאָענט איינס צום אַנדערן, אַז ביידע משפחות, זיצנדיק אויף זייערע ברייטע באַלקאָנען, האָבן געקענט פירן שמועסן, נישט מוזנדיק אפילו העכערן דאָס קול.

בן־ארי האָט מיר צוגעווונקען איך זאָל צו אים נענטער צוקומען.

— איך וואָלט אייך געראַטן — האָט ער מיר אין דער שטיל געזאָגט, — אַז איר זאָלט איצט נישט אַריינגיין צו אַשן.

— וואָס איז געשען ?!

— אַש האָט געהאַט אַן אַטאַק. מען לאָזט נישט צו צו אים.

די ידיעה האָט מיך ווי אַ בליץ געטראָפן. אַ ווײַלע בין איך געשטאַנען ווי פאַרגליווערט, דאַן האָב איך געפרעגט:

— ס׳איז ערנסט ?

— לאָמיר האָפן אַז נישט.

— ווען איז דאָס געשען ?

— אָנגעהויבן האָט זיך עס נעכטן.

— וואָס פאַר אַטאַק ? וואָס זאָגט דער דאָקטער ?

בן־ארי האָט געצויגן די אַקסלען.

— דערווייל איז גלייכער דערפון נישט קיין סך צו רעדן, נישט צעפּויקן די נייעס.

שלום אַש אין זיין לעצטער היים

אַהיים גייענדיק האָבן מיר געקלונגען אין די אויערן אַשס ווערטער :
„...אַ לענגערע פויזע מאַכן... אפשר וועל איך אייך דאַרפן דיקטירן...“

אַ שוידער איז מיר אַדורך איבערן גאַנצן לייב.

דער ערשטער סיגנאַל

27.1.57

יעדן פרייטיק נאָכמיטאָג פלעגט אַש גיין קויפן פאַר דער פרוי בלומען אויף שבת. די בלומען־פאַרקויפערין וווינט נישט ווייט פון זיין הויז, בלויז עטלעכע מינוט גאַנג.

דעם פרייטיק, (אייערנעכטן) האָט ער זיך געקלאָגט אויף קאָפּ־ווייטיק. ס'איז געווען אַרום דריי אַזייגער נאָכמיטאָג. ער האָט געבעטן די פרוי אַז זי זאָל אים באַגלייטן. קומענדיק אין דער דירה פון דער בלומען־פאַרקויפערין האָט אַש זי פּלוצעם אַ פרעג געטון:

— זאָגט מיר, וווּ וווינט איר?

די פרוי האָט געמיינט, אַז אַש מאַכט זיך אַ שפּאַס מיט איר. וואָרעם ווי קאָן ער מיינען ערנסט, בעת ער קומט צו איר יעדן פרייטיק, און ווייסט גאַנץ גוט אַז ער געפינט זיך אין איר וווינונג. נאָר אַז אַש האָט די פראַגע איבערגעחזרט, האָט די פרוי האַלב שמייכלענדיק האַלב צעטומלט געענטפערט:

— איר ווייסט דען נישט, אדון אַש, אַז איך וווין דאָ?

מאַטילדאַ אַש איז בלייך געוואָרן. זי האָט אַשן תיכף אַרויסגעפירט פון דער פרויס שטוב. אין דרויסן האָט אַש זיך געלאָזט גיין אין אַ פאַר־קערטער ריכטונג.

— אַז איך בין ווי יעדן נאָכמיטאָג געקומען צו די אַשס — דער־ציילט די ווירטשאַפטערין — איז אַש געלעגן. די פרוי אַש האָט מיר דערציילט אַלץ וואָס עס איז געשען. זי האָט טעלעפאָנירט נאָכן דאָקטער. ער האָט געענטפערט, אַז ער וועט קומען מאָרגן, שבת, פאַרמיטאָג. נאָכט־מאָל האָט אַש שוואַך געגעסן. נישט אויפגעהערט קלאָגן זיך אויף קאָפּ־ווייטיק.

שבת אין דער פרי האָט ער זיך פּלוצעם געזעצט צום שרייב־טיש שרייבן. מען האָט דערוואַרט געסט: די פישמאַנס, כצ׳ן (דעם אייגנטימער פון פאַרלאַג „קרני") און דעם דאָקטער. קומענדיק אין דער פרי און זעענדיק אַשן ביים שרייב־טיש, בין איך געווען אויסער מיר, פאַרוואָס די פרוי אַש לאָזט אים נאָך אַזאַ טאָג אַרבעטן. זי האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז פון שרייבן קאָן אים קיין מענטש אין דער וועלט נישט אָפּהאַלטן.

פּלוצעם האָט זיך אַש אויפגעהויבן, גענומען אויף זיך דאָס רעקל און דעם שטעקן און זיך געלאָזט אַרויסגיין. פרוי אַש האָט אים אויפמערק־זאַם געמאַכט אַז ס׳קומען באַלד געסט, און אויך דער דאָקטער דאַרף קומען. דערויף האָט ער געענטפערט, אַז ער גייט בלויז אַרויס אויף עטלעכע מינוטן, ער וויל זיך נאָר אַביסל איבערגיין.

דאָס איז געווען אַרום 10 אזייגער פאַרמיטאָג. דער ערשטער איז געקומען דער דאָקטער, און באַלד אויך די איבריקע געסט. ס׳גייט אַוועק אַ האַלבע שעה — אַש איז נישטאָ. ס׳ווערט 11 אַזייגער — מען זעט אים נישט. 12 אַ זייגער איז די זאַך געוואָרן ערנסט. אַן אומרו און אַ שרעק האָט אַלעמען אַרומגענומען. מ׳האָט אַלאַרמירט די גאַנצע געגנט. אַלע אויטאָס האָבן זיך צעלאָזט אין אַלע ריכטונגען פון שטאָט זוכן אַשן. מ׳האָט אַלאַרמירט די פּאָליציי. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתע יאַגד אין דער לענג און דער ברייט פון שטאָט.

1 אזייגער האָט מען אַשן געבראַכט מיט אַן אויטאָ פון חולון, באַגלייט פון אַ פּאָליציאַנט. דער שאָפער פון אויטאָ האָט דערציילט, אַז ער האָט אַשן געטראָפן גיין אויף דעם וועג קיין חולון. אַש האָט אים געגעבן אַ צייכן שטיין צו בלייבן און אים געזאָגט אַז ער האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין וועג, ער זאָל אים פירן צו דער רחוב ארלוזורוב.

דער חולונער שאָפער האָט נישט אַנדערש פאַרשטאַנען ווי דאָס מיינט אַש די ארלוזורוב־גאַס פון חולון. אַז אויך אין בת־ים קאָן זיין אַ גאַס מיט אַזאַ נאָמען, איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן. האָט אים דער שאָפער אַריינגעפירט אין דער ארלוזורוב־גאַס פון חולון. אַש האָט זיך גענומען אין דעם פרעמדן געסל זוכן זיין הויז. און זעענדיק אַן ענלעך הויז ווי זיינס, איז ער אַריין אין שטוב. זיך אַרומגעקוקט, געפילט אַז מיט אים איז

עפּעס נישט אין אָרדענונג. קומענדיק אויף אַ רגע צו זיך, האָט ער זיך געשעמט פאַר די פרעמדע מענטשן, זיך גענומען אַנטשולדיקן, געזאָגט, אַז ער פרעגט זיך צו שלום אַשן, צי קאָן מען אים נישט זאָגן ווו ער וווינט... די פרעמדע מענטשן האָבן אָבער אַשן תיכף דערקענט, געזען, אַז עפּעס איז מיט אים נישט גלאַטיק, האָט מען באַלד טעלעפאָנירט נאָך דער פּאָליציי, װעלכע האָט גאַנץ גוט געוווּסט ווו אַש וווינט, און אים אָפּגעפירט אַהיים. מען האָט אים פון אויטאָ אַראָפּגענומען און אים אַריינגעפירט אין שטוב אַריין. ער איז געווען בלייך ווי די וואַנט. מ׳האָט אים תיכף אַריינ־געלייגט אין בעט, פאַרמאַכט די טיר פון שלאָפצימער. דער דאָקטער האָט אים איינגעגעבן צום שלאָפן, און באַפוילן אַז מען זאָל צו אים קיינעם נישט צולאָזן. ער מוז אַ סך רוען, אַ סך שלאָפן.

פון שרהן בין איך אַריין צו די בן־אריס. ס׳איז שוין געוואָרן נאַכט. און פרוי אַש איז נאָך נישט צוריקגעקומען פון שפּיטאָל („אסותא”), וווהין מ׳האָט אַשן היינט אַוועקגענומען.

אויך די בן־ארי׳ס האָבן זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען, זענען געזעסן און מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן קומען פון דער פרוי אַש, כדי צו הערן וואָס אַש טוט. די תמיד העל־באַלויכטענע ווילע פון אַקעגנאַיבער איז געשטאַנען אַ פינצטערע, אַן איינזאַמע. ביי יעדן שאָרך איז חיימקע (בן־ארי׳ס 9־יעריק יינגעלע) אַראָפּגעלאָפן זען צי ס׳גייט נישט פרוי אַש. בתיה (בן־ארי׳ס פרוי) *) דערמאָנט זיך דעם לעצטן פריילעכן חנוכה־אָוונט ביי זיך אין הויז צוזאַמען מיט די אַשס.

— ס׳זענען געווען איינגעלאַדן איינציקע געסט — דערציילט בן ארי — און אויך קינדער זענען געקומען כדי צו הערן שלום אַשן — בענטשן חנוכה־ליכט.

אַש האָט מיטגעבראַכט פון דער היים איינס פון זיינע אַנטיקע חנוכה־לעמפּלעך (אויף בוימל און וואַטע־קנויטלעך) אַנגעטון דעם בערעט

* כדאי צו פאַרצייכענען : בתיה בן־ארי הייסט לויט איר מיידלישן פאַמיליען־נאָמען קולבאַק, און איז אַ קוזינקע פון דעם גרויסן טראַגיש אומגעקומענעם דיכטער משה קולבאַק, איר צו לענגערע יאָר.

און מיט אַן עכט יידישן ניגון געמאַכט די ברכות. דאַן האָט ער אַרויסגענומען די בריוו־טאַש און געטיילט די קינדער חנוכה־געלט, יעדן צו איין פונט. מען האָט דאַן פאַרבראַכט ביז טיף אין דער נאַכט אַריין ביי אַ גלעזל משקה און לאַטקעס, ווי גאָט האָט געבאָטן.

— איר האָט געזאָלט זען — זאָגט בן ארי — ווי אַש האָט געשטראַלט, ווי יומטובדיק ער האָט זיך געפילט!

— אַז מ׳האָט אים היינט אַרויסגעטראָגן צום וואָגן פון מגן דוד אדום — דערציילט בתיה — האָט ער אויף אַ רגע געעפנט די אויגן, געקומען צו זיך, און דערזעענדיק פאַרן וואָגן חיימקען, האָט ער געזאָגט אין זיין אשכנזישן העברעיש: חיימקע, תתפלל בעדי (חיימקע, בעט גאָט פאַר מיר). דאַן האָט ער ווידער פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין.

28.1.57

איך האָב נישט קיין געדולד געהאַט צו וואַרטן, און האָב שוין פאַר דריי אַזייגער געקלונגען אין אַשס ווילע. פרוי אַש איז שוין דאָסמאָל נישט געשלאָפן איר געוווינטן מיטאָג־שלאָף. איינס אַזייגער איז זי צוריקגעקומען פון שפּיטאָל און איז שוין גרייט געווען צוריקצופאָרן. ס'איז פשוט נישט צום גלויבן וואָס די תמיד קרענקלעכע און שוואַכע מאַטילדא אַש האָט איצט געלייסטעט! פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט איז זי געווען אויף די פיס און נישט אַרויסגעוויזן קיין סמנים פון מידקייט... יעדע רגע האָט דער טעלעפאָן געקלונגען: פּרעסע, טעלעגראַפן־אַגענטורן, פּריינט און באַקאַנטע. זי האָט אַלעמען דאָס זעלבע געענטפערט: אַז ס'איז גאָרנישט, אַ קלייניקייט... דער דאָקטער זאָגט אַז אין אַ צוויי־דריי טעג וועט אַלץ ווידער זיין אין אָרדענונג.

מיך האָט זי געבעטן, אַז איך זאָל דאָס געשעעניש ווי מעגלעך בסוד האַלטן. ווי נאַיוו און קורצזיכטיק זי איז געווען! אין דעם זעלבן טאָג פון אַטאַק, האָבן שוין די ראַדיאָ־כוואַליעס די נייעס צעטראָגן אין דער גאַנצער וועלט. דעם צווייטן טאָג האָבן אַלע היימישע און אויסלענ־דישע צייטונגען וועגן דעם פאַל געשריבן.

די ערשטע טעלעגראַמעס זענען געקומען, פאַרשטייט זיך, פון די קינדער (דריי זין און איין טאָכטער). מאַטילדאַ האָט זיי אַלע באַרויקט, געענטפערט אַז די קראַנקהייט איז נישט קיין ערנסטע. זיי דאַרפן נישט קומען. דער טאַטע וועט באַלד געזונט זיין...

רות שאפּער

די טאָכטער, רות, איז, נישט קוקנדיק אויף דער מוטערס באַרויקונג, תּיכּף געקומען צו פליען פון לאָנדאָן. זי האָט געוווּסט וואָס זי טוט, ווען זי האָט אַלץ געלאָזט שטיין און איז געקומען צום פאָטער. זי האָט געוווּסט אַז איר אָנוועזנהייט וועט גינסטיק ווירקן אויפן קראַנקן. מיט איר קומען איז אויך איינגעטרעטן אַ געוויסע אַנטשפּאַנונג, אַן אויסלייטערונג. די מרה־שחורה איז ווי צערינען געוואָרן. אונטער דער ווירקונג פון איר וועזן האָט מען עפּעס געזען די גאַנצע זאַך לייכטער, העלער...

רות איז אין די פערציקער יאָרן, בלאָנד, טראָגט גערן העלע קליידער. די שטריכן פון איר פּנים זענען נישט קיין רעגלמעסיקע, זענען שאַרפע, האַרטע, כּמעט מענלעכע. און דאָך ווירקט זי ווייבלעך, זייער פרויענהאַפט. אַלס יונג מיידל האָט זי געדאַרפט אַ סך שטיפן, הויך לאַכן, אָפטון שקצישע שפּיצלעך. דער שטיפערישער שמייכל באַווייזט זיך נישט זעלטן אויך היינט אויף אירע ליפּן.

זי רעדט יידיש מיט אַן ענגלישן אַקצענט, מיט די רישן. זי באַמיט זיך צו רעדן אַ „ריינעם" יידיש: זי זאָגט: „גלייכן", „באַדערן", „כ'האָב געהאַט אַ טעלעפאָן־„קאָל"... אויף „פּרוּוון" זאָגט זי „פּאַרזיכן". איר אויסגעגעבענע טאָכטער (מרים) רופט זי „די קליינע". *

דעם פאָטערס ווערק לייענט זי פּונקט אַזוי גוט אין יידיש ווי אין ענגלישער איבערזעצונג. נאָר זיין כּתב־יד, זאָגט זי, איז איר שווער צו

---

*) גראָד היינט, ביים איבערשרייבן די דאָזיקע נאָטיץ צום דרוק, באַקום איך אַ בריוו פון לאָנדאָן וווּ מען טיילט מיר מיט, אַז „די קליינע" האָט (דעם 20־טן פעברואַר 1958) געבוירן אַ יינגל. —

לייענען. איר ליבשאַפט צום פאָטער איז נישט קיין קלענערע ווי איר באַוווּנדערונג און פאַרערונג פאַר דעם גרויסן קינסטלער...

און אויך ביי אַשן איז „רותקא" דאָס ליבלינגס־קינד. ער האָט זי ליב מיט אַן אָפּגעטישער ליבשאַפט. ער פלעגט שמייכלען מיט אַ גליקלעך פאָטערלעך שמייכל, ווען זי פלעגט אים אַמאָל אַרומנעמען און זיך צו אים טוליען, אַזוי ווי זי פלעגט עס טון אַלס קליין מיידעלע. אַז ער האָט אויס־געּרופן „טאָכטער"! האָט זיין שטימע געהאַט אַ קלאָרן מעטאַלענעם קלאַנג, און זיינע אויגן האָבן געלויכטן מיט אַ פייכטן גלאַנץ.

„זיי ווערן זיך נאָך שלאָגן על חטא"

ביי די אַשס איז קיינער נישטאָ. פרוי אַש און רות זענען ביי אַשן אין שפּיטאָל. און שׂרה האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אַהיים. גיי איך אַריין צו די בן־ארי׳ס, הערן וואָס אַש טוט. דאָרט בלייב איך שוין אַביסל זיצן. מען רעדט וועגן פאַרשידענע זאַכן ביז מ׳קערט זיך ווידער אום צו אַשן. בן־ארי ווייזט מיר בריוו וואָס אַש האָט אים געשריבן פון פאַרשידענע אויסלענדישע שטעט. איין בריוו איז פול מיט ביטערקייט און ווייטיק וועגן דער קאַמפּאַניע פון די בת־ימער אָרטאָדאָקסן קעגן זיין באַזעצן זיך אין בת־ים. בן־ארי דערציילט מיר פאַרשידענע עפּיזאָדן וועגן אַשן. איינעם פון זיי איז כדאי צו פאַרצייכענען:

דאָס איז געווען אין ט״ו בשבט, עטלעכע טעג פאַר דעם אַטאַק. די שדרה איז פול געווען מיט הונדערטער קינדער, געפירט לויט די פאַרשידענע שולן און קלאַסן פון זייערע לערער און קינדער־גערטנערינס. נישט נאָר עלטערן פון די קינדער, נאָר אויך אַ פרעמדער עולם איז געקומען צו דער חמשה־עשר־בשבט־פייערונג, און איז מיטגעריסן געוואָרן פון דער קינדערישער פרייד, פון זייערע קלינגענדיקע געזאַנגען.

אויך אַש האָט זיך געפונען צווישן דעם עולם. איך בין געשטאַנען פון ווייטן — דערציילט בן־ארי — און האָב אים באַאָבאַכטעט. זיין גאַנץ פּנים האָט געשטראַלט פון פרייד און נחת; נחת פון אַ גליקלעכן יידן וואָס איז אַרומגערינגלט מיט זיסע, געראָטענע אייניקלעך...

נאָך דער פייערונג האָט זיך אַש געלאָזט צוגיין צו אַ לערער, כדי אים אויסצודריקן אַ יישר כוח. דאָס איז געווען אַ לערער פון אַ רעליגיעזער שול אין בת־ים. ווי נאָר דער לערער האָט באַמערקט, אַז אַש דערנענטערט

זיך צו אים, האָט ער זיך דעמאָנסטראַטיוו אויסגעדרייט צו אים מיטן רוקן. אַש איז שטיין געבליבן מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט...

איך בין געשטאַנען פון וויטן און געזען די גאַנצע סצענע. אַש איז געשטאַנען ווי אַ פאַרגליווערטער. זיין פּנים איז געווען אָנגעצונדן. אַ ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען, דאַן האָט ער זיך פּאַמעלעך געלאָזט גיין אין אַן אַנדערער ריכטונג און — איז מיר אַנטקעגן געקומען. דערזעענדיק מיך, האָט ער אויסגעפּלאַצט:

— הער אויס, ראש־העיר: איך וועל עס שוין נישט דערלעבן, אָבער דו וועסט עס נאָך דערלעבן, אַז די אַלע־אָ וועלן זיך נאָך שלאָגן על חטא פאַר דעם בלוט וואָס זיי האָבן מיר אומזיסט פאַרצאַפּט!...

ער וויל אָפּהאַלטן די סאַנקציעס...

12.2.57

כ'האָב אַשן היינט געזען צום ערשטן מאָל זינט ער איז צוריקגעקומען פון שפּיטאָל. דער דאָקטער אדר (וועלכער באַהאַנדלט אַשן אומזיסט) קומט צו אים יעדן טאָג צו פאָרן, זיצט אָפּ אַ לאַנגע צייט. אַריינקומענדיק אין דער ארלאָזאָראָב־גאַס, איז גראָד זיין אויטאָ אַוועקגעפאָרן. איך בין שטיין געבליבן פאַר דער טיר און האָב נישט געוואַגט צו קלינגען. זינט אַשס קראַנקהייט איז אָנגעקלאַפּט אויף דער טיר אַ ווייס שילדל מיט דער אויפשריפט: נא לא לצלצל, לא להפריע (ס'ווערט געבעטן נישט צו קלינגען, נישט צו שטערן). פרוי אַש האָט מיך אָבער געזען דורכן פענצטער און מיר געעפנט. זי האָט מיך געבעטן צו בלייבן ביי אַשן נישט לאַנג און אויך נישט קיין סך רעדן מיט אים. דער דאָקטער האָט עס שטרענג פאַרבאָטן.

אַש איז געזעסן אין אַ פאָטעל דעם קאָפּ אָנגעלענט. אויסערלעך האָט מען אויף אים כמעט נישט באַמערקט קיין ענדערונג. בלויז די אויגן זענען געווען מאַט, אָן אַ באַשטימטן אויסדרוק. זיין ערשטע פראַגע, דער־זעענדיק מיך, איז געווען: דאָס ווייפלטע קאַפּיטל איך האָב ביז אַצינד איבערגעשריבן, און צי אַלץ ליגט אויף זיין אָרט.

באַגלייטנדיק מיך אַרויס, האָט מיר מאַטילדאַ אַש דערציילט, אַז ער האַלט אין איין רעדן וועגן די סאַנקציעס וואָס ס'דראָט אונדז פון אַמעריקע... ער מאַכט כסדר פּלענער צו פאָרן קיין אַמעריקע, צו ווירקן דאָרט דורך ראַדיאָ און טעלעוויזיע לטובת ישראל. צו דערציילן דעם אַמעריקאַנישן פאָלק דעם אמת וועגן ישראל, עפענען דער וועלט די אויגן...

— ער הערט וועגן דעם נישט אויף צו רעדן — זאָגט זי — און דאָס רעגט אים אויף, פאַרשאַט אים.

ער קאָן ווייטער נישט שרייבן

21.2.57

עטלעכע טעג נישט געווען ביי די אַשס. איך ווער געוווּיר ביי די בן־אריי׳ס, אָדער טעלעפאָניש וואָס ער מאַכט. אַ חוץ דעם דאָקטער איז איצט קיין באַזוכער נישט געווּנטשן. גייענדיק היינט אַהין, האָב איך זיך צונויפגעטראָפן אויפן וועג מיט רותן. זי איז פון ערגעץ אָנגעקומען. ס׳איז געווען אַ וואַרעמער און קלאָרער טאָג. שרה האָט אַרויסגעטראָגן אויף דעם באַל־קאָן דריי שטולן. ס׳זענען באַלד אַרויסגעקומען פון שטוב: אַש, די פרוי אַש און די קראַנקן־שוועסטער, וועלכע איז מיט אַשן מיטגעקומען פון „אסותא״־שפּיטאָל און מאַכט דאָ דינסט אַ גאַנצן טאָג.

אַש האָט מיך דערזען און מיך גערופן מיטן פינגער. רות האָט מיך אין דער גיך געבעטן:

— ווי גאָט איז אייך ליב, רעדט נישט וועגן ראָמאַן. און אַז ער וועט וועגן דעם רעדן, זאָלט איר איבעררייסן דעם שמועס און רעדן וועגן עפּעס אַנדערש. ווייל קיין זאַך רעגט אים נישט אַזוי אויף ווי זיין איבער־געריסענע אַרבעט.

— ס׳זאָל נאָר מעגלעך זיין איבעררייסן דעם שמועס.

— ס׳מוז מעגלעך זיין.

מיר זענען אַריין אין שטוב און פון דאָרטן אויף דעם באַלקאָן. און ווידער איז זיין ערשטע פראַגע געווען:

ווי ווייט האַלט איר מיטן איבערשרייבן?

— ס׳איז אַלץ אין בעסטער אָרדענונג, פריינד אַש, איר וועט זיך אַביסל אָפּרוען, וועט איר שוין דערטראָגן די אַרבעט.

— דערווייל קאָן איך נישט שרייבן — האָט ער זיך ווי באַקלאָגט פאַר מיר — כ׳פיל מיך נישט ביי די כוחות.

שלום אַש אין זיין לעצטער היים

און פּלוצעם, פון דער העלער הויט, גיט ער מיך אַ פרעג:

— איר האָט נישט ביי זיך אין דער היים עפּעס פון פּר׳ץ מאַרקיש?

— דאַכט זיך יאָ.

— כ׳בעט אייך זייער, ברענגט מיר עפּעס פון אים.

דערמיט האָט זיך מיין באַזוך געענדיקט.

אין אַשס אַרבעט־צימער

24.2.57

איך האָב אַשן געטראָפן אין זיין גאָרטן פאַרן הויז. ער איז געלאָפן אַרום דעם הויז ווי אַ באַזעסענער. פרוי אַש און די קראַנקן־שוועסטער זענען אים נאָכגעלאָפן. ער איז געווען אויפגערעגט, צערייצט. באַלד איז ער אַרויס פון גאָרטן און זיך געלאָזט לויפן אין דעם געסל, אין דער ריכ־טונג פון דער שדרה. פרוי אַש און די שוועסטער האָבן אים קוים געקענט דעריאָגן.

איך האָב דער שוועסטער אַ ווונק־געטון. זי איז צוגעקומען.

— אַזוי שוין 2—3 טעג. — האָט זי געזאָגט — כ׳בין פאַרמאַ־טערט! — ס׳איז נישט כדאי אַז איר זאָלט מיט אים איצט רעדן.

כ׳האָב מיך געוואָלט צוריקציען און אַהיימגיין. נאָר אין דער רגע האָט אַש אויסגעדרייט דעם קאָפּ, מיך דערזען און צוגערופן. איך האָב מיך דערשראָקן פאַר זיין ווילדן בליק.

— איך דאַרף דרינגענד האָבן צאַנינען.

— גוט, כ׳וועל אים איבערגעבן.

אויף אַ ווונק פון דער פרוי אַש, האָב איך מיך אויף גיך געזעגנט און בין אַוועק.

דער בריוו

אַשס צושטאַנד האָט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער געבעסערט. באַלד האָט מען אויך די קראַנקן־שוועסטער נישט געדאַרפט. אויך פריער פלעגט זיך אַש באַקלאָגן אַז זי מאַכט אים נערוועז, דערמיט, וואָס זי טרעט פון אים נישט אָפּ אויף קיין רגע, וואָס זי לאָזט אים נישט אַן איבריקן טריט מאַכן, אַן איבריק וואָרט רעדן...

די קראַנקן־שוועסטער איז סיי־ווי איבריק געווען, נאָכדעם ווי די טאָכטער רות האָט זיך אַרום אים געדרייט אַ גאַנצן טאָג. שוין איר אַנוועזנהייט אַליין האָט פסיכיש געהאַט אַ גינסטיקע ווירקונג אויפן פאָטער. דער דאָקטער אָבער איז ווייטער געקומען, איצט בלויז יעדן צווייטן־דריטן טאָג.

דערווייל האָט אַש נישט ממשיך געווען זיין ראָמאַן „יעקב און רחל״ וואָס איז שטיין־געבליבן ביים זעקסטן קאַפּיטל פון צווייטן טייל. ער איז איצט געווען באַשעפטיקט מיט אַנדערע ליטעראַרישע אַרבעטן. און אויך איך האָב דערביי געהאַט אַ סך צו טון: ווי נאָר ער איז אַביסל געקומען צו זיך, האָט ער מיר דערציילט, אַז צאַנין גיט אַרויס איינציקע פון זיינע עלטערע ווערק און אַז דאָס ערשטע גייט אַרויס „דאָס געזאַנג פון טאָל״ און די א״י־דיקע דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן.

אַש האָט נאָך פריער, פאַר דער קראַנקהייט, געטראַכט וועגן אַרויס־געבן אַ טייל פון זיינע ווערק.

ס׳איז בלויז געווען אַ פראַגע פון געלט. ער האָט זיך פאַר צאַנין באַקלאָגט, אַז צו זיינע יידישע אויסגאַבן מוז ער תמיד דערלייגן געלט, און אויף אַרויסצוגעבן איצט עטלעכע ביכער, וואָלט אים געדאַרפט קאָסטן אַ סך טויזנטער פונטן.

האָט אים צאַנין פאַרגעלייגט זיין גרייטקייט אַרויסצוגעבן עטלעכע

פון זיינע ווערק אָן דעם אַז אַש זאָל דאַרפן אויסלייגן געלט. פאַרשטייט זיך אַז אַש האָט צו אַזאַ אָנבאָט מיט פרייד מסכים געווען. ס׳איז אפילו געקומען צו אַן אָפּמאַך לויט וועלכן צאַנין פאַרפליכטעט זיך אַרויסצוגעבן 5 ביכער: 1. „דאָס געזאַנג פון טאָל" און די ארץ־ישׂראל־דערציילונגען אין איין באַנד. 2. „דאָס שטעטל". 3. „קידוש השם". 4. „די כישופמאַכערין פון קאַסטיליע" און 5. „דער תהלים־ייד". אַש דאַרף צו די דאָזיקע אויסגאַבן נישט אויסלייגן קיין געלט.

האָט איצט אַש אַנטוויקלט אַ פיבערהאַפטע טעטיקייט.

איך האָב געדאַרפט אַלע א״י־דיקע דערציילונגען, עסייען און רעפּאָרטאַזשן אויסשניידן פון פאַרשידענע ביכער און צייטונגען. אַש האָט איבערגעקוקט דעם גאַנצן מאַטעריאַל. געמאַכט איבעראַל גרויסע ענדערונגען. אַ סך זייטלעך זענען אינגאַנצן איבערגעביטן געוואָרן אויף ניי־צוגעשריבענע. ביי אַנדערע האָט ער געמאַכט אַזויפיל ענדערונגען, אַז מ׳האָט אַ סך זייטלעך געמוזט אינגאַנצן איבערשרייבן אויף דער מאַשין און דעם בויגן איבערקלעבן אויף דער געדרוקטער זייט.

נישט געקוקט דערויף, וואָס דער דאָקטער האָט אים שטרענג פאַרבאָטן צו אַרבעטן, האָט ער שעהענלאַנג פאַרבראַכט ביים שרייב־טיש. די פרוי אַש האָט אפילו קיין פּרוּוו נישט געמאַכט אים אָפּצוהאַלטן פון דער אַרבעט. זי האָט געהאַט גענוג דערפאַרונג, כדי צו וויסן, אַז שאַטן צום געזונט קאָן אים גיכער דאָס נישט־שרייבן...

איז אַש געווען באַשעפטיקט מיטן צוגרייטן צום דרוק די נייע אויפלאַגע פון „דאָס געזאַנג פון טאָל" און די א״י־דערציילונגען. און ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, האָט ער אַליין צונישט געמאַכט דעם פּלאַן. צעשטערט אַליין זיין האָפענונג צו זען כאָטש אַ טייל פון זיינע אַלטע ווערק אין אַ נייער אויסגאַבע.

ווען איך בין אין אַ פאַרמיטאָג צו אים געקומען, האָב איך אים געטראָפן זייער אויפגערעגט. פרוי אַש און רות זענען געווען אין תל־אביב. ס׳איז געווען נאָך אַ באַזוך פון צאַנינען. איך האָב מיך ערשט שפּעטער דערוווּסט וואָס ס׳איז געשען: אַש האָט צאַנינען געזאָגט, אַז דער מאַטעריאַל צום ערשטן באַנד איז פאַרטיק צום דרוק און ער האָט פאַרלאַנגט אַ געווי־

סע סומע געלט אויפן חשבון פון דער דאָזיקער אויפלאַגע. צאַנין האָט זיך אָפּגעזאָגט, פאַררופנדיק זיך אויפן אָפּמאַך.

עמפּפינדלעך און אימפּולסיוו ווי ער איז געווען, האָט אַש ביי מיין אַריינקומען מיר תיכּף געהייסן זיך זעצן צום טיש, און ער האָט מיר גענומען דיקטירן אַ זייער שאַרפן בריוו צו צאַנינען. ער האָט מיך אפילו נישט געלאָזט דעם בריוו איבערשרייבן אויף מאַשין, נאָר האָט אים אַזוי ווי ער איז געווען אונטערגעשריבן און מיך געבעטן אַז איך זאָל תיכּף פאָרן קיין תל־אביב און דעם בריוו פּערזענלעך איבערגעבן.

אַ שטיקל צייט איז איבערגעריסן געוואָרן יעדער קאָנטאַקט צווישן אַשן און צאַנינען. אָבער באַלד האָט אַש איינגעזען זיין פעלער און ער האָט מיט די אייגענע הענט געשריבן צאַנינען אַ לאַנגן אַנטשולדיקונגס־בריוו.

צאַנין האָט אים געענטפערט, אַז ווען עס וואָלטן געווען צוויי שלום אַשס, וואָלט ער מיט איינעם געדאַרפט ברוגז זיין פאַר אַזאַ בריוו. אַזויווי אָבער ס׳איז נאָר דאָ איינער — —

פון דעם גאַנצן פּראָיעקט איז אָבער סיי ווי גאָרנישט געוואָרן. אַש איז באַלד אָפּגעפאָרן קיין לאָנדאָן און דאָרט זענען גאָר גיך רעאַליזירט געוואָרן אַלע זיינע פּלענער און פּראָיעקטן...

ווידערביים וואַרשטאַט

עטלעכע טעג נאָכן רוגז־בריוו צו צאַנינען, האָט מיר אַש דיקטירט אַ בריוו צו מאיר ווייסגאַלן מיט אַ לאַנגער רשימה פון זיינע ווערק, וועלכע וואָלטן ווידער געדאַרפט אַרויסגיין אין יידיש. אַן ערך 20 ביכער האָט ער אויסגערעכנט. ביי יעדן ווערק האָט ער מיט קורצע ווערטער איבערגעגעבן דעם אינהאַלט און די אידעע וואָס דאָס בוך ברענגט צום אויסדרוק.

דאָס איז געווען נאָך אַ באַזוך פון די אַשס אין רחובות. אַש האָט מיט ווייסגאַלן זיכער גערעדט וועגן דעם וואָס ס'איז אים געלעגן אויפן האַרצן: וועגן דער נויטווענדיקייט אַרויסצוגעבן אין יידיש אַ טייל פון זיינע געזאַמלטע ווערק, און ווייסגאַל האָט זיך, ווי ס'ווייזט אויס, געהייסן צושטעלן אַ רשימה פון די ווערק וואָס קומען אין באַטראַכט, כדי ער זאָל וועגן דעם ענין קענען פאַרהאַנדלען מיט דער סוכנות, וועלכע זאָל אַזאַ אַקציע פינאַנסירן, ד. ה. אויסלייגן דאָס געלט. אַש האָט זיך אויך, דאַכט מיר, מיט אַזאַ פאָרשלאַג געווענדט צו דער הסתדרות. ס'איז אויך פאָר־געקומען אַ באַגעגעניש צווישן דעם יונגן פאַרלאַג „פרץ־ביבליאָטעק" און אַשן.

און אַז פון די אַלע שמועסן און באַמיונגען איז גאָרנישט געוואָרן, האָט אַש זיך אָפּגעלאָזט פון דער גאַנצער זאַך, אויפגעהערט וועגן דעם רעדן און — זיך ווידער אַ נעם געטון צום ראָמאַן „יעקב און רחל". ער האָט זיך אויף דער אַרבעט אַ וואָרף געטון אַזוי פלוצעם, און מיט אַזאַ ליידנשאַפט און ברען, אַז פרוי אַש און רות האָבן זיך זייער דערשראָקן, מורא געהאַט, אַז דאָס אויפשטיין יעדן טאָג ווען אין דרויסן איז נאָך פינצטער און כמעט דעם גאַנצן טאָג נישט אָפּטרעטן פונעם שרייב־טיש, זאָל נישט גורם זיין קיין רעצידיוו פון דער קראַנקהייט.

אָבער אָפּהאַלטן אים פון שרייבן איז נישט מעגלעך געווען, ווי ס'איז

נישט מעגלעך צו האַמעווען אַ ווילדן שטראָם. די אַרבעט האָט אים אָבער נישט נאָר נישט געשאַט, נאָר להיפוך: וואָס מער שעהען ער האָט פאַר־בראַכט ביים שרייב־טיש, אין אַן אַלץ בעסערער שטימונג האָט ער זיך פון אים אויפגעהויבן. דאָס שרייבן האָט אים מער געשטאַרקט ווי די אַלע גלעזער מייערן־טאָמאַטן־ און מאראַנצן־זאַפטן וואָס דער דאָקטער האָט געהייסן טרינקען עטלעכע מאָל אין טאָג... ווייזט אויס, אַז גייסטיקע וויטאַמינען זענען פאַר געוויסע אָרגאַניזמען וויכטיקער ווי פיזישע...

אַש איז נישט געווען קיין להכעיסניק. ער האָט געטריי אָפּגעהיט אַלע מעדיצינישע פאָרשריפטן, טרינקענדיק די אַלע מעדיצינען און זאַפטן. ער האָט אָבער אויך נישט מוותר געווען אויף זיינע באַליבטע געוווינהייטן; נאָך יעדן גלאָז זאַפט האָט ער פאַרטרונקען מיט אַ גלעזל קאָניאַק און „פאַר־ביסן" מיט אַ ציגאַר...

אַ בריוו צו בן-גוריון

דעם 7־טן מערץ האָט מיר אַש דיקטירט אַ בריוו צום ראַש הממשלה דוד בן־גוריון, וועלכן איך האָב אין דעם זעלבן טאָג אָוועקגעשיקט. אָט איז דער בריוו אין אָריגינאַל און אין דער יידישער איבערזעצונג:

לכבוד

ראש הממשלה ושר הבטחון

מר דוד בן גוריון,

ירושלים.

ידידי נכבד ויקר,

מה נאמר ומה נדבר, הנני משבח ומודה בכל יום ויום בתפילתי, שזכיתי לחיות באותו הזמן, ואני מאושר להיות בן דורך. אני משבח על הנסים והנפלאות שעשה הקב"ה לנו בעת צרה, על הגבורה בכוח וברוח שנתן לבנינו ולבנותינו בחיל ישראל. כן אני משבח להשי"ת על הגואל ששלח לנו באותו זמן שהיינו בני צלמוות. אני מסכים לכל החלטות שלך. אני יודע היטב בכמה צער וכמה דמים ודמעות עלה עליך להתגבר על כל המכשולים ואבני־נגף שהיה על דרכך, להגיע להצלחה ולנצחון השלום לטובת עמנו ולטובת ציון.

לבי מלא רגש של כבוד ושל הוקרה עליך. דברתי פעמים רבות עליך עם ד"ר הייל, הידיד הנאמן שלנו, וגם עם השגריר של ארה"ב. יש לי תשוקה גדולה לראות אותך ולהביע לך יישר־כוח שלי.

יודע אני מה יקרה העת שלך, שאתה צריך להקדיש בה את כל כוחותיך לטובת העם והמדינה. אולם התשוקה הגדולה לראות אותך וגם החשיבות של הענינים שיש לי לדבר איתך, מאלצת אותי לבקש ממך, שתקדיש לי חצי שעה. אם יש לך אפשרות לקבל אותי, אהיה אסיר תודה לך. אם תודיעני הזמן והשעה שאוכל לבקר אותך.

איננו בקו הבריאות בכלל. לא מזמן יצאתי מבית החולים והנני נמצא עכשיו בביתי, בבת־ים. אינני רוצה להטריח אותך, חלילה וחלילה, שתבוא אלי. עלי רק לחכות לימים יותר חמים שתהיה לי אפשרות לבוא לירושלים. אנא, בשם הידידות הותיקה שלנו מכמה וכמה שנים, תקבע לי את הזמן.

בכל אופן אני שלך. ואני עומד לעבוד בכל מלאכה ומלאכה לטובת עמנו וארצנו, בכל אפשרות, תחת פקודתך.

ברב כבוד ודרישת שלום

שלך

שלום אַש

חשובער און טייערער פריינד,

מה נאמר ומה נדבר, איך דאַנק און לויב (גאָט) יעדן טאָג אין מיין תפילה, וואָס איך האָב זוכה געווען צו לעבן אין דער זעלבער צייט, און איך בין זייער גליקלעך צו זיין אייער בן דור. איך דאַנק און לויב פאַר די נסים און נפלאות וואָס הקב״ה האָט אונדז באַוויזן אין אַן עת־צרה. פאַר דער גבורה אין כוח און אין גייסט, וואָס ער האָט געגעבן צו אונדזערע זין און טעכטער בחיל ישראל, און איך דאַנק און לויב אויך השי״ת פאַרן גואל וועלכן ער האָט אונדז געשיקט אין דער צייט, ווען מיר זענען געווען בני צלמוות. איך בין מסכים מיט אַלע אייערע באַשלוסן. איך ווייס גאַנץ גוט, וויפל צער, בלוט און טרערן ס׳האָט אייך געקאָסט, גובר צו זיין די אַלע מכשולים און שטרויכלונגען וואָס זענען געלעגן אויף אייער וועג, צו דערגרייכן די הצלחה און דעם נצחון השלום לטובת אונדזער פאָלק און לטובת ציון.

מיין האַרץ איז פול מיט כבוד און פאַרערונג צו אייך. איך האָב אַ סך מאָל גערעדט וועגן אייך מיט אונדזער אמתדיקן פריינד, ד״ר הייל, און אויך מיטן אַמעריקאַנישן אַמבאַסאַדאָר. כ׳האָב אַ גרויסע תשוקה אייך צו זען און אויסדריקן אייך מיין יישר כוח.

איך ווייס ווי טייער אייער צייט איז. אַז איר דאַרפט ווידמען אַלע אייערע כוחות לטובת דעם פאָלק און דער מדינה. אָבער די גרויסע תשוקה אייך צו זען און אויך די וויכטיקייט פון די ענינים וועגן וועלכע איך דאַרף מיט אייך רעדן, צווינגען מיך, אייך צו בעטן, אַז איר זאָלט מיר ווידמען אַ האַלבע שעה (צייט). אויב ס׳איז אייך מעגלעך מיך אויפצונעמען, וועל איך אייך זייער דאַנקבאַר זיין, ווען איר וועט מיר באַשטימען די צייט און די שעה ווען איך זאָל אייך באַזוכן.

כ׳בין בכלל נישט בקו הבריאות. כ׳האָב ערשט נישט לאַנג פאַר־לאָזט דאָס שפּיטאָל. און איצט געפין איך מיך אין מיין היים אין בת־ים,

איך וויל אייך חלילה וחלילה נישט מטריח זיין צו קומען צו מיר. איך וויל נאָר וואַרטן אויף וואַרעמערע טעג, אַז כ׳זאָל קענען קומען קיין ירושלים. איך בעט אייך, אין נאָמען פון אונדזער לאַנגיעריקער פריינטשאַפט, באַשטימען מיר די צייט.

אין יעדן פאַל בין איך אייערער, און איך בין גרייט מיט אַלע מעגלעכקייטן צו טון יעדע מלאכה לטובת אונדזער פאָלק און אונדזער לאַנד, אונטער אייער אָנפיר.

מיט אַ סך כבוד און גרוסן

אייער

שלום אַש

אַ „פּאַרדינסטפּולער" שטעקן

אַש האָט געהאַט אַ קליינעם אויטאָ מיט 5 פּלעצער. דער אויטאָ איז געשטאַנען אַקעגן זיין הויז, אין דעם אָפענעם גאַראַזש פון בן־אריס גאָרטן. ער האָט געהאַט אַ „סטאַבילן" שאָפער אין בת־ים. ד. ה. ווען דער שאָפער איז פריי געווען און די אַשס האָבן צופעליק אין יענעם טאָג געדאַרפט פאָרן, האָבן זיי אים באַשטעלט, און אַז ער איז נישט פריי געווען, האָבן זיי טעלעפאָניש באַשטעלט אַ „ספּעשל" פון תל־אביב.

עטלעכע טעג פאַר דעם אַטאַק, האָט מיר אַש דערציילט, אַז ער האָט ענדלעך געמאַכט דעם עקזאַמען און באַקומען אַ באַוויליקונג צו פירן אַן אויטאָ.

— אַ שיינע מעשה! — האָט ער געלאַכט — צענטליגקער יאָרן ווי איך בין אַליין שאָפער, דאַרף איך אויף דער עלטער אָנהויבן פון פאָרנט! — אַ פרישער עקזאַמען!

ער האָט זיך געפרייט, וואָס ער וועט נישט מער דאַרפן זיין אָפּהענגיק פון דעם שאָפער אָדער מוזן וואַרטן אויף אַ „ספּעשל" פון תל־אביב. מיינסטנס אָבער האָט ער זיך געפרייט, וואָס ער וועט ווידער קענען באַטרייבן זיין אַלטן באַליבטן ספּאָרט פון פירן אַ מאַשין.

אָבער נאָך זיין קראַנקהייט האָט אים דער דאָקטער דאָס זייער שטרענג פאַרבאָטן.

אַש האָט איצט ווידער באַנייט זיינע טעגלעכע שפּאַציר־גענג, און איך באַגלייט אים ווידער (מיינע באַזוכן זענען איצט געענדערט געוואָרן פון נאָכמיטאָג אויף פאַרמיטאָג). ווען אַש גייט פאַרביי דעם אָפענעם גאַראַזש, וואַרפט ער אַ בליק אויף זיין קליינעם זילבער־גרויען אויטאָ און באַמערקט מיט אַ זיפץ:

— ס'איז נישט באַשערט... כ'דאַרף ווייטער אָנקומען צום שאָפער!

פאָרן פלעגן די אַשס אָפט קיין תל־אביב, באַזוכן באַקאַנטע, דער־לעדיקן פאַרשידענע ענינים. אָפט זענען זיי אויך איינגעלאַדן געוואָרן אויף מיטאָג אָדער אָוונט־ברויט קיין רחובות, צו ווערא ווייצמאַן אָדער צו די וויסגאלס, מיט וועלכע די אַשס זענען געווען באַפריינדעט.

אין אַ שיינעם טאָג האָט זיך אַש געכאַפּט אַז ער האָט ערגעץ איבער־געלאָזט זיין שטעקן, אָן וועלכן ער האָט זיך נישט געקאָנט רירן. מען האָט גענומען זוכן אין אַלע ווינקלען, אָנגעפרעגט ביי אַלע באַקאַנטע אין בת־ים און אין תל־אביב, — נישטאָ.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואַנדערונג איבער די געשעפטן אַ שטעקן צו קויפן. קודם האָט מען „אַבסאָלווירט" די געשעפטן פון בת־ים. אַש איז געגאַנגען פון געשעפט צו געשעפט און איך בין אים נאָכגעגאַנגען פון הינטן ווי אַ גבאי נאָך אַ רבין... ער האָט נישט אויסגעלאָזט קיין איינ־ציקע טיר. נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן אַ גאַלאַנטעריע־געשעפט און אַ שלאָסער־ווערקשטעל... איך האָב אים קוים צוריקגעהאַלטן ווען ער האָט זיך אויך געלאָזט אַריינגיין אין אַ... פיש־געשעפט.

און אַז מען האָט נישט געפונען קיין שטעקן אין בת־ים — האָט מען זיך גענומען צו תל־אביב. אָנגעהויבן האָבן מיר מיט דער בן־יהודה־גאַס. ערשט אין רחוב אלנבי האָבן מיר ענדלעך געטראָפן אַ געשעפט וואָס האָט אויך שטעקנס. נאָר אַש האָט זיך בשום אופן נישט געקענט צוקלויבן אַ פּאַסיקן שטעקן. ער איז אַהיימגעפאָרן און איך בין נאָך געבליבן אין תל־אביב דערליידיקן מיינע אייגענע ענינים.

קומענדיק צו אים דעם צווייטן טאָג, ווייזט מיר אַש אַ שטעקן.

— איר האָט דאָך זיך אויסגעקליבן אַ שטעקן? — פרעג איך אַ פאַרוווּנדערטער.

— דעם שטעקן האָב איך שוין לאַנג, זאָגט מיר אַש, איך האָב אים באַקומען אַ מתנה פון אַ יידישן אָפיציר, תיכף נאָך דער סיני־אַקציע.

— היינט, וואָס־זשע דאַרפט איר קויפן אַ צווייטן? ס'איז דאָך אַ זייער פיינער שטעקן!

דערציילט מיר אַש, אַז דער אָפיציר, וואָס האָט אים דעם שטעקן

געשענקט, האָט זיך פּאַר אים באַרימט, אַז מיט דעם דאָזיקן שטעקן האָט ער נישט איין מצרישן אַריינדרינגלער דערלאַנגג איבערן קאָפּ...

הערנדיק די „פּאַרדינסטן” פון דעם שטעקן — זאָגט אַש — האָט ער אים אַוועקגעלייגט אין אַ זייט און ער קאָן זיך צו אים נישט צורירן...

מיט אַ טאָג שפּעטער האָט מען אים פון רחובות געשיקט זיין אייגענעם שטעקן.

דער טלית

אויב די אויסערלעכע סמנים פון אַ קינסטלער זענען — אומאָרדע־נונג, דאַן איז שלום אַש געווען... אין אָרדענונג. מלך ראַוויטש וואָלט פון דער „אָרדענונג" וואָס האָט געהערשט אין שלום אַשס אַרכיוו, אויף זיינע שרייב־טישן, אין זיינע שופלאָדס — גאָר קיין נחת נישט געהאַט...

אַש האָט געהאַלטן אין איין זוכן: אַ מאַנוסקריפּט, אַ נאָטיץ־ביכל, אַ בריוו, וואָס ער האָט נעכטן באַקומען, אַ נעכטיקע צייטונג, אַן איינלאַ־דונג־בילעט צו אַ קאָנצערט... אַלץ האָט ער געדאַרפט זוכן. און זוכן האָט געהייסן— עפענען שופלאָדס און אַלץ איבערקערן, אַלץ איבערוואַרפן: בערג צייטונגען, פּעק פּאַפּירן, טעקעס, בילדער, בריוו, זעלטענע אַנטיקלעך פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער... אַזוי ווי איך האָב די אַרבעט פאַר אַשן געמאַכט ביי מיר אין דער היים, אויף מיין שרייב־מאַשין, און האָב מיך ביי אים אין שטוב זעלטן זייער לאַנג אויפגעהאַלטן, האָב איך נישט געקענט האַלטן קיין אָרדענונג אין זיינע זאַכן. איך האָב נאָר באַוויזן צו שאַפן אַביסל אָרדענונג אין זיין צייטונג־אַרכיוו. איך האָב אַהיימגעשלעפּט גאַנצע פּעק אַלטע צייטונגען מיט אַשס געדרוקטע זאַכן, געקויפט עטלעכע צענטלינג גרויסע פּאַפּיר־בייטלען, סאָרטירט די געדרוקטע זאַכן און דערציילונגען, עסייען און אַרטיקלען, זיי אַריינגעלייגט אין די בייטלען און אויפגעשריבן דערויף וואָס פאַר זאַכן ס׳געפינען זיך אינעווייניק.

נאָך זיין קראַנקהייט האָט אַש באַקומען אַ בריוו פון זיין זון, דעם ענגלישן שרייבער נתן (נאַטאַן) אַש (אַש האָט אים גערופן „נאָסן"). דער בריוו האָט אַשן אַזוי שטאַרק פאַרכאַפּט און גערירט, אַז ער האָט אים פון ענגליש איבערגעזעצט אויף יידיש און דעם בריוו געוואָלט פאַרעפנטלעכן אין אַ יידישער צייטונג אָדער אין אַ זשורנאַל. אַשס איבערזעצונג איז אַ שלעכטע, אַ ווערטלעכע, אַ סך זאַצן זענען דעריבער כמעט אומפאַר־

שטענדלך אין יידיש. דער בריוו איז פול מיט ליבשאַפט און פאַרערונג צום פאָטער, פול מיט טרייסט און דערמוטיקונג. אָט זענען אייניקע זאַצן:

...„נישט טראַכטן, נישט גריבלען זיך, נאָר ליגן אויפן רוקן און לאָזן דעם הויך (?) איבער זיך שוועבן... מיר (מיט „מיר" — געמיינט, דעם פאָטער י. פ.) האָבן זיך נישט געבויגן פאַר קיינעם, מיר האָבן נישט געזאָגט קיין וואָרט, נישט האָבנדיק געגלויבט אַז עס איז אמת... ...„מיר האָבן אויף גאָרנישט וואָס חרטה צו האָבן"...

איך בין דאָ נישט אויסן געווען צו דערציילן וועגן אַשס אומאָרדע־נונג, און נישט וועגן דעם בריוו פון נתן אַשן צום פאָטער. דאָס אַלץ איז בלויז צו רייד געקומען אַקעגן אָט וואָס:

אַש האָט געזוכט דעם בריוו פון זיין זון. דאָס איז געווען קנאַפּ פאַרן אָפּפאָרן פון די אַשס קיין לאָנדאָן. מ'האָט געזוכט אין ביכער־שראַנק, צווישן די פילע בריוו און די פאַרשידענע קבלות און רעכנונגען פון פירמעס און משרדים, מ'האָט געזוכט אין די שופלאָדס פון די קאָמאָדן. אין לעצטן שופלאָד פון קאָמאָד אין אַרבעט־צימער איז געלעגן, אַ צונויפגעלייגטער — אַשס טלית. דאָס איז נישט געווען קיין עלעגאַנט זיידן האַלדזטליתל פון אַ „דייטש", און אויך נישט קיין טלית וואָס ליגט אַוועקגעלייגט אויף נישט צו באַדאַרפן און ער בלייבט דערפאַר תמיד ניי. ניין, דער טלית וואָס איז דאָ געלעגן איז געווען אַ ברייטער און שווערער, אַ באַלעבאַטישער, אַ גענוצטער, אַ טלית מיט וועלכן ס'וואָלט זיך נישט געדאַרפט צו שעמען שלמה נגיד...

אַש האָט אויפגעהערט זוכן דעם בריוו, האָט אַ ווײַלע באַטראַכט דעם טלית און געזאָגט:

— כ'פאַרגעס אַלץ: כ'דאַרף דאָך גיין אין שול אַריין, גומל בענטשן. איך האָב אים פאַרחידושט אָנגעקוקט.

— נו אוודאי — האָט ער געזאָגט — אַז איך האָב אויסגעהאַלטן אַזאַ קראַנקהייט! איך האָב אַזוי ווייט נישט געוווּסט ווי קראַנק איך בין געווען!

קיין גומל האָט ער נישט געבענטשט. דער טלית איז אָבער באַלד צונויף געקומען צו אַן אַנדערן צוועק...

דער סאַלאָניקער

דאָס וואָרט „סאַלאָניקער" איז ביי אונדז געוואָרן אַ סינאָנים פאַר — טרעגער. און נישט פאַר סתם טרעגער, נישט פאַר אַזוינע טרעגערלעך וואָס מ'זעט זיי שטיין אין די גאַסן מיט זייערע קליינע האַנט־וועגעלעך און וואַרטן אויף אַ קונה. אַזוינע טרעגער זענען נישט קיין „סאַלאָניקער". אונטער „סאַלאָניקער" פאַרשטייט מען ביי אונדז טרעגער פון „העכערן שטאַנד", טרעגער מיט דיפּלאָמען... דאָס זענען טרעגער פון פּאָרטן, פון גרויסע טראַנספּאָרט־געזעלשאַפטן, אָדער זעלבשטענדיקע טרעגער מיט אייגענע „געשעפטן". די ערשטע טרעגער פון דעם שטאַנד זענען געווען עולים פון דער גריכישער פּאָרט־שטאָט סאַלאָניקי. און כאָטש מיטן וואַקסן און דער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד זענען צוגעקומען טויזנטער טרעגערס פון פאַרשידענע לענדער, איז שוין דער נאָמען סאַלאָניקער פאַרבליבן פאַר אַלע.

עטלעכע טעג נאָכדעם ווי די אַשס האָבן זיך אַריינגעצויגן אין זייער הויז אין בת־ים, איז פון לאָנדאָן אָנגעקומען זייער מעבל. אין אַ שיינעם טאָג איז פאַרן הויז פאַרפאָרן אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ און אייניקע טרעגער האָבן אָנגעהויבן אָפּצולאָדן דאָס מעבל.

אין הויז פון אַשן האָט זיך דעמאָלט געפינען דער מעבל־טישלער י. גורפינקל, וועלכער האָט פאַר אַשן געמאַכט אייניקע מעבלען. ער דערציילט:

די „סאַלאָניקער" וואָס האָבן אויסגעלאָדן די מעבלען פון דעם לאַסט־אויטאָ, זענען טאַקע געווען... סאַלאָניקער, קיין איינציק יידיש־רעדנ־דיקער איז צווישן זיי נישט געווען. דאָס האָט מען אויף זייערע פּנימער באַלד דערקענט. באַזונדערס האָט מען דאָס דערקענט אויף איינעם וואָס האָט אויסגעזען צו זיין דער קאָמענדאַנט, דער פאַראַנטוואָרטלעכער. דאָס

איז געווען אַ הויכער און שטאַרקער פאַרשוין, מיט אַ טונקל פּנים, מיט אַן אָפענער צעכראַסטעטער ברוסט און מיט לאַנגע גרויסע הענט, וואָס די הויט איז געווען טונקל־ברוין און האַרט ווי זוילן־לעדער. אונטער זיינע הענט איז די שווערסטע זאַך געוואָרן גרינג ווי אַ פעדערל...

אַז ס'איז געקומען אויסצולאָדן דעם גרויסן פרידזשידער, האָט דער „קאָמענדאַנט" נישט געלאָזט אַז מען זאָל אים העלפן, ער האָט אים אַליין אַ נעם געטון אויף דער פּלייצע און אַריינגעטראָגן אין שטוב אַריין.

נאָכדעם ווי אַלץ איז אויסגעלאָדן געוואָרן, האָט אַש יעדן אָנגעגאָסן צו גלאָז קאָניאַק און געטיילט טרינק־געלט (די סאַלאָניקער זענען געווען געשיקט פון אַ טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט). דעם טרעגער וואָס האָט אַליין אַריינגעבראַכט דעם פרידזשידער, האָט ער געגעבן אַ גרעסערן טרינק־געלט.

דער הויפּט־טרעגער האָט גענומען דעם באַנקנאָט און אים צוריק־געוואָרפן אַשן, שרייענדיק כמעט:

— אני לא רוצה כסף! אתה חושב שאני לא יודע מי אתה?!...

(איך וויל נישט קיין געלט! איר מיינט אַז איך ווייס נישט ווער איר זענט?!)

אַש האָט זיך דערשראָקן... דאָ איז דער סאַלאָניקער צוגעגאַנגען צום טיש, האָט אַ ריס געטון אין צווייען אַ בויגן ווייס פּאַפּיר און אונטער־טראָגנדיק אַשן האָט ער נאָך אַלץ געשריגן:

— תכתוב את שמך, למזכרת... בשביל ילדים שלי...

(שרייבט־אָן אייער נאָמען... פאַר אַן אָנדענק... פאַר מיינע קינדער...)

ערשט איצט האָט זיך אַש געכאַפּט אַז דער סאַלאָניקער פאַרלאַנגט פון אים אַן אויטאָגראַף. ער האָט אים דעם באַנקנאָט אַריינגעשטופּט אין האַנט אַריין, האָט פון ביכער־שראַנק אַרויסגענומען איינס פון זיינע ביכער אין העברעיש, אונטערגעשריבן זיין נאָמען און דאָס בוך דערלאַנגט דעם טרעגער, וועלכער האָט אַשס הויז פאַרלאָזט מיט אַ שטראַלנדיק פּנים...

אַש האָט געהאַט טרערן אין די אויגן...

פחד

ווי שוין דערמאנט, האָט זיך שלום אַש די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געלעבט אין בת־ים, נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן אים די פרומע איבערפאַלן, אויף דער גאַס, אָדער אין דער אייגענער שטוב...

און ס'איז גאָר קיין חידוש נישט. ער האָט גוט געוווּסט, וועלכע מיטלען די פרומע האָבן אָנגעווענדט, כדי נישט צו דערלאָזן אַז דער „פּושעי־ישראל" זאָל זיך דאָ באַזעצן. דוד בן־ארי, דער ראש העיר, האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אָפּשרעקן פון די אַלע דראָאונגען. ער האָט געלאָזט צו זיך רופן דעם פאָרשטייער פון די רעליגיעזע און אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אויב אַש זאָל דאָ געשען די מינדעסטע זאַך, אַזוי וועט ער טראָגן די פאַראַנטוואָרטונג. ער האָט זיך אויך געווענדט צו אַן אָפיציעלער פּערזענלעכקייט פאַר רעליגיעזע ענינים, וועלכער האָט אין דער זאַך פּערזענלעך אינטערווענירט.

אָבער מיט דער צייט האָבן זיך די געמיטער ביסלעכווייז באַרויקט. אפשר האָט דערצו בייגעטראָגן די בלויזע דערשיינונג פון אַשן איבער די בת־ימער גאַסן. זיין ערלעך אויפריכטיק פּנים; זיין פאַרביק און זאַפטיק פויליש־יידיש לשון; זיין אָפּשטעלן זיך אויפן גאַס און איינטענען מיט יעדן יידן; זיין חנעוודיק אשכנזיש עברית. און אפשר האָט אויך געווירקט דער גרויסער „שדי" וואָס האָט אַרויסגעשריגן פון דער מזוזה אויף זיין טיר, — דאָס אַלץ האָט גאָרנישט דערוועקט דעם איינדרוק פון אַ „מיסיאָנער"...

און דאָך איז דאָס פּחד־געפיל געוואָרן ביי אים ווי אַן אידעע־פיקס

דעם 14־טן מערץ, צומאָרגנס נאָך דעם אָטענטאַט אויף קאַסטנערן, האָב איך אַשן געטראָפן אַ זייער אויפגערעגטן. באַגלייטנדיק אים אויף זיין

שפּאַציר, האָט ער מיר געזאָגט אַז ער האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקענט שלאָפן וועגן דער מעשה.

— קאַסטנער איז אומשולדיק! האָט ער אויסגערופן מיט אַן אויפ־געדעגטער שטימע — כ׳בין כמעט איבערצייגט אַז ער איז אומשולדיק. נאָר אפילו ווען ער זאָל זיין שולדיק, פאַרמינערט דאָס נישט דאָס פאַר־ברעכן. די דאָזיקע טעראָר־באַנדעס זענען אַ גרויסע סכנה, אַן אומגליק פאַר אונדזער יונגער דעמאָקראַטיע, אַן אמת אומגליק!

זיין פנים האָט אויסגעדריקט אומרו און שרעק, זיין שטימע האָט געציטערט.

— כ׳בין פונקט אַזוי געווען אויפגעבראַכט — האָט ער ווייטער גערעדט, ווען אַזאַ „העלד" איז בשעתו איבערפאַלן יאַשאַ חייפעץ, ווען ער האָט ביי אונדז געשפּילט ריכארד שטראוס. ווייל מיט וואָס זענען מיר אַזוי זיכער, אַז ריכאַרד שטראוס איז געווען אַ נאַצי? דאָס וואָס ער האָט געלעבט און איז געווען טעטיק אין היטלער־דייטשלאַנד, איז נאָך גאָרנישט קיין ראיה, פונקט ווי ס׳איז נישט קיין ראיה אַז גערהאַרד הויפּטמאַן איז געווען אַ נאַצי, דערפאַר ווייל ער איז געבליבן וווינען אין דייטשלאַנד אונטער די נאַציס.

— נאָכן איבערנעמען די מאַכט פון היטלערן ימח שמו, האָב איך מיך געטראָפן מיט הויפּטמאַנען אין איטאַליע. ער האָט פאַר מיר ממש געוויינט: איך בין אַ זקן פון איבער זיבעציק יאָר, ווי אַזוי קאָן איך היינט פאַרלאָזן מיין היים, מיין אומבאַוועגלעך פאַרמעגן, מיין משפּחה?

— ניין, ער האָט קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט ווי צוריקפאָרן קיין דייטשלאַנד.

אַש האָט נאָך גערעדט און גערעדט — וועגן בלינדע פאַראורטיילן, וועגן פּויסט־רעכט און לינטש־געריכטן, וואָס גייען נאָך אָן אין אונדזערע טעג פּונקט ווי אין פינצטערסטן מיטלאַלטער...

אַנטיקן

יעדעס מאָל, ווען איך קום אַריין אין אַשס אַרבעט־צימער קאָן איך גישט אָפּרייסן די אויגן פון זיינע שרייב־טישן. איין טיש שטייט ביי דער וואַנט פון פענצטער וואָס גייט אַרויס אין דער ארלוזורוב־גאַס, און דער צווייטער — נעבן דער גלאָז־טיר וואָס פירט אַרויס צום הינטערשטן גאָרטן. ווינטער אַרבעט ער ביי יענעם טיש, וועלכער ווערט גראָד באַשיינט פון דער זון, און זומער — ביי יענעם, וועלכער שטייט גראָד אין שאָטן. אַזוי אַרום בייט ער אָפּט די שרייב־טישן לויטן שטאַנד פון דער זון.

די טישן זענען פּראָסטע, מאַסיווע, גרויסע, יעדער מיט איין איינ־ציקער גרויסער שופלאָד. די דאָזיקע טישן וואָלטן פּונקט אַזוי אויך געקענט דינען אַלס עס־ אָדער קיך־טישן אין פּראָסטע באַלעבאַטישע שטובער.

אָבער מער פון אַלץ קאָן איך נישט אָפּרייסן די אויגן פון די צוויי טינטן־פעסער און פון די פילע שטאָל־פעדערלעך און פעדער־שטילן וואָס ליגן אויף זיינע בײדע שרייב־טישן. די פעדערן זענען פון דעם וואָלוולסטן סאָרט, און אויך די פעדער־שטילן זענען פּראָסטע, פון ווייכן האָלץ, איבער־געפאַרבט מיט פשוטער פאַרב (און נישט מיט לאַק־פאַרב ווי ס׳זענען געווײנטלעך די בעסערע, געבײכטע און געדרעקסלטע פעדער־שטילן.) מיט אַזעלכע פעדערן און פעדער־שטילן פלעגן זיך מיט אַ סך יאָר צוריק באַנוצן די אָרעמסטע שול־קינדער, איידער די פיל־פעדערן זענען אַרויסגעקומען.

מיט קיין אַנדערער פעדער האָט אַש נישט געקענט שרייבן. רות, זיין טאָכטער, האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז דער פאָטער האָט אַמאָל באַקו־מען במתנה אַ טייערע פאַרקער־פעדער. אָבער שוין נאָכן צווייטן טאָג איז זי ביי אים צעבראָכן געוואָרן... ביי אַשן אין שטוב האָבן זיך אויך געפינען קויל־פעדערן „גלאָבוס״. מיט אַזאַ פעדער פלעג זיך אַש באַנוצן ביים אויסשרייבן אַ טשעק, ביים אונטערשרייבן אַ פּאָסט־זאַך וכדומה נאָך אַזוינע

קליינִיקייטן. אָבער אויך ביי אָט די קליינִיקייטן פלעגט טרעפן, אַז ביים דריקן אויף דעם קנעפּל איז דאָס שטיפטל נישט אַרויסגעקומען, אָדער עס איז אַרויסגעקומען און איז שוין מער נישט צוריקגעגאַנגען... דעמאָלט פלעגט ער די פעדער מיט כעס אַ שליידער טון צו דער ערד און זיך נעמען צו „זיין" פעדער...

דאַכט זיך מיר, אַז אָט די אַלטמאָדישע פעדערן זענען אַ מין געהיי־מער שליסל צו אַשס אָרטאָגראַפיע פון פאַר הונדערט יאָר... און אַז ביידע — זיין אַלטפרענקישע אָרטאָגראַפיע און זיינע אַלטפרענקישע פעדערן — האָבן אַ געוויסן שייכות מיט זיינע באַרימטע אַנטיקן־קאָלעקציעס... און אַז אַלע צוזאַמען זענען אַ מין אונטערגרונט צו זיינע דערציילונגען און ראָמאַ־נען פון פאַרגאַנגענע יאָרטויזנטער: אַלע זענען זיי באַשטראַלט פון דעם זעלבן ווייטן בלאָען ליכט פון ראָמאַנטיק...

* *
*

ער איז געווען אַ לײַדנשאַפטלעכער קונסט־זאַמלער.

— ס'איז זעלטן געווען אַ פאַל, אַז אַש זאָל פון אַן אויסלאַנד־רייזע נישט געוווען אהיימברענגען עפּעס אַ „מציאה" פון וועג: צי איז דאָס געווען אַן אַלטע מטבע, אַ בילד, אַ זעלטן ספרל, צי אַן אַנדערע אַנטיק־זאַך, אויף וואָס ער האָט תמיד אויסגעגעבן שווער געלט — דערציילט מיר מאַטילדאַ אַש.

זיינע רייכע קאָלעקציעס פון חנוכה־לעמפּלעך, לייכטער, קריגלעך, הדסלעך, בעכערס פון פאַרשידענע תקופות, זיינע אַלטע ספרימלעך, הגדות, מגילות — זענען נאָך אין יאָר 1939 אויסגעשטעלט געוואָרן אין ניו־יאָרקער יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר. ער האָט געהאַט די זעלטנסטע מטבעות, אַ רייכע גאַלעריע פון טייערע קונסט־בילדער.

אַ קעגנשטאַנד וועלכער האָט נישט געהאַט אויף זיך דעם שטויב פון יאָרהונדערטער, האָט פאַר אים נישט געהאַט קיין שום ווערט. אין זיין בילדער־קאָלעקציע האָט ער געהאַט צוויי בילדער פון דעם באַרימטן

רוסיש־יידישן מאָלער לעוויטאַן (1900 — 1861). איינס פון די בילדער, דאָס גרעסערע, וואָס שטעלט פאָר אַ רוסישע לאַנדשאַפט, האָט געהאַט אַ שיינע ראַם, אַ ברייטע, אַ מאַסיווע, אין בראָנז־קאָליר. די ראַם האָט אָבער (פאַר אַשן) געהאַט אַ „פּגם״: זי איז יונגער געווען פונעם בילד מיט מינדעסטנס 50 יאָר...

האָט אַש אַזוי לאַנג נישט גערוט, ביז דער תל־אביבער קונסט־הענדלער שטיגליץ האָט געפונען אַ ראַם וואָס איז אומגעפער אין זעלבן עלטער מיטן בילד. ערשט דאַן האָט דאָס בילד פאַר אים באַקומען דעם פולן ווערט.

אַז אַש פלעגט מיט זיין אויטאָ אַריינפאָרן קיין תל־אביב, פלעגט ער זיך קודם אָפּפאַרטיקן פון אַלע געשעפטן און צום סוף איז ער אַריין אין אַנטיקוואַרן־געשעפט שטיגליץ, (וואָס ליגט אָפּגערוקט אַביסל פון דער אלנבי־גאַס, אין אַ זייער שמאָל פאַסאַזשל) — כדי אביסל צו פאַרברענגען... דאָס אַנטיקוואַרן־געשעפט איז פאַר אים געווען דאָס זעלבע, וואָס פאַרן פויער די קרעטשמע נאָכן מאַרק־טאָג...

דאָס אַנטיקוואַרן־געשעפט האָט צוויי חדרים. דאָס ליכט איז דאָ געדעמפט, אַ פאַרנאָכטלעכע דעמערונג הערשט דעם גאַנצן טאָג, ווייל די צוויי פענצטער פון ביידע חדרים גייען אַרויס צו דעם שמאָלן בלינדן פאַסאַזשל וואָס האָט איבער זיך אַ זייער שמאָלן פאַס הימל. אין איין צימער ברענט בייטאָג נעאָן־ליכט.

דאָס געשעפט איז אָנגעשפּיקעוועט מיט כל טוב. דאָ הענגען אויף די ווענט, ליגן אין גלאָז־שרענק און אויף פּאָליצעס, וואַלגערן זיך ממש אויף דער ערד — גאַנצע אוצרות: אייל־בילדער אין אַלע גרייסן, פון אַלטע און יונגערע מייסטער, סטאַטועטן, פיגורן פון חיות און עופות, מענטשן און געטער... קרוגן און וואַזן, אַנטיקע זייגערס און בעכערס, ריטואַל־צערעמאָ־ניאַלע כלים און מכשירים. דאָ זענען פאַרטרעטן קונסט־אַרבעטן פון פאַר־שידענע פעלקער, פון פאַרשידענע יאָרהונדערטער, יעדע תקופה מיט איר סטיל, שול, ריכטונג.

דאָ, אין אַנטיקוואַרן־געשעפט איז אַש נישט קיין אַנטיקן־קונה, און שטיגליץ איז נישט קיין אַנטיקן־פאַרקויפער. דאָ זענען זיי צוויי אַנטיק־

פאַרליבטע, צווי גלייכע קונסט־שיכורים, וואָס קענען דאָ אַזוי אַוועק־שיכורן וועגן די אייגענע און פרעמדע קאָלעקציעס גאַנצע שעהען. פאַר שיכורים האָט דאָס טרינקען אין צווייען אַ טאָפּלטן טעם...

שטיגליץ איז אַן אַנטיקוואַר בן אַנטיקוואַר. זיין פאָטער, אברהם שטיגליץ ע"ה, האָט אין קראָקע געהאַט אַ גרויס אַנטיקוואַרן־געשעפט. אַ פאָטאָגראַפיע פון אים ווייזט אַ ייד אַ הדרס־פּנים, מיט אַ הויכן תלמוד־חכם שטערן און מיט אַ ווייסער באָרד אַלאַ בערנאַרד שאָו. ער איז געשטאָרבן אין ישראל אין עלטער פון עטלעכע אַכציק יאָר. שלום אַש איז נאָך געווען אַ קונה ביים אַלטן שטיגליץ אין קראָקע.

שטיגליץ האָט אויך ביי זיך אין דער היים אַ רייכע גאַלעריע פון קונסט־בילדער און טייערע זעלטענע אַנטיקן.

— שלום אַש איז אַמאָל געקומען צו מיר אַהיים, אָנקוקן מיינע קאָלעקציעס — דערציילט ער מיר — האָב איך געציטערט אַז ס'זאָל זיך אים חלילה נישט פאַרגלוסטן צו וועלן עפּעס קויפן... — אָפּזאָגן אים וואָלט מיר שווער געווען, אָבער נאָך שווערער וואָלט מיר געווען זיך צו דאַרפן שיידן מיט אַ זאַך פון מיינע פּריוואַטע קאָלעקציעס.

שלח-מנות

17. 3. 57

פורים. ביי די אַשס אין שטוב פילט מען דעם יום־טוב. דער ריח פון פריטן געבעקס, פון די קליינע חנעווודיקע המן־טעשלעך, גיסט זיך צונויף מיטן ריח פון געשמאַקע געקעכצן.

אויף דעם באַר שטייט אַ פלאַש קאָניאַק מיט עטלעכע גלעזלעך. מען דערוואַרט אפנים געסט.

ערב פורים זענען די פרויען (רות און די ווירטשאַפטערין) געזעסן און אָנגעפּילט קליינע פאַרביקע צעלאָפאַן־בײַטעלעך מיט שאָקאָלאַדקעלעך, באָנבאָנקעלעך, אַמעריקאַנישע ניסלעך, המן־טעשלעך. — מתנות פאַר קינדער.

איך בין מיט אַשן אַריין אין אַרבעט־צימער. ער איז געווען אין גוטער שטימונג. די קאָפּ־ווייטיקן האָבן אויפגעהערט. ער פילט זיך ווידער געזונט. די אַרבעט גייט ווייטער. ער פילט אַז ער האָט די קראַנקהייט אָנטגילטיק גובר געווען...

— דאָס איז אַ דאַנק מיין געזונטער קאָנסטיטוציע — האָט ער מיר אויף אונדזער לעצטן שפּאַציר געזאָגט — ס'איז אַ ירושה־זאַך...

רות האָט אַריינגעבראַכט אַ טעצל מיט געבעקס און צוויי גלעזער קאָניאַק. מיר האָבן געטרונקען לחיים.

נאָכדעם ווי איך האָב מיך אויפגעהויבן אויף אַוועקצוגיין, האָט אַש געזאָגט:

— וואַרט, כ'וועל אייך מיטגעבן שלח־מנות.

אַ שאָד, וואָס איך בין גראָד היינט געקומען אָן דער אַקטן־טאַש! — האָב איך געטראַכט — געדאַרפט כאָטש מיטנעמען דאָס קליינע אַקטן־

טעשל, דאָרט גייט אויך אַריין אַ פלאַש... און פאַר אַ נויט — אַ קליין פעקעלע אויך...

אַש איז אַרויס אין אויפנעם־צימער. איך בין אים נאָכגעגאַנגען. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ בלומען־וואַזע, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ בלום און זי מיר דערלאַנגט מיט די ווערטער:

— אַ מתנה פאַר אייער פרוי!...

שלום אַש און פרוי אין קינדער־גאָרטן פון בת־ים. רעכטס : בתיה בן־ארי.

„חכם, מופלג און עוקר הרים"...

.18.3.57 שושן־פּורים

איך האָב אַשן היינט געבראַכט איבערגעשריבן דאָס 7־טע קאַפּיטל — דאָס ערשטע נאָך דער קראַנקהייט. אויפן טיש זענען שוין געלעגן פּריש־באַשריבענע בייגעלעך פונעם 8־טן קאַפּיטל. אַלץ איז ווידער ווי געווען. נישט מער, וואָס איצט לאָזט מען אים נישט אַליין אַרויסגיין אין גאַס. איצט מוז מען אים באַגלייטן. אַזוי האָט דער דאָקטער געהייסן. איך קום צו אים איצט יעדן טאָג, פאַרמיטאָג שטאָט נאָכמיטאָג. שוין 9 אזייגער בין איך ביי אים. איך טרעף אים שוין זיצן ביים שרייב־טיש אָדער ער איז נאָך אין באָד. ער קומט דאַן אַרויס פון באָד־צימער איינגע־הילט אין אַ גרויסן פלאַנעל־טוך. איך גיי אים נאָך אין אַרבעט־צימער. ער נעמט זיך אַרויס פון וועש־שראַנק אַ פריש העמד, טוט זיך אָן די קליי־דער און זעצט זיך אַוועק צום שרייב־טיש.

ער האָט איצט איבערגעקוקט דאָס איבערגעשריבענע קאַפּיטל, און ווי תמיד געמאַכט ענדערונגען. ביי איין שטעלע איז ער שטיין געבליבן און נישט ווייטער געגאַנגען. אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אויף דער האַנט, האָט ער אָנגעשטרענגט געקוקט אויף דער זעלבער שטעלע ווי זוכנדיק עפּעס. די סיבה איז געווען די: אויף איין אָרט האָב איך על פּי טעות אַוועקגעשטעלט אַ פרעג־צייכן אין פּאַראַנטעז, ווי אַ סימן אַז עפּעס איז מיר נישט קלאָר. אַש, קענענדיק זיין שוואַכע זייט, האָט זעענדיק דעם פרעג־צייכן, געזוכט זיין פעלער. און אַז איך האָב מיך ביי אים אַנטשול־דיקט, אים געזאָגט אַז ביי אים איז אַלץ אין אָרדענונג, אַז דאָס האָב איך מיך טועה געווען, האָט ער זיך אָנגערופן:

— וואָסזשע מאַכט איר מיך אומזיכער? איר ברענגט מיך דאָך אַרויס פון געליק!

דאַן זענען מיר אַרויס אין גאַס. דאָסמאָל נישט אין דער ריכטונג צום ים, נאָר אין דער שדרה. מיר זענען געגאַנגען שפּאַצירן לענג־אויס דער אַליי. אַ תימנער אַלטער גאָרטן־אַרבעטער האָט אים באַגריסט מיט אַ „חג שמח". אַש האָט אים דערלאַנגט די האַנט, אַרויסגענומען פון דער בריוו־טאַש אַ פונט און אים געגעבן. אַביסל ווייטער האָבן געאַרבעט אין גאָרטן אַנדערע צוויי זקנים. אַש איז צו זיי צוגעגאַנגען זיי באַגריסט און יעדערן געגעבן צו איין פונט „פורים־געלט".

קומענדיק אַהיים האָט ער מיר געהייסן שרייבן אַ פּאָסט־קאַרטל צום מוכר־ספרימניק ר. אַז ער זאָל אים באַזוכן. ר. איז אַ ייד מיט באָרד און פאות וואָס האַנדלט מיט „ספרים עתיקים". ער פלעגט פון צייט צו צייט קומען צו אַשן אַהיים מיט אַ גרויסער אַקטן־טאַש אָנגעשטאָפּט מיט פאַרשידענע זעלטענע ספרים, פון זיין אייגן געשעפטל אָדער אַזעלכע וואָס ער האָט איבערגענומען אין קאָמיסיאָן. אין אַשס ביכער־שראַנק האָבן זיך געפונען עטלעכע אַלטע ספרימלעך וואָס דער ייד האָט אים פאַרקויפט. דער דאָזיקער ייד האָט געפינען חן אין די אויגן פון אַשן. ער האָט צו אים געהאַט פאַרטרויען און גערן ביי אים געקויפט.

איך האָב גענומען אַ פּאָסט־קאַרטל און אָנגעהויבן שרייבן דעם אַמטלעך־שאַבלאָנעם טיטל: „לכבוד מר" א.אז.וו.

— ניין, האָט אַש געזאָגט, דאָס איז אַ פרומער און ווילער ייד, אַ לערנער, אים מוז מען אַנדערש שרייבן.

ער האָט ביי מיר גענומען דאָס פּאָסט־קאַרטל, אויסגעמעקט די עטלעכע ווערטער וואָס איך האָב געשריבן און אָנגעשריבן אַ לאַנגן פּיל־גאָרנדיקן טיטל, מיט „חכם" און „מופלג" און „עוקר הרים". דאַן האָט ער אים אין אַ מליצהדיקן לשון קודש געבעטן אַז ער זאָל „באַווייליקן איינצו־קערן אין זיין געצעלט"... אַש האָט מיר איבערגעגעבן דאָס פּ.־קאַרטל און מיט אַ גוטמוטיקן געלעכטערל געזאָגט:

— ער וועט זיך שוין מיט דעם קאַרטל אַרומטראָגן ס׳גאַנצע לעבן...

א. בן־יהודה באַגריסט אַשן... אויף יידיש

20. 3. 1957

אויף אונדזער היינטיקן שפּאַצירגאַנג האָט מיר אַש דערציילט וועגן זיין ערשטן באַזוך אין ארץ־ישראל אין יאָר 1907.

— אין ירושלים האָט מיך אין האָטעל באַזוכט אליעזר בן יהודה און מיר געזאָגט, אַז מ׳וועט מיר איינאָרדענען אַ קבלת־פּנים. דער אָוונט איז אויך באַלד צושטאַנד געקומען. דער זאַל איז געווען געפּאַקט. אליעזר בן יהודה איז טאַקע געווען דער פאָרזיצער פונעם אָוונט. ער האָט מיך באַגריסט אויף... יידיש. ער האָט געזאָגט פאַרוואָס ער טוט עס:

— איך באַגריס דעם חשובן גאַסט שלום אַשן אין דער שפּראַך, אין וועלכער ער שאַפט". — האָט בן יהודה געזאָגט.

— איך האָב געלייענט פראַגמענטן פון „שטעטל". די באַגייסטערונג פון עולם איז געווען אַן אומגעהויערע. זעלטן האָט מיר אַ קבלת־פּנים פאַרשאַפט אַזויפיל פרייד ווי יענער מיט פופציק יאָר צוריק אין ירושלים, אונטערן פאָרזיץ פון אליעזר בן יהודה.

אַהיימגייענדיק זענען מיר אַריין אין דער שדרה. אַש האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און איך בין אַריין אין דער פּאָסט (עטלעכע שריט פון דער שדרה — עק ארלוזורוב־גאַס) און אים געבראַכט די לעצטע פּאָסט.

אין דער היים האָט אַש דורכגעקוקט די אָנגעקומענע בריוו. ביי איין בריוו האָט ער זיך לאַנג אָפּגעשטעלט, אים געלייענט איין מאָל און נאָך אַמאָל. דאַן האָט ער, ווענדנדיק זיך צו דער פרוי און צו דער טאָכטער, געוויזן דעם בריוו און געזאָגט:

— די ערשטע פרידנס־טויב!

ס׳איז געווען אַ בריוו פון יעקב פּאַט.

פֿאַט שרייבט, אַז ער האָט מיט פֿרייד און באַפֿרידיקונג געלייענט וועגן אַשס קבלת־פּנים אין יידישן שרייבער־פֿאַריין, און זיין באַגייסטערטע רעדע וועגן דער סיני־אַקציע.

דאָס האָט פֿאַט געלייענט די קאָרעספּאָנדענץ פֿון יצחק רימון אין דער אַרגענטינער „די פּרעסע״.

כאַראַקטער-שטריכן

ביים אַריינציען זיך אין דעם נייעם הויז אין בת־ים, האָט מאַטילדאַ אַש געזאָגט צו זייער נאָענטסטן (און באַלד אויך אינטימסטן) שכן און פריינד — בן־ארי:

— כדי עס זאָל אייך אַמאָל נישט אויסזען מאָדנע, אָדער איר זאָלט אייך נישט אַמאָל פילן באַליידיקט, מוז איך אייך שוין אין פאָראויס זאָגן: אַש איז אַ קינסטלער, און ווי אַזוינער איז ער פול מיט סתירות, שטימונגען און קאַפריזן. ער קאָן אייך אַמאָל אין מיטן דערינען לאָזן שטיין און אַריינגיין צו זיך אין אַרבעט־צימער; אָדער ער קאָן אייך אַמאָל נישט ענטפערן אויף אייער באַגריסונג. ס׳קאָן אויך טרעפן, אַז ער זאָל אייך איבערהויפּט נישט דערקענען אויף דער גאַס...

אין דער צייט, ווען איך פלעג אים כמעט טעגלעך באַגלייטן אויף זיינע שפּאַציר־גענג, האָב איך אָפט געהאַט די געלעגנהייט מיך צו באַקענען מיט אַשס קינסטלער־לוינען. ס׳פלעגט טרעפן, אַז אין מיטן פון אַן אינטערעסאַנטן שמועס, זאָל ער מיר פון דער העלער הויט געבן די האַנט און מיך אַהיים שיקן, ווייל: „ער האָט איצט צו טון״...

ס׳פלעגט אויך טרעפן, אַז ברענגענדיק אים אַ פריש איבערגעשריבן קאַפּיטל, זאָל ער, שטאָט ווי תמיד, זיך נעמען איבערקוקן די בויגנס און מיר געבן פריש מאַטעריאַל, אָדער מיך רופן אויף אַ שפּאַציר, — אַוועקלייגן דאָס קאַפּיטל, זיך אויסדרייען צו מיר מיטן רוקן און אָן אַ וואָרט צו רעדן, זיך ווידער פאַרטיפן אין דעם ספר, מיט וועלכן איך האָב אים ביים אַריינקומען געטראָפן. וואָס דאָס האָט געהייסן: מעגסט שוין גיין...

אַש האָט נישט פאַרטראָגן ווען איך האָב זיצנדיק ביי אים געטון אַ הוסט. צום ערשטן מאָל, ווען ער האָט הערנדיק מיך הוסטן, מיך אהיימגעשיקט און מיר מיטגעגעבן אַספּירין אויף צו שוויצן, בין איך געווען

געדירט פון זיין גוטקייט... שפּעטער אָבער האָב איך מיך איבערצייגט, אַז דאָס וואָס ער ווערט ביי מיין מינדעסט הוסטל אַזוי אויפגערעגט און אומרויק, שטאַמט גיכער פון אַ נערוועז געפיל ווי פון גוטקייט...

איינמאָל, ווען איך האָב אין זיין קעגנוואַרט ווידער געטון אַ הוסט, איז ער אויפגעשפּרונגען פון אָרט, און זיך אויף מיר ממש צעשריען:

— צו אַלדי גוטע יאָר, וואָס רויכערט איר אַזוי פיל?! איר וועט דאָך באַקומען אַ ראַק!...

אַז ס'איז אים נישט געגאַנגען אין „מיין" ראַק, האָב איך קיין רגע נישט געצווייפלט: האָט דאָך זיין רות גערויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן און ס'האָט אים נישט געאַרט.

נאָר דער, וואָס האָט אַשן נענטער געקענט, האָט זיך פון אים נישט באַליידיקט. אין זיינע אַלע אויסטערלישקייטן און „גראָבקייטן" האָט מען קיינמאָל נישט אַרויסגעפילט קיין בייזע כוונות צו ווערן עמעצן טרעפן, באַליידיקן. ער איז געווען אַ גרויס קינד. אימפּולסיוו, אומבאַרעכנט, קאַפּריזנע, עכט און נאַטירלעך אין זיינע גוטע ווי שלעכטע שטימונגען, אין זיינע העפלעכקייטן ווי אין זיינע „גראָבקייטן".

וועגן זיינע שונאים, וואָס האָבן אים אין די לעצטע יאָרן פאַרביטערט דאָס לעבן, האָט ער קיינמאָל נישט גערעדט מיט שנאה. אין דער צייט וואָס איך האָב ביי אים געאַרבעט, האָב איך נישט געהערט אַז ער זאָל עמעצן פון זיי ווי שרייבער פאַרלייקענען, אַראָפּרייסן אָדער באַשמוצן, אַז ער זאָל עמעצן פון זיי געווען שעלטן... ווען עס האָט גענומען האָגלען אויף אים פון אַלע זייטן מיט שפּאָגל־נייע פיילן (אין יעדן פרישן נומער פון משה גראָסמאַנס זשורנאַל „היימיש"), האָט ער צעשפּרייט זיינע לאַנגע הענט און אַ פאַרוווּנדערטער געפרעגט:

— וואָס ווילן זיי פון מיר?

דעמאָלט האָט ער אויסגעזען ווי אַ העלפאַנט, וואָס קאָן זיך אין זיין אומבאַהאָלפענער גרויסקייט קיין עצה נישט געבן מיט די מחנות פליגן וואָס זענען אים באַפאַלן...

* *
*

אַש איז זעלטן געווען קריטיש־אָביעקטיוו צו זיינע שאַפונגען. איינמאָל האָט אים באַזוכט זיין ישראלדיקער ענגלישער איבערזעצער ש. א. סופער. האָט אַש אויסגעקליבן אים פאַרצולייענען איינע פון זיינע א"י־דיקע דערציילונגען, וואָס האָט נאָך מיין מיינונג געהערט צו די סאַמע שוואַכסטע.

איך האָב אים אַמאָל געטראָפן ליגן אויף זיין ברייטן טאַפּטשאַן אין אַרבעט־צימער און לייענען זיין בוך „דאָס געזאַנג פון טאָל" וואָס ער האָט איצט איבערגעקוקט און געמאַכט פאַרשידענע ענדערונגען צו דער געפּלאַנ־טער ניי־אויסגאַבע.

— איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן? — האָט ער ביי מיין אַריינקומען אויסגערופן — איך האַלט דאָס בוך פאַר מיין בעסטער שאַפונג!...

מען האָט זיך וועגן אַשן אַ סך געוויצלט (און אַפּט בייזוויליק געוויצלט) וועגן זיין וויינען און חלשן ביי עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען אָדער ביי פּייערלעכע געלעגנהייטן. איך האָב מיך וועגן דעם אָנגעהערט אַ סך קוריאָזן און אַנעקדאָטן.

פון אַזוינע „פּאָזן" אַשס, האָבן זיך נאָר געקענט איבערצייגן די וואָס האָבן אים נאָנט געקענט און מער פון אַלע — זיינע סעקרעטאַרן. אַש איז געווען עמאָציאָנירט, מיטגעריסן, ביים דיקטירן ליטעראַרישע זאַכן. ער האָט זיך נישט איינמאָל געוואָרגן מיט טרערן, זיך מיט מי באַהערשט, אַז ער זאָל זיך נישט צעוויינען — ביי טרויעריקע און רירנדיקע שטעלן, אָדער פאַרקערט, ער פלעגט זיך שטיקן פאַר געלעכטער ביים דיקטירן קאָמישע זאַכן...

* *
*

אַש האָט נישט ליב געהאַט צו ענטפערן אויף בריוו. נישט איין בריוו האָט ער, נאָכדעם ווי ער איז איבערגעפלויגן מיט די אויגן די ערשטע עטלעכע שורות, פּשוט אַריינגעוואָרפן אין פּאַפּיר־קויבער. אמת, אַ סך בריוו

האָבן טאַקע נישט בעסער פאַרדינט. ס׳זענען געווען אַ סך נאַרישע, לאַנג־ווייליקע און אויך צודרינגלעכע בריוו. אַט שרייבט אַ פרוי אַ דייטשן בריוו אויף גאַנצע צוואַנציק זייטלעך, שילדערט איר רייך קולטורעל לעבן, פאַר־זיכערט אַשן אַז זי האָט כמעט אַלץ פון אים געלייענט, און צום סוף פרעגט זי, צי זי וואָלט נישט געקענט ביי אים באַקומען זיינע קריסטלעכע ראָמאַ־נען אין דייטשער שפּראַך...

אַ צווייטער בריוו־שרייבער שילדערט זיין שווערן מאַטעריעלן מצב און בעט ביי אַשן אַ „הלוואה״ פון עטלעכע הונדערט פונט... אַ דריטער איז אַ באַקאַנטער זייער טאַלענטירטער... נודניק. ער בעט אַשן, ער זאָל אים באַשטימען אַ צייט פאַר אַ שמועס וועגן אַ ליטעראַרישן ענין, וואָס איז נוגע, אין ערשטער ריי — זיי ביידן... אַ פערטער שרייבט אַ זייער לאַנגן בריוו. ער באַצייכנט אַשן פאַרן גרעסטן יידישן נביא דערמיט, וואָס ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ הייליקן ציל צו פאַראייניקן אַלע פעלקער אין איין פאָלק און איין רעליגיע...

אַז אַש האָט אויף אַזוינע בריוו נישט געענטפערט, האָב איך גאַנץ גוט פאַרשטאַנען. ער האָט אָבער אויך נישט געענטפערט אויף אַ סך בריוו, אויף וועלכע מ׳האָט יאָ געדאַרפט ענטפערן. אין מיין טעקע ליגן בריוו פון שילער, וואָס האָבן אַשן אַריינגעשיקט זייערע פרייע שול־אַרבעטן וועגן „קידוש השם״. די קינדער ווילן וויסן אַשס מיינונג וועגן זייערע אַרבעטן. אָדער ס׳זענען געקומען בריוו פון פאָטערס מיט אַריינגעשיקטע לידער און דערציילונגען פון זייערע 12 — 11 יעריקע קינדער. אַזעלכע און אַנדערע בריוו האָט אַש מיר איבערגעגעבן און מיר געהייסן ענטפערן לויט מ״ין איינזען.

פאַרשטייט זיך אַז ס׳זענען אויך געקומען בריוו אויף וועלכע אַש האָט תיכף געענטפערט.

אָט למשל איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דער ירושלימער דיכטערין ר׳קודה פּאָטאַש אין וועלכן זי טיילט אַשן מיט אַז איר ברודער, (דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער „בצלאל״־דירעקטאָר, מ. נארקיס ע״ה), ליגט שווער קראַנק אין שפּיטאָל. אַש האָט מיר תיכף דיקטירט אַ לאַנגן בריוו, פול

מיט ברכות און רפואה־שלמה־ווונטשן פאַר זיין „טייערן פריינד״. איך האָב דעם בריוו מיטגענומען אַהיים, כדי אים איבערצושרייבן אויף דער מאַשין. אַז איך בין צומאָרגנס געקומען און אים געגעבן אונטערצושרייבן דעם בריוו, האָט ער מיר מיט אַ געבראָכענער שטימע געזאָגט, אַז מ׳דאַרף שוין נישט, אַז נארקיס איז נעכטן ביינאַכט געשטאָרבן. ער האָט אָוועקגעשיקט אַ נעקראָלאָג פאַרן „דבר״ און האָט מיר דיקטירט אַ נעקראָלאָג־אַרטיקל פאַר די „לעצטע נייעס״.

אַש האָט אויך תיכף געענטפערט אויף די בריוו פון מ. מענדלזאָן און פון דעם דיכטער י. י. שווארץ מיט וועלכן ער איז געווען אויף דו.

ער האָט מיר אויך דיקטירט אַ לאַנגן בריוו צו דעם באַוווסטן שרייבער ג. סאַפּאָזשניקאָוו (אַרגענטינע). סאַפּאָזשניקאָוו האָט אַשן אַריינגעשיקט אַן אָפּצוג פון זיין עסיי א. נ. „שלום אַשס שליחות אין דער יידישער ליטעראַטור״ וואָס איז באַשטימט געווען פאַר דעם יאָרבוך „דער האַלץ־אינדוסטריעלער״ 1956, וואָס דערשיינט אין אַרגענטינע אונטער סאַפּאָזשניקאָווס רעדאַקציע.

אַש איז געווען גאַנץ באַגייסטערט פון דעם עסיי.

— ס׳איז אַ זייער אָריגינעלע אַרבעט וועגן מיר — האָט ער געזאָגט — אַ גאַנץ נייער צוגאַנג צו מיינע ווערק!

ער האָט מיר תיכף דיקטירט צו סאַפּאָזשניקאָוון אַ לאַנגן בריוו פול מיט שבחים און אָנערקענונג. ער האָט סאַפּאָזשניקאָוון פאָרגעשלאָגן, ער זאָל די דאָזיקע אַרבעט לאָזן איבערזעצן אין אייניקע שפראַכן (ווי דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש, שפּאַניש), וועט ער זי צעשיקן צו אַלע זיינע פרעמד־שפּראַכיקע פאַרלאַגן...

פאַרשטייט זיך, אַז אויף אַזאַ בריוו האָט סאַפּאָזשניקאָוו תיכף געענטפערט, געמוזט ענטפערן. אָבער אויפן צווייטן בריוו האָט אים שוין אַש נישט געענטפערט...

ער האָט נישט ליב געהאַט זיך אַרומצורינגלען מיט חסידים, שאַפן אַרום זיך אַ ליטעראַרישע אַטמאָספער („איך בין נישט קיין רבי ווי פּרץ״). די ישראלדיקע יידיש־שרייבער וואָס זענען צו אים געקומען, וואָלט מען געקענט איבערציילן אויף די פינגער פון איין האַנט, און אויך נישט

תמיד האָט ער געדענקט זייערע נעמען. דעם איינציקן נאָמען וואָס ער האָט יאָ תמיד געדענקט, איז געווען: „צוצקאָווער"...

ער האָט געהאַט זיינע באַזונדערע סימפּאַטיעס, און נישט תמיד דווקא צו מענטשן וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט באַזונדערע גייסטיקע קוואַליטעטן. די אַשס זענען געווען באַפריינדעט מיט דער פאַרמעגלעכער תל־אביבער פאַמיליע פ. זיי האָבן קיין יידיש נישט געקענט (אָדער נישט געוואָלט קענען) און גערעדט מיט די אַשס נאָר דייטש. פ. איז אַ הויפּט־פונקציאָנאַר (אָדער אויך אַ מיטבאַטייליקטער) פון אַ גרויסער אימפּאָרט־פירמע. איך האָב מיך אַמאָל צוגעהערט צו אַ שמועס וואָס איז געפירט געוואָרן צווישן די ביידע פאַמיליעס. די הויפּט־טעמע האָט זיך געדרייט אַרום אויסלאַנד־רייזעס, צאַל־אַמטן, האָטעלן, ריוויערעס, וואַ־לוטע... אויך מיט דער רייכער פאַמיליע צ. זענען די אַשס געווען באַ־פריינדעט.

אין בת־ים האָט דער „יעקי" ב. נושא חן געווען ביי אים. ב. איז נישט קיין שותף אין אַ גרויסער פירמע, נאָר אַ פּשוטער פּקיד, אַ „דייטש" מיט אַלע פּיטשעווקעס: קאָרעקט, גרינטלעך, פּינקטלעך. אַש פלעגט די דאָזיקע פאַמיליע אָפט באַזוכן אין איר באַשיידענער וווינונג ביים ברעג פון ים. איך האָב מיך נישט איינמאָל געפרעגט, וואָס ער האָט געפונען אין אָט דעם „בראַוון" מענטשן... ביז איינמאָל איז מיר דאָס רעטעניש אויפגעקלערט געוואָרן. כ׳בין איינמאָל געווען אין דער וווינונג פון די ב.׳ס און האָב באַמערקט אין אַ ווינקל שטיין אַ לאַנג שמאָל קעסטל מיט הויפנס... שטיינער. שטיינער פון פאַרשידענע גרייסן און פאָרמען. זעענדיק ווי איך קוק אַ פאַרחידושטער אויף דעם הויפן שטיינער, האָט מיר די פרוי ב. (דער מאַן איז נישט געווען אין דער היים) דערקלערט:

— דאָס זענען מכשירים און כלי־זיין מיט וועלכע מענטשן האָבן זיך באַנוצט אין דער שטיין־צייט.

— אייער מאַן איז אַן ארכיאָלאָג? — האָב איך געפרעגט.

— ניין, אָבער ער גיט זיך אָפּ מיט „אַזוינע זאַכן". די דאָזיקע שטיינער האָט ער צונויפגעקליבן אין אַלע טיילן פון לאַנד, פון אַלע ים־ברעגן...

ערשט איצט איז מיר קלאָר געוואָרן די קרובהשאַפט צווישן אַשן און דעם דאָזיקן „דייטש"...

אַש האָט ליב געהאַט דעם מיטרעדאַקטער פון דער „גאָלדענער קייט": אליעזר פּינעס. נישט איינמאָל ווען איך בין פון אים אַרויסגעפאָרן קיין תל־אביב, האָט ער מיך געפרעגט צי איך וועל נישט זען פּינעסן, און אויב יאָ, זאָל איך אים איבערגעבן אַז ער, אַש, בעט אים ער זאָל אים באַזוכן. אָפטע געסט ביי די אַשס זענען אויך געווען: שמואל כץ און ד. סיון (סיוואָן). דער ערשטער — דער באַזיצער פון העברעישן פאַרלאַג „קרני", דער צווייטער — דער העברעישער איבערזעצער פון די ווערק: „דער מאַן פון נצרת", „איסט־ריווער", „דער נביא" און „דאָס געזאַנג פון טאָל" — (די אַלע ביכער זענען דערשינען אין דערמאָנטן פאַרלאַג). ס'פלעגן אים אויך אָפט באַזוכן ש. א. סופר, (רעדאַקציע־מיטגליד פון „יערוסאַלעם פּאָסט") וועלכער האָט געאַרבעט ביי דער ענגלישער איבער־זעצונג פון ערשטן טייל „יעקב און רחל".

אַ חוץ די צאַנינס וואָס האָבן מיט די אַשס פאַרקערט, זענען צו אים געקומען פון די יידיש־שרייבער: א. כוצקעווער, זעלטענער: מענדל מאַן, א. ליס, א. פּינעס. ישעיהו שפּיגל מיט דער פרוי האָט אים איין איינציק מאָל באַזוכט.

ביים טרייבן פון זיך מענטשן, האָט אַש אָפט נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן מענטשן פון דער גאַס און מענטשן מיט קלינגענדיקע נעמען. איך בין אַמאָל געווען אַן עדות פון אַזאַ „גאַסטפריינטשאַפט" אַשס: אין שטוב איז קיינער נישט געווען חוץ אַש און איך. עמעץ האָט פּלוצעם געקלונגען און אַש איז געגאַנגען עפענען. איך האָב געהערט אַ מענער־שטימע פון יענער זייט טיר רעדנדיק אויף דייטש:

— ביטע מיך נור אויסהערן איינען אויגענבליק!

דאָס איז געווען אַ בוקאָווינער יידיש־דייטש, אַ דייטש פון וועלכן מען האָט דערקענט, אַז ביי זיך אין דער היים רעדט ער יידיש... ס'איז געווען איינער פון יענע „געבילדעטע" וואָס וויסן, אַז צו „גרויסע לייט" דאַרף מען רעדן דייטש...

— וואָס ווילט איר ? — האָט אַש געפרעגט.

— לאָזט זי מיך היניין, איינען אויגענבליק — האָט דער ייד זיך געבעטן.

— איך האָב נישט קיין צייט. שרייבט מיר, וואָס איר דאַרפט.

— איך האָבע געשריבן, הער אַש, זי האָבען ניכט געאַנטוואָרטעט...

— כ׳האָב נישט קיין צייט !

— אָבער גנעדיקער הער אַש... האָט דער ייד נישט אָפּגעלאָזט.

דאָ האָט אַש צוגעקלאַפּט די טיר און געלאָזט דעם ייד שטיין אין דרויסן. אַ ווײַלע איז ער נאָך געשטאַנען פאַר דער טיר, און איז דאַן אַוועק.

צו אַשן איז אָבער אויך געקומען אַ יידישער מאָלער מיט אַ קליינ־געגדיקן נאָמען אויך מחוץ דער יידישער וועלט (נישט שאַגאַל). ער האָט דאָ געוויילט ווי אַ טוריסט און איז געקומען צו אַשן אין באַגלייטונג פון אַ היימישן באַקאַנטן קינסטלער.

אַש האָט זיי נישט אַריינגעלאָזט אין שטוב אַריין, נאָר האָט זיי אָפּגעפאַרטיקט אין דרויסן פאַר דער טיר...

אַז מ׳האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט דאָס געטון, האָט ער געענטפערט : — וואָס בין איך שולדיק אַז זיי זענען געקומען פונקט אין דער מיטאָג־צייט... *)

אויף אַזאַ אופן האָט ער אויך געוואָלט אָפּפאַרטיקן אַ צווייטן טוריסט : דעם יידיש־דענישן שרייבער פ. וועלנער. איך ווייס נישט ווי אַזוי וועלנער האָט זיך אַריינבאַקומען אין שטוב אַריין. נאָר זיצנדיק אין אויפנעם־צימער, האָט אים אַש געפרעגט אין אַן אומגעדולדיקן און מיט נישט קיין גאָר העפלעכן טאָן, וועגן וואָס ער איז צו אים געקומען, וואָס ער האָט אים אייגנטלעך צו זאָגן...

אַ טיף־באַליידיקטער איז וועלנער אויפגעשטאַנען און פונקט מיט אַזאַ אומהעפלעכן טאָן געענטפערט, אַז ער וויל פון אים גאָרנישט, ער

---

*) כאָטש דעם דאָזיקן עפּיזאָד האָט מיר איבערגעגעבן אַ געגוג ערנסטער און פאַרלעסלעכער מענטש, דאָך גאַראַנטיר איך נישט פאַר זיין אויטענטישקייט.

האָט נאָר גערעכנט מיטצוברענגען פאַר די דענישע לייענער גרוסן פון אַשן. נאָר אויב ער האָט נישט קיין צייט, דאַן — —

און וועלנער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. די דאָזיקע שטאָל־צע האַלטונג האָט אַשן אויסגעניכטערט: ער האָט וועלנערן צוריקגעהאַלטן און פאַרפירט מיט אים אַ שמועס וועגן דענעמאַרק, איר קולטור און ליטע־ראַטור, וועגן זיינע דענישע ביכער...

געענדיקט האָט זיך דער באַזוך דערמיט, וואָס וועלנער האָט אַשן געמאַכט דעם פאָרשלאַג, אַז ווען ער וועט אין האַרבסט זיך אומקערן פון לאָנדאָן אַהיים, קיין ישראל, זאָל ער אָפּטרעטן אין דענעמאַרק, זיין דער גאַסט פון דענישן פען־קלוב. אַש האָט דעם פאָרשלאַג אָנגענומען... אַזוי האָט זיך, אַ דאַנק דער האַלטונג פון וועלנערן, געענדיקט דער באַזוך אין בעסטער אָרדענונג.

דאַקעגן האָבן צו אים געקענט קומען צו יעדער צייט און נישט געמאָלדענערהייט — געוויסע מענטשן, וועלכע האָבן אים גאָרנישט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן און ער זאָל זייווידמען אַ סך צייט און אויפמערק־זאַמקייט.

שלום אַש און זיין פרוי אויף אַ באַזוך אין דער עיריה. לינקס: דוד בן־ארי



אַש באַזוכט די פֿאָלקס־שול אין בת־ים. די לעצטע לינקס — בתיה בן־ארי.

חורבן-ליטעראַטור

כ׳בין געגאַנגען מיט מיין פרוי און זון אין הבימה־טעאַטער צו „אַננא קריסטי״. שפּאַצירנדיק פאַר דער פאָרשטעלונג אין די קאָרידאָרן פון טעאַטער, האָב איך פּלוצעם דערהערט אַ באַקאַנטע פרויען־שטימע רופנדיק מיין נאָמען. כ׳האָב מיך אומגעדרייט און דערזען צו מיין איבער־ראַשונג — שלום אַש מיט דער פרוי, זיצנדיק אויף אַ באַנק. זיי האָבן היינט באַקומען אַן איינלאַדונג צו דער פאָרשטעלונג — דערציילט מיר מאַטילדא אַש.

נאָך דער פאָרשטעלונג זענען מיר אַלע אַרויף אין די גאַרדעראָבן פון מעסקין און מרים זוהר (די הויפּט־באַטייליקטע אין דער פּיעסע) און אַש האָט יעדן באַזונדער אויסגעדריקט זיין יישר כוח. די פאָרשטעלונג איז אים טאַקע זייער געפעלן, און גאַנץ באַזונדערס דאָס שפּילן פון די דער־מאנטע אַרטיסטן.

מיין זון האָט געבראַכט אַ „ספּעשל״ און אַש האָט זיך ווי תמיד געזעצט פאַרנט מיטן שאָפער. אונטערוועגס האָט מאַטילדא דערציילט אַז זי האָט די פּיעסע שוין געזען אין ענגליש. און זי האָט גענומען פאַרגלייכן, רעדן וועגן דעקאָראַציע, רעזשי, שפּיל פון יעדן באַזונדער. איך האָב באַוווּנ־דערט ווי פּאַכמעניש זי האָט אַלץ אָפּגעשאַצט. זי האָט אונדז דערציילט, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן זיי אויך באַקומען אַן איינלאַדונג צו „אַננאַ פראַנק״. אָבער דערצו האָט אַש נישט געוואָלט גיין: אַש מיידט־אויס פּיעסן און ביכער מיט חורבן־טעמאַטיק.

ערשט איצט איז מיר עפּעס פאַרענטפערט געוואָרן וואָס איך האָב פריער נישט געקענט פאַרשטיין: איך האָב אַשן אייניקע מאָל אָנגעוויזן אויף באַקאַנטע ביכער פון דער חורבן־ליטעראַטור (זכרונות, לידער, דער־ציילונגען) און געפרעגט זיין מיינונג וועגן די דאָזיקע ביכער, און אַש האָט

זיך יעדעס מאָל אַרויסגעדרייט פון צו ענטפערן אויף די דאָזיקע פראַגן. איצט פאַרשטיי איך, אַז ער האָט די ביכער (וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי איז געלעגן אין זיין ביכער־שראַנק) אָדער איבערהויפּט נישט געלייענט, אָדער ער האָט פון יוצא וועגן בלויז דורכגעקוקט עטלעכע זייט־לעך פון יעדן בוך.

פלענער...

דער פּלאַן איז שוין אַ פאַרטיקער: אָנהויב אָדער שפּעטסטנס אין מיט חודש יוני פאָרן די אַשס אָפּ קייך לאָנדאָן און קומען צוריק אין האַרבסט.

אין עטלעכע טעג אַרום, אַ טאָג פאַר ערב פּסח, דעם 14־טן אַפּריל, פּליט רות אַהיים. איך פרעג אַשן ווי ס׳וועט זיין מיט מיין אַרבעט, ווען ער וועט אַוועקפאָרן אויף עטלעכע חדשים.

— קודם וועל איך אייך צוריקלאָזן אַרבעט, האָט ער מיר דער־קלערט, און דאַן וועל איך אייך פון לאָנדאָן יעדעס מאָל שיקן פרישן מאַטעריאַל, און איר וועט מיר יעדעס מאָל די איבערגעשריבענע קאַפּיט־לעך צוריקשיקן.

אַש טראָגט זיך שוין לאַנג אַרום מיטן געדאַנק צוצובויען אַ פליגל צום הויז און צו פאַרגרעסערן דאָס באַד־צימער. דעם פליגל וועט מען אומגעשטערט קענען בויען פון דרויסן, ווען די וווינונג וועט אַפילו פאַר־מאַכט זיין. אויסער דעם וועט בן־ארי האָבן דעם שליסל, ווען מ׳זאָל עפּעס־וואָס באַדאַרפן. און אויך שרה וועט דאָך אָפט קומען דורכצולופטערן די שטיבער.

דער אַרכיטעקט האָט מיט עטלעכע טעג צוריק געבראַכט דעם באַשטעלטן פּלאַן פון פליגל וואָס דאַרף צוגעבויט ווערן צום איצטיקן אַרבעט־צימער.

דאָס איצטיקע אַרבעט־צימער שליסט־אָן די וואַנט פון דער קיך, און יעדער געררויש פון דער קעכין שטערט אַשן אין דער אַרבעט. לויטן נייעם פּלאַן וועט דאָס אַרבעט־צימער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גאַסט־צימער. אַז די טאָכטער וועט אַמאָל קומען, זאָל זי האָבן איר אייגן צימער. און דער צוגעבויטער פליגל וועט ווערן זיין אַרבעט־צימער, ווו ער וועט קענען אומגעשטערט אַרבעטן.

היינט איז דער אַרכיטעקט ווידער געקומען און געבראַכט אַ נייעם פּלאַן, ווייל דער אַלטער איז אַשן נישט געפעלן. אַש מיט רותן גייען מיט אים אַרויס אין הינטערשטן גאָרטן. דער אַרכיטעקט מיטן פּלאַן אין דער האַנט ווייזט אַשן וויאַזוי דער פליגל וועט אויסזען. אַש פאַרשטייט ווייניק פון דער צייכענונג. ער וויל מען זאָל אים ווייזן אויפן אָרט. ווי לאַנג ווי ברייט, ווי הויך. ער וויל אַלעס גענוי וויסן, יעדן קלענסטן פּרט. און נאָך עפּעס וויל ער וויסן: צי וועט דורך דעם נייעם בוי נישט מוזן צעשטערט ווערן דאָס „פעלזן־גערטנדל" אין ווינקל פון הויף. זיין פרוי וואָלט דערפון זייער געליטן... די „פעלזן" זענען גרעסערע און קלענערע נישט־געפּאָרעמ־טע זאַמד־שטיינער, טעראַסן־פאָרמיק צונויפגעלייגט און זעען אויס ווי נאַטירלעכע פעלזן אין מיניאַטור. פון צווישן די שפּאַלטן פון די דאָזיקע קינסטלעכע פעלזן שפּראָצן אַרויס פאַרשידענע „ווילדע" פלאַנצן, גראָזן און בלומען.

און בעת אַש איז געשטאַנען מיטן אַרכיטעקט און גערעכנט, געמאָסטן, קאָמבינירט און געמאַכט פאַרשידענע פּלענער פאַר דער צוקונפט, איז מאַטילדאַ אַש געשטאַנען פון ווייטן אַ שווייגנדיקע און אויף אירע ליפּן האָט געשוועבט אַזאַ אייגנאַרטיקער טרויעריקער שמייכל...

* *
*

אַ חוץ דעם פליגל, וואָס אַש האָט געפּלאַנט צוצובויען, האָט ער זיך אויך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו פאַרגרעסערן זיין קליינעם גאָרטן מיטן צוקויפן פון איינער פון די פאַרצעלן וואָס גרענעצן זיך מיט זיין הויז. געקומען אין באַטראַכט זענען צוויי מגרשים. איינער פאָרנט, רעכטס פון זיין הויז, און דער צווייטער — פון הינטן. באַזונדערס שטאַרק האָט ער קאָקעטירט מיט דעם ריזיקן שטח, וואָס ציט זיך הינטער זיין הויז און פאַרבינדט די אַרלאָזאָראָוו־גאַס מיטן סאַמע צענטער פון שטעטל, מיט דער הערצל־גאַס.

אַש האָט זיך שטאַרק באַמיט צו דערווערבן אָט דעם מגרש. עס זענען אָבער געווען פאַרשידענע פאַרפּלאָנטערטע ענינים וואָס האָבן כמעט

אוממעגלעך געמאַכט דעם קויף. ער האָט נישט איינמאָל גערעדט מיט בן־ארי וועגן די אַלע שוועריקייטן וואָס ווערן אים געמאַכט, גערעדט וועגן דעם מיט פאַרדרוס און פאַרביטערונג. דער צווייטער, פיל קלענערער מגרש, דער וואָס האָט אָנגעשלאָסן זיין גאָרטן רעכטס פון דעם פראָנט איז ווייניקער געווען צוגעפאַסט פאַר דעם צוועק וואָס אַש האָט אים געדאַרפט: ער האָט געוואָלט פלאַנצן אַ סאָד. זינט ער האָט באַזוכט דעם גאָרטן פון דער פאַמיליע ז. אין בת־ים, האָט ער זיך אַריינגענומען אין קאָפּ צו פאַרגרעסערן זיין גאָרטן און פלאַנצן פונקט אַזוינע סאָסנעס מיט אַזוינע אויבסט־ביימער ווי ס׳האָבן די ז.׳ס.

אין דעם ווייטערדיקן רעפּאָרטאַזש (געדרוקט געווען אין „לעצטע נייעס”) ווערט דער דאָזיקער גאָרטן געגויער באַשריבן.

די באַלאַדע פון דעם ייד וואָס איז דערגאנגען...

אין איציק מאַנגערס באַלאַדע איז דער ייד דערגאַנגען „פון גראָ ביז בלאָ". דער ייד פון מיין „באַלאַדע" האָט אָבער דערגרייכט נישט קיין קלענערע — אויב נישט קיין נאָך העכערע — מדרגה ווי יענער. מיין ייד איז דערגאַנגען פון גראָ ביז... גרין.

שטאַמען שטאַמט דער ייד פון אַ קליינעם שטעטל לעבן וואַרשע. ער האָט זיך באַזעצט אין בת־ים, אין דער צייט ווען יעדעס הייזל איז נאָך דאָ געשטאַנען ווי אַ קליין אינזעלע אין מיטן אַ טיפן ים פון גראָע אומ־ענדלעכע זאַמדן. ווייט און ברייט האָט מען נישט געזען קיין ביימל, קיין גרעזל, עפּעס, וואָס זאָל אַ גלעט טון דאָס אויג, דערפרישן דאָס געמיט. עפּעס וואָס זאָל דערמאָנען די פּוילישע טאָפּאָליעס, די סעדער, די שמעקעדיקע סאָסנע־וועלדלעך, וווּהין יידן פלעגן יעדן זומער אַרויסקומען פון וואַרשע אויף דאַטשע.

האָט דאָס פּאָר־פאָלק זיך אַריינגעגומען אין קאָפּ אַריין, נישט מער און נישט ווייניקער ווי דאָס: צו פאַרפלאַנצן אין דעם זאַמד־מדבר פון בת־ים דעם היימישן פּייסאַזש... מיט אַנדערע ווערטער: צו ברענגען אַטוואַצק קיין בת־ים...

איז מען אַריבער צו אַ מומחה, אַ גערטנער, און מ'האָט אים פאַר־געלייגט איבערצונעמען דעם גאַנצן „טראַנספּאָרט", ד. ה. אַז ער זאָל אויף דעם גרויסן זאַמד־שטח וואָס נעמט אַרום זייער הויז, פלאַנצן — צו דעם פראָנט צו: אַ טענען־וואַלד, רעכטס און לינקס פון הויז — טאָפּאָליעס, און הינטערן הויז — אַ סאַד מיט עפּל, בארן, פלוימען, קאַרשן... ס'מעגן אויך זיין עטלעכע מאַראַנצן־און לימענע־בוימער...

דער גערטנער האָט דעם יידן שווייגנדיק אויסגעהערט און ווען ער האָט געענדיקט רעדן, האָט ער געזוכט אַ וועג וויאַזוי זיך וואָס גיכער

אַרויסצודרייען פון דעם דאָזיקן פּאָרל. ער האָט קיין רגע נישט געצווייפלט, אַז דאָס זענען גאָרנישט קיין מאַן־און־ווייב, נאָר צוויי פּאַציענטן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון בת־ימער משוגעים־הויז (וואָס איז שוין דעמאָלט געווען דערעפנט), און וואָס ליידן ביידע פון דער זעלבער פיקסער אידעע...

איז דער ייד מיטן ווייב אַוועק צו אַ צווייטן גערטנער. יענער איז שוין נישט געווען אַזאַ איבערגעשפּיצטער ווי דער ערשטער. ער האָט זיינע צוויי באַזוכער נישט געהאַלטן פאַר קיין משוגענע, נאָר פּשוט פאַר לאַיען, וואָס רעדן סתם נאַרישקייטן. ער האָט דעם יידן דערקלערט, אַז דאָס וואָס ער וויל, איז אַן אוממעגלעכע זאַך אין אונדזער באָדן און ביי אונדזערע קלימאַטישע באַדינגונגען.

דער ייד האָט אָבער דעם גערטנער נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט אים אַזוי לאַנג „באַאַרבעט״, ביז ער האָט אים ביסלעכווייז איבערצייגט. דער גערטנער האָט שוין אַליין אויך אָנגעהויבן צו גלויבן אַז ס׳וועט גיין.

און קעגן אַלע באָטאַנישע טעאָריעס און געזעצן, איז עס געגאַנגען...

אַז איך האָב מיך אַלס נייער עולה באַזעצט אין בת־ים, האָט נאָך דער זאַמד געהערשט מחוצן צענטער פון שטעטל אין זיין גאַנצער גראַער מאָנאָטאָנקייט. ווינטער האָבן די שטורעמס פאַרשיט די וועגן, אָנגעטראָגן בערג מיט זאַמד פאַר דער טיר פון מיין באַראַקל, וואָס איז געשטאַנען אָפּגערוקט פון הויפּט־שאָסיי, אַזוי אַז מ׳האָט אָפט געמוזט אַרויסקריכן דורכן פענצטער... און זומער האָבן די זאַמדן געשרפעט אונטער די פיס, נישט געווען אויפן שאָסיי קיין ביימל וואָס זאָל וואַרפן אַ שטיקל שאָטן און זיין אַ שוץ קעגן דער ברענענדיקער זון.

דעמאָלט האָב איך „עס״ דערזען, ניין, דערפילט דעם ריח. שוין פון וויטן האָב איך פלוצעם דערפילט אַ שאַרפן ריח פון טענען־בוימער. איך האָב טיף איינגעאָטעמט דעם פאַרשיכערנדיקן ריח, געזוכט מיט די אויגן פון וואַנען דער ריח קומט און דערזען — ווי אַן אַנטפּלעקונג, ווי אַ פאַטאַ מאָרגאַנאַ — דערזען אַ וואַלד, אַן אמתן וואַלד אין דעם זאַמד־מדבר! כ׳בין צוגעגאַנגען נאָענט, גאַנץ נאָענט, אַריינגעקוקט דורך דער געמויערטער פאַרצאַמונג. אַן אָפּפרישנדיקע קילקייט און טונקלקייט האָט דאָ געהערשט. כל המינים פייגל האָבן דאָ אויף די ביימער זייערע נעסטן.

זיי פאַרהילכן מיט זייערע פריילעכע געזאַנגען די לופט. אומצייליקע טענען־שישקעס וואַלגערן זיך אויף דער ערד, וואָס איז באַדעקט מיט מיליאָנען אַראָפּגעפאַלענע טענען־נאָדלען, איינגעטרעטענע פון מענטשן־פיס. דאָס הויז שטייט אַריינגערוקט טיף אין „וואַלד", צווישן הויכע טאָפּאָליעס, און זעט־אויס ווי אַן אַלטער פּריצישער ירושה־פּאַלאַץ...

יעדעס מאָל ווען איך בין דאָ פאַרבייגעגאַנגען, בין איך שטיינגע־בליבן און טיף אין מיר איינגעאָטעמט דעם שאַרפן שמעקעדיקן ריח. מיין גרעסטער ווונטש איז געווען צו באַקענען זיך מיט די באַזיצערס און וואַרטן אַז זיי זאָלן מיך פאַרבעטן אין זייער גרינעם גן־עדן אַריין. ס'איז אָבער אַוועק אַ יאָר און אַ יאָר און ס'איז דערצו נישט געקומען. ביז ענדלעך — — —

ער גייט מיט מיר פון בוים צו בוים און באַקענט מיך מיט יעדן באַזונדער. יעדער בוים איז פאַר אים אַ שטיק פון זיין אייגן לעבן, אַ רעזול־טאַט פון יאָרנלאַנגער מי און עקשנות, אַנטוישונגען און פריידיקע איבער־ראַשונגען. וואָס שווערער אַ בוים האָט זיך געצויגן, אַלץ מער צוגעבונדן איז ער צו אים געוואָרן. ער קען די לעבנס־געשיכטע פון יעדן בוים זינט ער האָט אים אַלס קליין צוויגעלע פאַרפלאַנצט אין אָט דער ערד, קען דעם כאַראַקטער און די קאַפּריזן פון יעדער פלאַנץ, יעדער בלום.

— איר זעט אָט דעם בוים? — ווייזט ער אויף אַ ברייט־שטאַמיקן און הויכן טענען־בוים און גלעט זיין טונקל־גראָע קאָרע — ווער האָט נאָך גערעכנט אַז ער וועט אויפקומען? נישט איינמאָל האָט אים אַ שטורעם־ווינט אומגעוואָרפן און אויסגעריסן מיט די נאָך יונגע וואָרצלען. יעדעס מאָל האָב איך „עס" געדאַרפט אויפסניי פלאַנצן און באַפעסטיקן מיט אַ דרענגל.

— און אָט דער — ווייזט ער אויף אַן אַנדערן בוים — פלעגט אַלס „קינד" האָבן אַ טבע יעדעס מאָל אַוועקצוחלשן, און מ'האָט אים געדאַרפט „מינטערן" מיט וואַסער און דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַביסל פרישער חמרה־ערד...

— און אָט דעם חברה־מאַן זעט איר? — בלייבט ער שטיין פאַר אַ בוים וואָס שטייגט אַריבער מיט זיין הייך זיינע שכנים — ווען איר זעט

אים מיט עטלעכע יאָר צוריק, וואָלט איר פאַר אים קיין צווי גראָשן נישט געגעבן... יעדן מיטוואָך און דאָנערשטיק איז ער איינגעפאַלן אויף אַן אַנדערער שלאַפקייט, מ׳האָט יעדעס מאָל געמיינט אַז אָט אָט...

דער ייד גייט מיט מיר פון בוים צו בוים, דערציילט מיר וועגן די „קינדער־קראַנקהייטן״ פון יעדן. איך שטוין וויאַזוי ער אונטערשיידט פון איין בוים צום צווייטן: ס׳איז דאָך אַ גאַנצער וואַלד, און אַלע ביימער האָבן דאָך איין פּנים... נאָר פאַר אים האָט יעדער בוים אַן אַנדער פּנים. ער דערקענט יעדן מיט צוגעמאַכטע אויגן. ווען ער שעמט זיך נישט, וואָלט ער יעדן בוים אַ נאָמען געגעבן און וואָלט זיי גערופן מיט פאַרצויגענע נעמען, ווי ער רופט זיינע קינדער: שרהלע, אורילע, רינהלע.

— איר ווייסט צו וואָס איך וואָלט געהאַט חשק? זאָג איך לאַכנדיק — נעמען אַ קויבער און קלויבן אין אייער „וואַלד״ שוואָמען.

— וואָסזשע לאַכט איר? — חידושט זיך דער ייד — איר האָט שוין געזען אַ טענען־וואַלד אָן שוואָמען? איך וועל אייך ווייזן גאַנצע קרענץ פון געטרוקנטע שוואָמען פון מיין אייגענעם וואַלד.

— וואָס רעדט איר?

— דאָס וואָס איר הערט. שוואָמען וואַקסן ביי מיר ווי... שוואָמען נאָך אַ רעגן. נאָך יעדן רעגן עסן מיר פריש געקליבענע שוואָמען. שוואָמען — דערקלערט ער מיר — זעצט מען נישט, דאָס איז שוין אַ צוגאָב צום וואַלד...

מיר גייען ווייטער, און קומען אַן צום סאַד. הויכע טאָפּאָליעס שטייען נאַקעטע, אַנטבלויזטע פון בלעטער. די בלעטער ליגן אויף דער ערד פאַרגעלטע, פאַרוויאַנעטע. און אויך די עפּל־און בארן־בוימער שטייען איצט, אין ווינטער, נאַקעטע, אָן בלעטער. דאַקעגן באַמערק איך אַ בוים מיט רויטע צוויטן. אַן אַנדערער בוים בליט פּיאָלעט. און אויך די מאַראַנצן־און לימענע־בוימער שטייען איצט מיט פול־באַבלעטערטע זאַפטיק־גרינע צווייגן.

— יעדער בוים — דערקלערט מיר דער ייד — היט אָפּ דעם כאַראַקטער פון זיין מין, פירט זיך דאָ ווי ער האָט זיך געפירט אין זיין אָפּשטאַם־לאַנד אין משך פון הונדערטער דורות. איין בוים בליט, ווען דער

אַנדערער האָט שוין לאַנג זיינע בלעטער אָפּגעוואָרפן, האַלט זיין ווינטער־שלאָף. נישט געקוקט אויף דער פאַרשידנקייט פון די מינים, לעבן זיי דאָ אַלע בשלום. נישטאָ ביי מיר קיין „ראַסן־פּראָבלעם" — לאַכט ער — זיי זענען אַלע פאַרוואָרצלט אין דער זעלבער ערד, און זון און רעגן קלעקט פאַר אַלעמען...

זינט מיין ערשטן באַזוך אין דעם דאָזיקן „וואַלד" זענען שוין אַוועק 4—5 יאָר. בעת דער צייט איז בת־ים געוואַקסן אויף דאָס פיר־פאַכיקע. ס׳זענען צוגעקומען הונדערטער נייע בלאָק־הייזער, אַזויפיל נייע אַספאַל־טירטע שאָסייען און פאַרקן, אַזויפיל גרינע גערטנער! מיט יעדן טאָג ווערן די זאַמד־שטחים אַלץ קלענער, נאָך אַביסל, און די בת־ימער זאַמדן וועלן ווערן — געשיכטע, ווי דאָס זענען געוואָרן די זאַמדן פון תל־אביב. אָבער אויך דעמאָלט וועט דאָס בת־ימער וועלדל „פאַר אייגן געברויך" ציען די אויפמערקזאַמקייט פון יעדן פרעמדן פאַרבייגייער, און אַרויסרופן באַוווּנ־דערונג פאַר דעם יידן, וואָס איז אין זיין עקשנות דערגאַנגען פון גראָ ביז — גרין...

ער האָט נישט אויף פּסח...

10.4.57

רות גרייט זיך אָפּצופליען אַהיים. זי פּאַקט אירע זאַכן. און אויך געוויסע וויכטיקע קלייניקייטן וואָס די עלטערן דאַרפן מיטנעמען קיין לאָנדאָן און קאָנען אין דער לעצטער רגע אין זיי פאַרגעסן, פּאַקט זי שוין איצט איין. זי מאַכט טעגלעך באַזוכן צו פריינד און באַקאַנטע, אַלטע און ניי־דערוואָרבענע, אין תל־אביב און מחוץ איר, — כדי זיך צו געזעגענען.

אַז איך האָב מיך היינט געלאָזט אַהיימגיין, האָט מיך אַש צוריק־געהאַלטן מיט די ווערטער:

— אַז איר וועט נאָך היינט זיין אין תל־אביב, בעט איך אייך, גייט אַריין צו צאַנינען און זאָגט אים אַז ער זאָל מיר שיקן עטלעכע פונט, זאָגט אים אַז כ׳בין איצט זייער געענגט... רות פאָרט אַהיים, דאַרף איך איר געבן אויף הוצאות... און אַ חוץ דעם — ס׳גייט צו פּסח און כ׳בין אָן אַ סענט...

דאָס האָט ער געזאָגט מיט אַזאַ פאַרזאָרגט פּנים, אַז כ׳האָב מיך בשום אופן נישט געקענט באַהערשן נישט קיין שמייכל צו טון.

ס׳איז נישט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס אַש האָט מיך געשיקט צו צאַנין נאָך געלט, און יעדעס מאָל וואָס איך בין צו אים געקומען, האָט ער מיר געוויזן אַ חשבון, אַז ער האָט אים אַ סך מער געגעבן וויפל ס׳קומט אים. דאָס האָט אָבער אַשן נישט אָפּגעהאַלטן אַז ער זאָל מיך נאָך עטלעכע טעג ווידער שיקן צו צאַנינען נאָך געלט, „ווייל ער האָט נישט אויף צו לעבן״...

יצחק פאַנער

דאָס מאָנען כסדר געלט איז שוין ביי אים געווען אַ געוווינהייט, ווי אַ שטייגער ביי אַ קינד דאָס זויגן אַ פינגער ווען עס האָט נישט די ברוסט...



זיין לעצטע היים. פון רעכטס: רות, שלום אַש, מאַטילדאַ אַש, י. פאַנער.

אַש וועגן דוד פּינסקי

דעם 5־טן אַפּריל 1957 האָט חיפה אָפּגעצייכנט דעם 85־סטן געבוירנטאָג פון איר גרויסן בירגער — דעם שווער־קראַנקן דוד פּינסקי. אויף שבת פארמיטאָג איז באַשטימט געוואָרן אין תרבות־זאַל פון דער הסתדרות אין חיפה אַ פּינסקי־פרימאָרגן, דער נאָכמיטאָג איז באַשטימט געוואָרן פאַר באַגריסונגען פון פריינט און חברים אין הויז פון פּינסקין אויפן כרמל. פון יידישן ליטעראַטן־פאריין זענען דעלעגירט געוואָרן א. ליס און איך. סוצקעווער איז נאָך מיט אַ טאָג פריער געפאָרן קיין חיפה. איך האָב מיט ליסן אָפּגערעדט זיך צו טרעפן שבת פרי אין תל־אביב, ביי די שרות־אויטאָס.

קענענדיק די שאַרפע קאַמפּאַניע וואָס פּינסקי האָט ביז צו זיין קראַנקהייט נישט אויפגעהערט פירן קעגן אַשן, האָב איך נישט געוואַגט צו קומען צו אַשן און נעמען אַ טאָג אורלויב צוליב פּינסקיס געבוירן־טאָג... איך האָב מיך שוין געהאַט אַנטשלאָסן — שוין צוליב אַשס רו אַליין — אויסצוטראַכטן עפּעס אַן אַנדערן תירוץ. נאָר קומענדיק שבת גאַנץ פרי צו אים, האָב איך נישט קלערנדיק קיין סאַך אים געזאָגט דעם ריינעם אמת...

אַש, הערנדיק וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט מיך קוים געלאָזט אויסרעדן.

— לויפט שוין, איר זאָלט נישט פאַרשפּעטיקן! — האָט ער מיך כמעט אַרויסגעשטופּט — און לאָזט פּינסקין גריסן פון מיר, און זאָגט אים, אַז וויבאַלד איך וועל מיך נאָר פילן אַביסל בעסער, וועל איך אים קומען באַזוכן.

אַשס גרוסן זענען נישט אַזוי לייכט דערגאַנגען דורך פּינסקיס האַלב־טויבע אויערן צו זיין מער שלאָפנדיקן ווי וואַכנדיקן באַוווסטזיין.

— שלום אַש וועט אייך באַזוכן! — האָב איך אים אַריינגעשריגן אין די אויערן. אַ רגע האָט אין זיין מוח אַ בליץ געטון מיט קלאָרקייט. אויף זיינע האַלב־פאַרגליווערטע ליפּן האָט זיך באַוויזן עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳וואָלט געקענט אָנרופן „שמייכל". נאָר זאָל אונדז גאָט באַהיטן פון אַזוינע שמייכלען!

קומענדיק צומאָרגנס צו אַשן, איז זיין ערשטע פראַגע געווען:

— וואָס טוט פּינסקי?

— אויף אַלע אונדזערע שונאים געזאָגט!

און איך האָב אים געשילדערט דעם שרעקלעכן מצב אין וועלכן עס געפינט זיך דוד פּינסקי, און דעם נישט בעסערן מצב פון האָדל, זיין פרוי.

אַש האָט שווייגנדיק אויסגעהערט מיין באַריכט, דאַן האָט ער געוועדט מיט אַ שטילן, געדעמפּטן טאָן:

— פּינסקי האָט מיך נישט איינמאָל אָנגעגריפן... דורך דער פּרעסע, אויף דער טריבונע, און ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט... נישט נאָר צוליב „יענער מעשה", נאָר גלאַט אַזוי... מיך צונישט געמאַכט ווי אַ שרייבער...

— ער האָט אויך געאַרבעט מעשים, ווען מ׳האָט מיך אויפגענומען אין חיפה... כ׳בין אויף אים נישט בייז געווען. כ׳האָב אים פאַרשטאַנען. ווען איך בין אַלס יונגער אָנפאַנגער געקומען צו פּרצן, איז שוין פּינסקי געווען באַקאַנט. און איך האָב אים באַלד איבערגעיאָגט, ער איז געבליבן וויט הינטערשטעליק. פאַרשטיי איך זיין קעגנערשאַפט...

מאַטילדאַ אַש, וואָס האָט צוגעהערט דעם שמועס, האָט דערציילט, אַז נאָך דעם קאַלאָסאַלן דערפאָלג פון אַשס „גאָט פון נקמה" אין יאָר 1907 אויף דער דייטשער בינע, איז דוד פּינסקי געקומען צולויפן צו ריינהאַרדן קיין בערלין מיט זיין „אוצר". ריינהאַרד, דערמוטיקט דורכן ערשטן דער־פאָלג פון אַ „זשאַרגאָנישער" דראַמע, האָט פּינסקיס פּיעסע אויפגעפירט. זי איז אָבער דורכגעפאַלן.

— אין דעם דורכפאַל איז נישט די פּיעסע שולדיק געווען — מישט זיך אַש אַריין — דער „אוצר" געהערט דווקא צו פּינסקיס בעסטע פּיעסן. די סיבות זענען געווען אַנדערע, טעכנישע. פּינסקי איז געקומען נאָך דעם טעאַטער־סעזאָן. ס׳האָבן געפעלט אַ סך שוישפּילער. צווישן זיי אַזאַ הויפּט־

כוח ווי ערנסט לוביטש, וואָס איז דעמאָלט נישט געווען אין דייטשלאַנד, צוליב אַזוינע און אַנדערע סיבות איז די פּיעסע דורכגעפאַלן.

אויף אונדזער שפּאַציר איז ווידער געקומען צו רייד וועגן פּינסקין. איך האָב מיך געחידושט וואָס נישט זיין זון און נישט זיין אַדאָפּטירטע טאָכטער האָבן ביז אַצינד באַזוכט זייערע אַזוי שווער־קראַנקע עלטערן.

אַש האָט דערויף געפונען אַ „פאַרענטפערונג״:

ביי די מייסטע שרייבער און קינסטלער איז פאַראַן אַ ריס אין זייער פאַמיליען־לעבן. אַ קינסטלער איז אַן עגאָצענטריקער, לעבט זיין אייגן לעבן, פעלט אָפט דער קאָנטאַקט צווישן דעם קינסטלער און זיין פאַמיליע.

ער, אַש, קאָן זיך גאָט צו דאַנקען נישט באַקלאָגן אויף „אַזוינע זאַכן״. ער האָט פאַר זיינע קינדער אייביק געזאָרגט. זיינע קינדער זענען גרייט זיך פאַר אים מקריב צו זיין, פונקט ווי ער פאַר זיי.

צוויי אַרטיקלען

לייענענדיק אַשס יום העצמאות־אַרטיקל („דבר” און „לעצטע נייעס” פונעם 5־טן מאַי 1957), האָבן אים זיינע קעגנער געקענט חושד זיין אַז ער „מאַכט ציונות”, אַז דאָס וויל ער זיך דערמיט איינקויפן אין יחוס, געווינען אין ישראל די פּאָזיציעס וואָס ער האָט ערגעץ אַנדערש פאַרלוירן...

אָבער דער אָביעקטיווער און ערלעכער לייענער האָט ביים לייענען יענעם מאמר באַלד דערפילט, אַז אַזוינע אַרטיקלען ווערן נישט „געמאַכט”, נאָר זיי ווערן געבוירן.

דאָס איז געווען אַ ליד אין פּראָזע, אַ נצחון־געזאַנג, אַן אָדע פאַר צה”ל צו איר סיני־נצחון, אַן אָדע פאַר אונדזערע גבורים, וואָס האָבן אויפ־געהויבן דעם יידישן כבוד אין די אויגן פון דער גאָרער וועלט.

און בלויז מיט 3 — 2 וואָכן שפּעטער האָט מיר אַש דיקטירט אַ צווייטן אַרטיקל, באַשטימט פאַר שבועות, דעם יום מתן־תורה. דאָס איז געווען אַ זייער שיינער אַרטיקל פאַר „פריילאַנד” אָדער פאַר אַ בונדיש בלאַט, אָבער בשום אופן נישט פאַר אַ ציוניסטישער צייטונג. אין איינ̇יקע שטעלן פון דעם מאמר האָט זיך אַפילו געקענט דאַכטן אַז דאָס רעדט איינער פון די עקסטרעם רעליגיעזע... דעם אַרטיקל אין זיין ערשטן וואַריאַנט הייבט אַש אָן מיט אַזאַ אַריינפיר :

„...מיינע ליבע לייענער... איך קום צו אייך מיט אַ צעבראָכן האַרץ און בעט ביי אייך רחמים : האָט רחמנות אויף מיר און זייט מיר מוחל מיינע גרויסע זינד פאַר דעם פּסול און אפּיקורסות וואָס האָט זיך ר”ל אַריינגעגנבעט אין מיין האַרצן צו שרייבן דעם דאָזיקן אַרטיקל צום הייליקן יום־טוב שבועות, לכבוד מתן תורה”.

„גאָט איז מיין עדות... איך האָב מלחמה געהאַלטן מיטן יצר הרע...

איך האָב זיך געווערט קעגן זיין כוח... ס'איז געשטאַנען קעגן מיר אַ מלאך מן השמים און מיך געשלאָגן און געשמיסן מיט כלערליי יסורים פון שרייבעריש געוויסן און געצווונגען מיך נישט צו קוקן אויף די אַלע סכנות וואָס באַדראָען מיין נשמה, און אַרויסזאָגן די אַפּיקורסישע געדאַנקען וועלכע דרינגען פון מיר אַרויס מיט געוואַלט און רייצן מיין שרייבערישן אַפּעטיט מיט אַלערליי כשופן" (פון מיר אונטערגעשטראָכן — י. פּ.)

דאָס איז דער אַריינפיר. און איצט אייניקע (פון די וויניקער „אַפּיקורסישע") שורות פון יענעם אַרטיקל, וועלכע זענען, אַביסל געענדערט, אַריין אויך אין דעם אַרטיקל וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין „דבר":

„...וואָס פאַר אַ שייכות האָט אונדזער אָנדענק פון מתן־תורה אויפן באַרג סיני מיט דעם יום־טוב פון האַרמאַטן און טאַנקען פון דעם נייעם סיני? מאַכט דעם השבון: וואָס האָבן מיר געבראַכט פון באַרג סיני, ווען מיר זענען צום ערשטן מאָל צו אים געגאַנגען, געפירט פון משה? מיר האָבן פון דאָרט געבראַכט צוויי שטיינערנע טאָוולען מיט די אויסגעקריצטע עשרת הדברות. און וואָס האָבן מיר געבראַכט ביים צווייטן גאַנג פון באַרג סיני? די עשרת הדברות פון מלחמה דורך טאַנקען און האַרמאַטן און כלי משחיתים".

„...דער רויך פון פולווער וואָס מיר האָבן מיטגעשלעפּט פון דעם נייעם סיני, האָט פאַרטונקלט און צוגעדעקט דאָס הייליקע פייער וואָס האָט איינגעהילט גאָט... ווען ער האָט געגעבן די תורה פאַר ישראל".

נאָכדעם ווי אַש האָט געענדיקט דיקטירן דעם אַרטיקל, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך בין שטאַרק מסופק צי דער „מעריב" (פאַר וועמען דער אַרטיקל איז באַשטימט געווען) וועט אים דרוקן. איך האָב אים געראָטן דעם אַרטיקל איבערצואַרבעטן. דערפון האָט ער נישט געוואָלט הערן. ער האָט מיר געהייסן דעם אַרטיקל איבערשרייבן און אָוועקשיקן. איך האָב גענומען צו הילף מאַטילדאַ אַש. נאָר צו מיין פאַרוווּנדערונג איז זי דאָסמאָל געבליבן גלייכגילטיק צום גאַנצן ענין. צומאָרגנס בין איך מיט אַשן געפאָרן מיט זיין אויטאָ קיין ת"א. איך האָב אים אויך באַגלייט צו זיין העברעישן פאַרלעגער כץ. אַש האָט ביי זיך געהאַט דעם אַרטיקל און האָט

אים כצן געגעבן צו לייענען און הערן זיין מיינונג צי מ׳קאָן דעם מאמר דרוקן אין אַ ציוניסטישער צייטונג. כץ האָט די זאַך איבערגעלייענט און געזאָגט, אַז ער זעט נישט פאַרוואָס מ׳זאָל דעם אַרטיקל נישט קענען דרוקן...

אַז איך בין צו אַשן געקומען צומאָרגנס, האָט ער מיר צו מיין איבערראשונג מיטגעטיילט, אַז ער האָט דעם אַרטיקל געענדערט, און ער האָט מיר איבערגעגעבן איבערצושרייבן אויף מאַשין 10 בויגן מאַנוסקריפּט געדיכט באַשריבן.

דער איבערגעשריבענער אַרטיקל איז געווען אַ סך גרעסער פונעם ערשטן. דאָ האָט זיך שוין אַש געקענט פאַרגינען צו „זינדיקן" מיט אַ רויקערן געוויסן: דער צווייטער אַרטיקל איז געשריבן אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג צווישן אַ יידן, אַ נודניק, אַ גריבלער און שוואַרץ־זעער — דעם אָנקלעגער, און אַשן, דעם פאַרטיידיקער, ד. ה. די אַלע אַפּיקורסישע רייד האָט אַש אַריינגעלייגט אין מויל פון דעם יידן, און ער, אַש, האָט איבער־גענומען די ראָלע פון פאַרטיידיקער. נאָר די ווערטער פון קטגור האָבן מער איבערצייגט ווי די ווערטער פון סניגור... און אויך אין דער פאָרם האָב איך געצווייפלט צי מען וועט דעם אַרטיקל דרוקן.

איך האָב אים אַוועקגעשיקט צום „מעריב". 4 טעג פאַר שבועות האָט אַש צוריקבאַקומען פון „מעריב" זיין מאמר מיט דער שאַבלאָנער באַמערקונג: „ מיר באַדויערן זייער וואָס צוליב אָביעקטיווע סיבות" א.א.וו.

אַש האָט זיך טעלעפאָניש פאַרבונדן מיטן „דבר", גערעדט מיט ה. שוררן, וועלכער האָט אים געהייסן דעם אַרטיקל תיכף אַריינשיקן, אפשר וועט מען נאָך אין דער קורצער צייט באַוויזן אים איבערצוזעצן און דרוקן. איך בין אַוועק קיין ת"א און דעם אַרטיקל איבערגעגעבן שוררן אין די הענט אַריין. ער איז אַריין אין דעם שבועות־נומער. דאָס וואָס פאַרן „מעריב" איז געווען אַ „שאלה", איז פאַרן „דבר" געווען כשר... ס׳איז אָבער אויך מעגלעך, אַז דער „דבר" האָט אין דער קורצער צייט נישט באַוויזן דעם מאמר גרינטלעך צו לייענען. און אפשר האָט מען זיך אויך קיין מי נישט געגעבן צו לייענען: דער נאָמען שלום אַש איז געווען גענוג גאַראַנטיע פאַר ציוניסטישן אינהאַלט...

דער דאָזיקער מאמר אין זיין ערשטן (און אפילו צווייטן) וואַריאַנט קאָן דינען ווי די בעסטע אילוסטראַציע, ווי לייכט אַש האָט אָפּט געקענט פאַרגעסן „אין די אַלע סכנות וואָס באַדראָען זיין נשמה" און זיך לאָזן לייטן בלויז פון זיין „שרייבערישן געוויסן" און זיינע „שרייבערישע אַפּעטיטן", וואָס האָבן אים „גערייצט מיט כלערליי כישופן"...

ווידער די יוגנט!...

11. 5. 57

ווען נישט דער דאָקטער, וואָלט מען געקענט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז אַש האָט ערשט נישט לאַנג דורכגעמאַכט אַזאַ שווערע מוח־קראַנקהייט. זיין צושטאַנד האָט זיך איצט נאָרמאַליזירט. ער האָט גוט געגעסן, געטרונקען, געשלאָפן און געאַרבעט, פונקט אַזוי ווי פריער. יאָ, מ׳וואָלט געקענט פאַרגעסן, ווען נישט דער דאָקטער, וואָס האָט אַשן געהייסן דווקא באַהאַנדלען ווי אַ קראַנקן... ער האָט אים פאַרבאָטן צו פירן זיין אויטאָ (נאָכדעם ווי אַש האָט דערצו באַקומען די באַווייליקונג) אים פאַרבאָטן צו שפּאַצירן אָן באַגלייטונג און אים פאַרבאָטן זיך צו באָדן אין ים. באַזונדערס שווער האָט אשן געטראָפן דער לעצטער פאַרבאָט.

גייענדיק שפּאַצירן צום ים, האָט ער נאָר געוואָלט אַראָפּגיין די אומצייליקע שטיין־טרעפּ וואָס פירן צו דער פּלאַזשע. ער האָט געקוקט מיט פאַרבענקטע אויגן ווי מענטשן באָדן זיך, ווי די יוגנט שווימט.

— איך וועל זיי הערן ווי די קאַץ! — האָט ער אויסגערופן — כ׳וועל מיך באָדן! כ׳האָב מיין גאַנץ לעבן געשווומען אין ים, גערודערט אויף שיפלעך, געריטן אויף פערד, און אויף איין מאָל! — —

דער ים־ברעג איז שוואַרץ פון מענטשן. (ס׳איז שבת) די יוגנט ש׳פּילט אַ מין ים־ברעג באסקעט־באָל. די קליינע רויטע באַלעכלעך פליען ווי פייל פון בויגן פון אַלע זייטן. פּלוצעם איז אַש שטיין געבליבן און זיך אַ כאַפּ געטון מיט ביידע הענט פאַרן אויג: אַ באַלעכל האָט אים געטראָפן קנאַפּ פאַרן רעכטן אויג. ער איז בלאַס געוואָרן און אַ שווייגנדיקער געקוקט אויף דעם יונגן באַל־וואַרפער וואָס האָט געשפּילט מיט זיין פאַרטנערקע. ביידע שפּילער האָבן זיך אפילו נישט מיט קיין מינע אַנטשולדיקט, נאָר ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען, ווייטער געשפּילט.

אַ צייט לאַנג איז אַש מיט מיר געגאַנגען אַ שווייגנדיקער, נישט אַרויס־רעדנדיק קיין איינציק וואָרט. דאַן האָט ער אָנגעהויבן רעדן — וועגן דער הוילקייט פון אונדזער יוגנט: זיי זענען נישט קיין יידן און נישט קיין גויים; זענען אויסגעהוילט פון יעדן גייסטיקן אינהאַלט; פון יעדן אידעאַל; אָרעם און נאַקעט; בלויז ספּאָרט. וואָלוועלער פילם. סעקס. פיזישע תענוגים.

איך האָב געפּרוווט מילדערן, אָנווייזן אַז ס׳איז פאַראַן אויך אַן אַנדערע יוגנט — אין די שולן, אין די קיבוצים, אין דער אַרמיי.

ער האָט נישט געענטפערט, איז ווידער פאַרזונקען אין שווייגן און זיך געלאָזט גיין אַהיים.

ביי דער פלאַזשע. רעכטס: י. פאַנער, לינקס: דער העבר. פאַרלעגער ש. כץ („קרני״)

ביים ברעג פון בת־ים

15. 5. 1957

אַש האָט נישט געזשאַלעוועט צו טיילן זײַנע ביכער מיט אויטאָגראַ־מען. איצט איז געגאַנגען אַ סדרה „שירת העמק" וואָס דער פאַרלאַג „קרני" אין תל־אביב האָט אַרויסגעגעבן. מיט גרויס אומגעדולד האָט אַש געוואַרט אויף דעם אָפּרוף פון דעם בוך, מצד דער קריטיק און דער עיקר — מצד דעם קאָנסומענט. ער האָט געוואָלט וויסן צי דאָס בוך פאַרקויפט זיך, צי מען לייענט עס. ס'איז אַוועק אַ וואָך און צוויי און דריי און מ'האָט גאָר־נישט געהערט. ער פלעגט, זײַענדיק אין ת"א, זיך אינטערעסירן אין די ביך־געשעפטן צי דאָס בוך פאַרקויפט זיך, ער האָט יעדעס מאָל אָנגעקלונ־גען כצן (דעם פאַרלעגער) און יעדעס מאָל האָט ער באַקומען דעם ענט־פער: „דערווייל נאָך גאָרנישט". דאָס האָט אים זייער פאַרביטערט, געקאָסט געזונט.

קומענדיק הײַנט צו אַשן, האָב איך אים געטראָפן רעדן טעלעפאָניש מיט כצן. איך האָב געהערט אַשס ווערטער: ווי קומט עס?... עס אינטע־רעסירט טאָקע נישט?...

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל און מיט פאַרביטערונג אויס־גערופן:

— גיי זעץ זיך אַוועק און שרייב „זיי" כאָטש אָן אַ צווייטן „נצרענער"!...

קוריאָזן וועגן אב. קאַהאַן

18. 5. 1957

איך בין מיט אַש געזעסן אין אַרבעט־צימער. מאַטילדאַ אַש איז אַריינגעקומען און געמעלדעט אַז אליעזר פּינעס וואַרט אין אויפנעם־צימער. אַש האָט אים תיכף געהייסן אַריינקומען. נאָך דער ערשטער קאָנווענ־ציאָנעלער באַגריסונג, פרעגן זיך אויפן געזונט, א. אַז. וו., איז דער שמועס תיכף געוואָרן אַ היימישער און געמיטלעכער. אַש האָט אויפגעפרישט זכרונות פון וואַרשע, דערמאָנט נעמען פון געמיינזאַמע באַקאַנטע, שריי־בער, פּאָליטיקער און קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוער. מאַטילדא אַש איז באַלד אַריינגעקומען און זיך מיטבאַטייליקט אין דעם שמועס.

אַש האָט זיך צעוואָרעמט, גענומען דערמאָנען נעמען פון דעם יידיש־ליטעראַרישן אַמעריקע.

— די ניגערס (ש. ניגער, ווּלאַדעק און טשאַרני) האָט אַש אויסגע־רופן — זענען געווען אַ ברכה פאַר אַמעריקע!

ער האָט מיט קרומע אָבער כאַראַקטעריסטישע שטריכן גענומען צייכענען די געשטאַלט פון אב. קאַהאַן ווי אַ ליטעראַרישן דיקטאַטאָר.

— מיין ראָמאַן „קידוש השם" — דערציילט אַש — האָט זיך אָנגע־הויבן דרוקן אין „פאָרווערטס". אָבער נאָך דעם דריטן המשך האָט אים פּלוצעם קאַהאַן אָפּגעשטעלט. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסער מאַטע־ריעלער (און אויך מאָראַלישער) קלאַפּ. אַז איך בין צו אים געקומען און אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט דאָס געטון, האָט ער געזאָגט: „שרייבט אַ „מאַטקע גנב" און נישט אַזוינע באָווע־מעשות"...

ערשט ווּלאַדעק — דערציילט אַש — האָט זיך אַריינגעמישט אין דער זאַך. ער האָט לייכט באַקומען מיטהעלפער אויף זיין זייט און מען האָט אָרגאַניזירט אַ גאַנצע אַקציע „בריוו פון לייענער", וועלכע האָבן פון „פאָרווערטס" געפאָדערט אַז דער ראָמאַן „קידוש השם" זאָל אומבאַדינגט

ווייטער גיין... אַקעגן דעם ווילן פון זיין מאַיעסטעט דעם לייענער האָט אב. קאַהאַן גאָרנישט געקענט טון. נאָך עטלעכע טעג איז דער ראָמאַן ווייטער געגאַנגען.

אַש דערציילט, אַז ווען שלום עליכם איז אין ניו־יאָרק געלעגן קראַנק און האָט ממש געהונגערט, זענען שרייבער געקומען צו אב. קאַהאַן און אים געשילדערט די שווערע לאַגע פון דעם געניאַלן שרייבער און זיי האָבן אים פאַרגעלייגט, אַז שלום עליכם זאָל אָנהויבן דרוקן אין „פאָר־ווערטס" זיינע זאַכן. דערויף האָט קאַהאַן געענטפערט: „זאָל ער אַריבער־קומען און ווייזן וואָס ער האָט..."

אַש איז נישט מיד געוואָרן דערציילן קאָמישע אַנעקדאָטן און ליטע־ראַרישע קוריאָזן. מיר האָבן אַלע שטאַרק געלאַכט, און מער פון אַלע — אַש. נאָך דעם דאָזיקן באַזוך (וואָס האָט געדויערט איבער צוויי שעה) האָט אַש אויסגעזען ווי נאָך אַן אָפּפרישונג־באָד...

אברהם און שרה

אַש האָט איצט אַ סך געשריבן, ווי ער וואָלט געוואָלט דעריאָגן די צייט בעת זיין קראַנקהייט. ער האָט אָבער אויך אַ סך געלייענט. געלייענט האָט ער אַם ליבסטן ליגנדיק אויף זיין ברייטן טאַפּטשאַן אין זיין אַרבעט־צימער. דאָס נאָטיץ־ביכל געדיכט באַשריבן, איז געלעגן לעבן אים. ער האָט געלייענט אַלטע ספרימלעך, אגדות, מדרשים, דייטשע, ענגלישע, העברעישע געשיכטע־ביכער, מיינסטנס וועגן אַלטן אָריענט, וועגן די נייעסטע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען. מיט אַ באַזונדערער ליידנשאַפט האָט ער זיך געוואָרפן אויף די ביכער וועגן די געפונענע מגילות פון ים המלח. ער האָט צונויפגעקויפט אַלע אויסגאַבעס אין אַלע מעגלעכע שפּראַכן וואָס ער האָט נאָר געטראָפן אין די בוך־געשעפטן. מיט נישט קיין קלענערן אינטערעס האָט ער געלייענט וועגן די לעצטע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין אַלטן בבל, און באַזונדערס פון דעם אַלטן אור־כשדים, דער אור־היים פון אונדזער שטאַם־פאָטער אברהם און שטאַם־מוטער שרה.

איך בין אין איינע פון די טעג צו אַשן געקומען אין אַ נאָכמיטאָג. ס׳זענען געווען געסט פון תל־אביב. אויפן טיש פון אויפנעם־צימער איז געלעגן אַ בוך וואָס אַש האָט גראָד געלייענט, ווען די געסט זענען אָנגעקומען. ס׳איז געווען אַ בוך וועגן די אויסגראָבונגען אין אור. אַש איז אַזוי שטאַרק געשטאַנען אונטערן איינדרוק פון דעם געלייענטן, אַז ער האָט מיט די געסט נישט געקענט רעדן וועגן עפּעס אַנדערש. ער האָט גענומען דאָס בוך אין דער האַנט, אָנגעהויבן מישן און געזאָגט:

— אָט וועט איר באַלד זען אונדזער מוטער שרה...

ער האָט אויפגעעמישט די שטעלע און געוויזן די געסט. ס׳איז געווען אַ בילד פון אַ יונגער פרוי. אַ טיפּ פון אַן אָריענטאַלישער ראַסיקער שיינ־

הייט. זינלעכע ליפּן. ווילדע לײדנשאַפט האָט אַרויסגעקוקט פון די גרויסע שוואַרצע אויגן.

די געסט האָבן אַשס ווערטער אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס.

— פאַרוואָס עפּעס שרה? האָט מען געלאַכט.

אַש איז אָבער געווען ערנסט.

— אַזוי האָט שרה אויסגעזען — האָט ער געזאָגט. — אויב נישט נאָך שענער...

— דאָס איז איינס פון די אויסגעגראָבענע תרפים — האָט ער דערקלערט — ס׳איז אַן אָפּבילד פון אַ קדשה, וואָס האָט געדינט אין טעמפּל פון לבנה־גאָט „נאַננאַר" אין אור.

— ווען אַ כהן פון נאַננאַר־טעמפּל האָט אויפגעפּאָדערט אַ פּאָטער פון אור, אין נאָמען פון גאָט נאַננאַר, אַז ער זאָל זיין שיינע טאָכטער ווידמען דער הייליקער פּראָסטיטוציע, דעם מעכטיקן נאַננאַר, אַזוי האָט עס דער פּאָטער געמוזט טון.

און אַש האָט גענומען דערציילן, מאָלן בילדער פון דער שטאָט אור, איר לאַנדשאַפט, אירע הייזער, גאַסן, טעמפּלען, מענטשן, זייערע דינים און מנהגים. ער האָט דערציילט וועגן דער יונגער בילד־שיינער שרי, די טאָכטער פון אברמס ברודער, הרן, וואָס נמרד האָט אים פאַרברענט אויפן שייטער פאַר זיין ווידערשפּעניקן דעם גאָט נאַננאַר, וועגן דעם יונגן אברם, און זיין פאָטער תרח. עס האָט אויסגעזען, ווי אַ בירגער פון אור כשדים וואָלט דורך עפּעס אַ כישוף איינגעשלעפערט געוואָרן אויף עטלעכע טויזנט יאָר, און איצט האָט ער אויפגעוואַכט און איז געקומען אונדז דערציילן אַלץ וועגן זיין אַמאָליקער היים און זיינע לאַנדסלייט... ער האָט אַרויסגעכישופט פון אונטער דער פירטויזנט־יעריקער שיכט פון צייט די אַלטע מומיע און אַריינגעבלאָזן אין איר טויטן גוף אַ נייע נשמה. די אַלטע שטאָט אור האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער אַמאָליקער בליענדיקער פּראַכט און שיינהייט.

און נאָכדעם ווי אַשס שעפערישע פאַנטאַזיע איז באַפרוכפּערט געוואָרן פון נייע זאַמען, איז זי פאַרגאַנגען אין טראָגן מיט אַ נייעם

גייסטיקן קינד, וואָס האָט געדאַרפט הייסן: „אברהם און שרה״. אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי:

אין 6־טן קאַפּיטל פון צווייטן טייל „יעקב און רחל״ טרעט אויף אין יעקבס הויף אין חרן דער אַלטער דינער שלמואל, וועלכער האָט נאָך געדינט ביי אברהמען. רבקה שיקט איר דינער פון באר שבע צו יעקבן קיין חרן מיט אַ שליחות, אַז ער זאָל זיך נאָך נישט אומקערן אַהיים, ווייל עשוס כעס האָט זיך נאָך נישט איינגעשטילט. שלמואל קומט אין יעקבס הויף אַריין געריטן אויף דעם אייזעלע מתשלח, וואָס יצחק האָט איבערגענומען בירושה פון זיין פאָטער אברהם, און אברהם — פון די פריערדיקע דורות. דאָס אייזעלע איז מער מיטאָס ווי רעאַל, ער האָט צו דערפילן וויכטיקע שליחותן. שלמואל רעדט צום אייזל ווי צו אַ מענטש, באַראָט זיך מיט אים אין גורלדיקע פראַגן. דאָס אייזעלע ענטפערט דורך געבן צייכנס מיטן באַוועגן פון זיינע אויערן...

לויט רבקהס ווונטש בלייבט שוין שלמואל אין יעקבס הויז. ער פּאַשעט יעקבס שאָף און דערציט זיינע קינדער צו ווערן גוטע שעפער. און דער אַלטער דינער דערציילט פאַר יעקבס קינדער די לעבנס־געשיכטע פון זייער עלטער־זיידן אברהם.

קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל דערציילט דער דינער די געשיכטע פון אברהם און שרה אין אור. נאָך יעדן קאַפּיטל שיילט זיך די דערציילונג אַרויס פון דער אפּוטראָפּסוס פון „יעקב און רחל״, ווערט אַ זעלבשטענדיקע באַשאַף. דער בילדעריש־דערציילערישער שטראָם האָט אַשן אַזוי מיטגע־ריסן, אַזוי פאַרפּלייצט, אַז ער האָט אים שוין נישט מער געקענט האַמעווען.

— איר פאַרשטייט? האָט ער גערעדט אויף אונדזער טעגלעכן שפּאַציר־גאַנג — די אברהם־געשטאַלט איז נאָך נישט גענוג אויסגענוצט געוואָרן אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור. אברהם איז דאָך דער באַגרינ־דער פון אַ נייער קולטור און ציוויליזאַציע, און אין אור איז דאָך פאָרגע־קומען דער ערשטער צוזאַמענשטויס צווישן מאָנאָטעיזם און היידנטום. מ׳ווייסט נאָך אַזוי ווייניק פון אברהמס יוגנט, זיין סביבה, זיין רעוואָלט קעגן נמרדס געצן. און נאָך ווייניקער ווייסט מען וועגן דער יונגער יפת־תואר שרה.

ביז צו זיין אָפּפאָרן קיין לאָנדאָן זענען פאַרטיק געווען 14 קאַפּיט־לען פון צווייטן טייל „יעקב און רחל", פון זיי, די לעצטע פינף קאַפּיטלען — בלויז וועגן אברהם און שרה. האָט אַש באַשלאָסן אָוועקצולייגן דערווייל די ערשטע ניין קאַפּיטלען פון פריערדיקן ראָמאַן און שאַפן אַ נייעם — „אברהם און שרה".

שרה און רחל

אין קעגנזאַץ צו רחלען, מאָלט אַש די געשטאַלט פון דער יונגער שרה מער רעאַל, מער ערדיש־ווייבלעך. מאַלנדיק איר לייב, באַטאָנט ער מיט אַ העלעניש־זינלעכער פיינהייט די שיינקייט פון יעדן קערפּער־טייל, יעדער מוסקול. נאָר ווען דער רוח הקודש רוט איבער איר, ווען צו אירע אויערן דערגייען די גסיסה־זיפצן פון שטאַרבנדיקע מענער, פרויען און קינדער פון ווייטע קומענדיקע דורות — שטאַרבנדיק דעם טויט פון קדושים, — דעמאָלט קומט זיך שרה צונויף מיט רחלען, ווערט איינס מיט איר, דעמאָלט טראָגט זי אין אירע אָרעמס דעם יידישן גורל ווי אַ מאַמע איר קראַנק קינד...

אין קאַפּיטל 6, איינס פון די שענסטע און שטאַרקסטע פון דעם אַנגעהויבענעם ראָמאַן „אברם און שרי", באַשרייבט אַש ווי אברהם און שרה אַנטלויפן פון נמרדס צאָרן אין די בערג אררט, ווו עס לעבט נאָך אברהמס קרוב־נייגהונדערט־יעריקער עלטער־עלטער־זיידע נח... דאָרט, אין די בערג, שטייט נאָך אפילו נחס תיבה, וואָס דינט צו פאַרשידענע ערדישע און הימלישע צוועקן. אַזוי איז אין דער תיבה פאַראַן אויך אַ געהיימע טיר, וואָס פירט אַזש ביז — צום גן עדן התחתון, ווו עס וווינט „דער אַלטער פון די טעג" מיט זיינע צדיקים, און מיט דעם „הייליקן און געזאַלבטן", דעם „בן־אדם", וואָס דאַרף ברענגען די גאולה פאַר דער וועלט. און אויך ער, דער „בן אדם" (ווי אַ סך אַנדערע נשמות) איז איינע פון די נשמות וואָס וועט „אָפּשטאַמען פון שרהס געדערים". די אַלע נשמות „פּאַשען זיך ווי ווייסע שעפעלעך" אויף די פעלדער פון גן־עדן התחתון. אברהם שיקט שרהן אין שליחות צום „אַלטן פון די טעג", אַז מען זאָל איר אַנטפּלעקן דאָס לאַנד וווהין אברהם זאָל אָפּגיין מיט שרהן.

נח וויזט שרהן דעם וועג צום גן־עדן. ער עפנט איר די געהיימע טיר און פרעגט:

— וואָס זעסטו, מיין טאָכטער?

— איך זע אַ שוואַרצע נאַכט פאַר מיר.

— קוק ווייטער, טיפער.

— איך זע געפרוירענע בערג, איינער העכער פון אַנדערן, שטייגן איבער די קעפּ. כ׳זע שניי, שניי, שניי.

— קוק ווייטער, טיפער

— איך זע אַ ליכט שטראַלט אַרויס פון הינטער די קעפּ פון די ווייסע בערג און באַלויכט זיי מיט אַן אויסטערלישער שיין.

— דאָרט אַהין וועסטו גיין. און דו וועסט אָנקומען צו דעם אָרט פון גן־עדן, וווּ עס רוט דער „אַלטער פון די טעג״, אַרומגערינגלט פון די נשמות... וואָס זענען אָנגעברייט אַרויסצוקומען פון דיינע גדערים״.

און אַז שרה איז שוין אין גן עדן, קומט איר אַנטקעגן אַ יונגער שעפער. ער פאַרבויגט זיך פאַר איר און זאָגט, אַז ער איז איר אייניקל יעקב, וועלכן זיין מוטער רבקה און זיין פאָטער יצחק האָבן געשיקט קיין חרן. און ער וואַרט טאַקע איצט ביים ברונעם אויף רחלס קומען...

און אָט קומט אויך אָן רחל, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו זיין אַ וועג־וויזערין און פירערין פאַר שרהן אין גן־עדן. אַ קליין מיידעלע איז זי נאָך, כמעט אַ קינד.

...„און שרי האָט אַרומגענומען רחלען און זי געקושט און געזאָגט צו איר:

— אַזוי קליין ווי די ביזט, אַזויפיל חן האָסטו. דער חסד פון גאָט שיינט אַראָפּ פון דיר. איך דאַנק דעם הייליקן, וואָס ער האָט באַשטימט אַ קליין קינד צו זיין די באַשיצערין פון מיינע קינדער. קינדער זענען נענטער צו גאָט. און דורך דיין חן וועסטו געווינען גאָטס האַרץ פאַר מיינע קינדער. דורך דעם חסד, וואָס גאָט האָט דיך געבענטשט, וועסטו ברענגען דאָס געוויין פון מיינע קינדער פאַר דעם הייליקן.

און דאָס טרעפן זיך פון דער יונגער שרה מיט איר צוקונפטיקן אייניקל רחל, פאַרענדיקט אַש אַזוי:

„און רחל האָט אָנגענומען שרהן מיט איר קליין הענטל און האָט זי אַריינגעפירט צו אַלע קוואַלן אַרום וועלכע עס האָבן גערוט די ווייסע שעפּעלעך. און זי האָט שרהן אָנגעוויזן אויף די נשמות פון די שפּעטער־דיקע דורות... פון אַלע די וואָס וועלן אויסגיין אויף קידוש השם פון גאָטס נאָמען וועגן און פון אַלע וואָס וועלן געפּייניקט ווערן"

...„מענער, ווייבער און קינדער וואָס וועלן פאַרשניטן ווערן — —"

...„און שרה האָט זיי געקושט און געבענטשט און פאַרזיכערט זיי, אַז זי וועט זיין מיט זיי אין זייער נויט, אין דער שעה פון זייער טויט, און וועט אָפּנעמען די נשמות פון אַלע גערעכטע און וועט זיי ברענגען ווי מתנות פאַר גאָט, אַז זיי זאָלן לויכטן ווי ליכטער פאַר זיין הייליקן שטול".

דאָס ערשטע ים-באָד

1. 6. 57

אַריינקומענדיק היינט פאַרמיטאָג אין אַשס געסל, האָב איך געזען פאַר דעם הויז פון אַשן שטיין אַן אויטאָ. מאַטילדאַ אַש האָט מיך געזען גיין דורכן פענצטער און איז מיר אַנטקעגנגעקומען ביז צום גאָרטן־צוים. זי האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל צוגיין צום ים און ברענגען אַשן. ס׳וואַרטן אויף אים געסט: העמלין מיט דער פרוי.

— אַש איז אַוועק צום ים מיטן דאָקטער — דערציילט זי מיר אַ צופרידענע — דער דאָקטער האָט אים ענדלעך דערלויבט זיך צו באָדן אין ים. נאָר נישט אַליין, עמעץ מוז מיט אים תמיד מיטגיין אין וואַסער אַריין.

— דערהערנדיק דעם „פּריישפּרוך״, האָט אַש אַ כאַפּ געטון דעם דאָקטער ביים אָרעם און אים מיטגעשלעפּט צום ים, אַז ער, דער דאָקטער אַליין, זאָל טאַקע זיין דער „טויף־פּאָטער״ ביים ערשטן באָד...

ביים ים האָב איך דעם דאָקטער מער נישט געטראָפן. אַש איז געזעסן אויף אַ לייוונטענעם ליג־שטול מיט דעם „יעקי״ ב. באַלד זענען זיי ביידע אַריין אין וואַסער. איך בין געשטאַנען פון ווייטן און אַשן באָאָבאַכט. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פויגל, פאַר וועלכן מ׳האָט פּלוצעם געעפנט דאָס טירל פון ענגן שטייגל און אים געלאָזט אויף דער פריי. ער האָט זיך געפּליאָשקעט מיט די הענט, געשווומען אויפן רוקן, געמאַכט קונצן ווי אַ ייִנגל, זיך גאָרנישט געקענט געזעגנען מיטן וואַסער.

ער איז אַרויס פון וואַסער מיט אַ שטראַלנדיק פּנים פון פרייד און נצחון. ער מעג זיך באָדן! דאָס הייסט, אַז ער איז שוין געזונט, אינגאַנצן געזונט!

אין אָט דער גוטער שטימונג האָט ער, אהיים קומענדיק, באַגריסט די געסט. דער שמועס איז באַלד געוואָרן אַ נישט־געצוווּנגענער. אַש האָט דערציילט פאַרשידענע אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן, באַגעגענישן מיט פאַר־שידענע טיפּן מענטשן אויף זיינע פילע רייזעס. דאַן האָט ער גערעדט וועגן דער שעדלעכער טענדענץ ביי אונדז, אָפּצוקערן זיך פון גלות, צו פאַרלייקענען און צונישט צו מאַכן די טויזנטיעריקע רייכע קולטור וואָס דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום האָט געשאַפן. ער האָט דערציילט וועגן איינעם, וואָס אין דער אַלטער היים איז ער געווען אַ שיינגייסט, אַן אידע־אַליסט, אַ מענטש מיט אַ סך ליבשאַפט צו יידישער שפּראַך און ליטעראַ־טור, האָט אַ סך געלייענט, געלערנט. היינט פאַרנעמט ער אַ הויכן מלוכה־פּאָסטן אין דער מדינה, האָט באַקומען אַ גביריש בייכל... האָט פיינט אַלץ וואָס דערמאַנט אין יידיש, אין אַלטער טראַדיציאָנעלער יידישקייט, אין דער אַלטער היים. היינט זענען זיינע איינציקע „אידעאַלן": געלט און כבוד...

אַז די געסט האָבן זיך אויפגעהויבן אויף צו גיין, האָט די פרוי העמלין אַרויסגענומען פון טאַש אַ דין פּעקעלע, אויפגעוויקלט דאָס פּאַפּיר און דערלאַנגט דער פרוי אַש אַ ווייסע זיידן־בלוזע אַלס מתנה. מאַטילדאַ אַש האָט זיך מיט דער בלוזע זייער דערפרייט. זי האָט די פרוי העמלין אַרומגענומען, זיך מיט איר צעקושט און אויסגערופן:

— פונקט אַזאַ בלוזקע האָב איך געדאַרפט האָבן!

און אויך איך האָב פון פרוי העמלין באַקומען אַ מתנה: אַ שאַכטל טייערע אַמעריקאַנישע פּאַפּיראָסן.

דאָס געזאַנג פון טאָל תשי״ז *)

דער גרויסער און רייכער קיבוץ עין־חרוד, וואָס ליגט אין עמק יזרעאל, צופוסנס פון גלבוע־באַרג, האָט דעם היי־יאָריקן חג הבכורים פאַרבונדן מיט נאָך אַ יום־טוב: מיט דער פייערונג פון שלום אַשס בוך „דאָס געזאַנג פון טאָל״, וואָס איז נישט לאַנג דערשינען אין העברעישער איבערזעצונג.

דער קיבוץ האָט אויף דעם טאָג פאַרבעטן דעם גרויסן שרייבער, כדי צוזאַמען מיט אים צו פייערן דעם יום־טוב און פערזענלעך צו דאַנקען דעם מייסטער, וואָס האָט אויף זיין צויבער־אינסטרומענט אַלס ערשטער אויס־געשפּילט דאָס ליד פון עין־חרוד.

שלום אַש איז אין עין־חרוד אַן אייגענער. איז ער דאָך געשטאַנען ביים וויגל פון דעם קיבוץ און אין „געזאַנג פון טאָל״ פאַראייביקט יענע ערשטע קליינע פּיאָנערן־גרופּע, וואָס האָט מיט 36 יאָר צוריק זיך עקשנות־דיק איינגעגראָבן אין די טויט־ברענגענדיקע זומפּן פון עמק און כמעט מיט די בלויזע הענט פאַרוואַנדלט דעם „עין־המות״, דעם קוואַל פון טויט — ווי די אַראַבער האָבן דעם זומפּ גערופן, אין אַ קוואַל פון לעבן. די טויזנט־יעריקע קללה, וואָס איז געהאָנגען איבער די זומפּן פון עמק, האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין אַ ברכה. וואָס די אַראַבער האָבן נישט געקענט באַוויזן דורך פילע יאָרהונדערטער, האָט אַ גרופּע פון פערציק יידישע בחורים און מיידלעך באַוויזן אין געציילטע עטלעכע יאָר — דורך זייערע צעפלאַ־קערטע האָרע־טענץ...

---

*) דעם 5־טן יוני 1957 (שבועות תשי״ז) בין איך מיט די אַשס מיטגעפאָרן קיין עין־חרוד צום חג הביקורים. אין דעם רעפּאָרטאַזש (געווען געדרוקט אין „לעצטע נייעס״ פונעם 17־טן יוני) ווערט דער דאָזיקער אויספלוג באַשריבן.

דערשטוינטע — דערציילט אַש אין זיין בוך — זענען די אַראַבער אין די פינצטערע נעכט געזעסן אין זייערע ליימענע קיביטקעס אויפן אַקעגנאיבער־ליגנדיקן בערגל, זיך צוגעהערט צו די הילכיקע געזאַנגען פון טאָל, געשאָקלט מיט די קעפּ און נישט געקענט פאַרשטיין: לויט זייערע אויסרעכענונגען האָבן די דאָזיקע פרעמדע יאַהודס שוין לאַנג גּעדאַרפט אויסשטאַרבן פון די שרעקלעכע מגיפות, אָדער לכל הפחות האָבן זיי איינציקווייז געדאַרפט דערטרונקען ווערן אין די טיפע זומפּן... נישט אַנדערש, האָבן זיי געטראַכט, ווי די דאָזיקע „מאָסקאָוויטן" האָבן פון זייערע ווייטע היימען מיטגעבראַכט אַ כּישוף, און מיט די טענץ און געזאַנגען האָבן זיי פאַרכישופט די זומפּן, מנצח געווען דעם טויט.

אַשס העלדן פון „געזאַנג פון טאָל" זענען נישט קיין אויסגעטראַכטע, נאָר לעבעדיקע מענטשן, וועלכע ער און אַ סך האָבן פּערזענלעך געקענט און קענען. די נעמען זייערע זענען אפילו נישט שטאַרק פאַרענ־דערט. און יעדעס מאָל, ווען אַש האָט באַזוכט דאָס לאַנד, איז זיין ערשטער וועג געווען — עין־חרוד, צו זען זיך מיט זיינע העלדן, שעפּן נחת פון זייערע קינדער, זייערע אייניקלעך, מיט וועלכע ער האָט זיך צונויפגעג־שמועסט מיט זיין באַרימטן אשכנזישן לשון־קודש, וואָס איז פאַר זיי פונקט אַזוי פאַרשטענדלעך געווען ווי פאַר אַשן זייער סאַבריש עברית...

אַכט אַזייגער אין דער פרי פאָרן מיר אַרויס פון בת־ים. פינף אירע: שלום אַש מיט דער פרוי, אַ באַפריינדעטע משפחה פון די אַשס (טאָקע אין זייער אויטאָ) און דער שרייבער פון די שורות. דאָס וועטער איז גאָרנישט קיין ארץ־ישראלדיקס. דער טאָג איז אַן אַנגענעמער, אַ מילדער אייראָפּעישער שבועות־טאָג. פון חדרה פאַרנעמט זיך דער אויטאָ אין מזרח־צפונדיקער ריכטונג. מען דאַרף ביי זיך נישט האָבן קיין ישראלדיקע מאַפּע, כּדי צו וויסן ווו עס הייבט זיך אָן דער עמק. דער עמק לעגיטימירט זיך שוין פאַר אייך אַליין — מיט זיין רחבות, מיט זיינע שמעקעדיקע צעגרינטע פעלדער, מיט זיינע זאַפטיקע קאָלירן, מיט זיינע גאָלדענע תבואה־סנאָפּעס, וואָס ליגן צעשפּרייט איבער די ווייטע פעלדער. ער לעגיטימירט זיך פאַר אייך מיט דעם ריח און דער ברכה פון זיין שוואַר־צער ערד.

אַש, וואָס איז ביז אַהער געזעסן אַ שווייגנדיקער, ווערט איצט רעדעוודיק.

— איר זעט, אַט דאָס אַלץ — מאַכט ער מיט דער האַנט אַ ווייטן בויגן איבער דעם בליענדיקן אַרום — אַט דאָס אַלץ איז געווען איין טיפער זומפּ. דאָס איינציקע „גרינס" וואָס האָט „געבליט", זענען געווען די זומפּ־פּלאַנצן. אין יאָר 1914 — דערציילט אַש — איז ער דאָ געווען צוזאַמען מיט כאַנקינען און מישו פּאָלאַק (דעם איצטיקן באַזיצער פון דער צעמענט־פאַבריק „נשר"), וועלכע האָבן צוזאַמען מיטן באַראָן ראָטשילד פּראָיעק־טירט צו קויפן דעם עמק. געגאַנגען (אָדער געריטן אויף פערד) איז מען לענגאויס די בערג, ווייל אין טאָל איז קיין וועג נישט געווען.

פון דעם פּראָיעקט איז גאָרנישט געוואָרן. דער באַראָן האָט אָפּגע־ראָטן פון קויף, ווייל ער איז געוואויר געוואָרן אַז דער רוסישער קאָנסול, וועלכער האָט זיך פון דעם פּראָיעקט דערוווסט, האָט נאָר געוואַרט דערויף, אַז דער רוסישער בירגער פּאָלאַק זאָל דעם עמק קויפן, כדי די רוסישע קייסערין זאָל האָבן ווו אויפצושטעלן אירע פּראָיעקטירטע פּראַוואָסלאַוונע מאָנאַסטירן...

ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום האָט דעם עמק אָפּגעקויפט דער קרן קימת.

דער ריזיקער חדר האכל איז געפּאַקט מיט אַ טויזנט־קעפּיקן עולם. און אַז דער באַרימטער גאַסט מיט דער פרוי באַווייזן זיך אין דער ברייטער איינגאַנג־טיר, געפירט פונעם ספּעציעלן אויפנעם־קאָמיטעט, ברעכן אויס דונערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן. קינדער דערלאַנגען בלומען. דאַן קומען די אָפיציעלע באַגריסונגען. איין רעדנער נעמט אַרויס פון אַ קאַסעטע אַ שיין איינגעפּאַקט פּעקל און ווייזט דעם עולם שלום אַשס מאַנוסקריפּט פון „געזאַנג פון טאָל", וואָס דער מחבר האָט געשענקט דעם קיבוץ. אַ צווייטער לייענט פאָר אַ פראַגמענט פון „שירת העמק" — וואָס באַשרייבט די גרינדונג פון עין־חרוד. אַ מיידעלע דערלאַנגט אַשן די ערשטע ביכורים, אַ קייבערל „משמני־הארץ" — האָניק, זיתים, פרוכטן און גרינוואַרג.

ביים דערשיינען פון „געזאַנג פון טאָל" אין עברית, איז אַנטשטאַנען אַ וויץ: אַז אַשס אַמאָליקע העלדן, און היינטיקע גראָב־בייכיקע עסקנים, וואָס זיצן זיכער אויף הויכע מלוכה־פּאָסטנס — ווען נישט צופרידן זיין וואָס אַש דערמאַנט זיי אין זייער חטאת־נעורים... אויף ווער — אָבער אויף עין־חרוד איז דער דאָזיקער וויץ גאָרנישט צוגעפּאַסט. אשס העלדן האָבן אויף קיין רגע נישט פאַרלאָזט זייער קיבוץ. אַ סך שטייען נאָך היינט ווי געטרייע זעלנער אויף זייערע פּאָזיציעס. און אַ סך זענען געפאַלן ווי גבורים אין העראָישן קאַמף פאַר יידישער גאולה און שלאָפן דעם אייביקן שלאָף צופוסנס פונעם גלבוע...

אָט איז אַשס פּראָטאָטיפּ פון כיימאָוויטש:

ער האָט דעם לאַנד מקריב געווען דאָס טייערסטע און הייליקסטע וואָס ער האָט פאַרמאָגט: זיינע איינציקע צוויי זין. זיי האָבן גע־קעמפט ווי לייבן קעגן יידישן שונא און געפאַלן ווי העלדן פאַר יידישער פרייהייט. און אויך זיין חברטע און אידעאַלע לעבנס־באַגליי־טערין איז פון אים אַזוי פרי אָוועקגעריסן געוואָרן. די „חברטע שרה" הייסט זי ביי אַשן. אין דער אמתן האָט זי געהייסן רחל. רחל די ווירטשאַפטלערין, שוועסטער און מוטער פון דער גאַנצער גרופּע. ווי אַ־ער תנכישע שוועסטער, די מוטער רחל, איז זי געשטאָרבן יונגערהייט, און ווי יענע — אין מיטן וועג, אויפן וועג, וואָס האָט דערפירט צום היינטיקן עין־חרוד.

כיימאָוויטשס רוקן איז אַביסל געבויגן, זיינע האָר זענען גרוי געוואָרן. אָבער ער איז נישט איינגעבראָכן. זיינע אויגן לויכטן נאָך אַלץ מיט דעם זעלבן עקשנותדיקן פייער ווי מיט זעקסאונדרייסיק יאָר צוריק.

און אָט איז דער ערשטער שוסטער פון יענער ערשטער קליינער גרופּע. „יוחנן הסנדלר" האָט מען אים גערופן. אַ פריילעכער, אַ לעבעדי־קער געווען און פלעגט דערציילן טשעקאַווע מעשיות פון זיינע ניקאָלאַיע־ווער סאָלדאַטן־יאָרן. זיין גרויער קאָפּ איז אין אַ בולטער סתירה צו זיינע יונגע לעבעדיקע אויגן, זיין הומאָר און באַוועגלעכקייט.

נאָך אַשס אַ העלד האָב איך געזוכט אין היינטיקן עין־חרוד, געזוכט

און מער נישט געפונען: יאָסל יודקעוויטש *), יענעם הינקענדיקן בחור וואָס פלעגט צוליב זיין מום נישט קענען מיטטאַנצן קיין האָראַ. דערפאַר האָט ער עפּעס אַנדערש געקענט און באַוויזן: ער האָט זיך איינמאָל איינגעשטעלט דאָס לעבן און זיך געלאָזט גיין דורך די זומפּן (כדי אָפּצוקירצן דעם וועג) צו אַ גענוג ווייטן דעמאָלט יידישן פונקט, כדי אַהיים צו ברענגען פאַר דער גרופּע אַ פלעשל נאַפט. אונטערוועגס, שטייענדיק ביז צו דער ברוסט אין די זומפּן, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ — ווילדן חזיר, זיך מיט אים געראַנגלט און אים מיט זיין שטעקן געטויט. דאָס קאַפּיטל הייסט ביי אַשן: „יאָסל יודקעוויטש כשרט דעם עמק". יאָסלס העלדנטאַט איז זיכער נישט קיין קלענערער ווי יעקב אבינוס, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט אַ מלאך און אים בייגעקומען: וואָרום אַ מלאך, ווי ווילד ער זאָל נישט זיין, איז פאָרט נישט קיין חזיר...

נאָכן מיטאָג־עסן און נאָך די צוויי שעה אָפּרו האָט מען די געסט אַרומגעפירט, זיי געוויזן די ניי־צוגעקומענע אַנשטאַלטן, אינסטיטוציעס, פאַבריקן, די צוויי מוזעאומס, וואָס האָבן זיך גאָרנישט וואָס צו שעמען פאַר די מוזעאומס פון גרויסע שטעט.

נאָך די בכורים־פייערונגען האָט שוין אָנגעהויבן צו דעמערן. שלום אַש און מאַטילדא האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיטן קיבוץ און זענען איינגעשטיגן אין אויטאָ, באַלאָדן מיט בלומען, מיט מתנות און באַגלייט מיט דעם געזאַנג פון טאָל, וואָס האָט זיך אין משך פון דריי צענדליק יאָר פאַרוואַנדלט אין אַ סימפאָניע, וואָס נאָר אַ צוויי טויזנט־יעריקע יידישע בענקשאַפט האָט געקענט אויסקאָמפּאָנירן.

---

*) דאָס קאַפּיטל ווו אַש באַשרייבט דעם טויט פון יאָסל יודקעוויטש הייסט: „יאָסל יודקעוויטש הייליקט דעם עמק".

דער זעלטענער עקזעמפּלאַר

נאָכדעם ווי מיין רעפּאָרטאַזש איז געדרוקט געוואָרן, האָט מיך מאַטילדאַ אַש אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז איך האָב אין מיין אַרטיקל פאַר־געסן צו דערציילן וועגן דעם זעלטענעם עקזעמפּלאַר „דאָס געזאַנג פון טאָל", וועלכעס אַש האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געשענקט דעם קיבוץ עין־חרוד און וואָס איז געוויזן געוואָרן דעם טוריזנט־קעפּיקן קיבוץ־עולם ביים קבלת־פּנים פון אַשן.

יאָ, איך האָב וועגן דעם פאַרגעסן צו דערציילן, און איך טו דאָס אַצינד, ווי אַ דערגאַנצונג צו יענעם רעפּאָרטאַזש.

די טראַגישע געשיכטע וואָס איז פאַרבונדן מיט יענעם עקזעמפּלאַר, האָט דאָס בוך פאַרוואַנדלט אין אַ הייליק ספר. און אַש האָט זיין ווערט ריכטיק אָפּגעשאַצט, ווען ער האָט דאָס בוך געשענקט דעם קיבוץ, ווי אַ טייערע מתנה.

אָט איז די געשיכטע פון דעם דאָזיקן בוך:

נאָך דער לעצטער מלחמה האָט אַש באַקומען דורך פּאָסט פון אַן אומבאַקאַנטן יידן אַן עקזעמפּלאַר „דאָס געזאַנג פון טאָל". די טאָוולען פון בוך זענען געווען צעפליקט, די בלעטער האַלב־צעריסן, צעקנייטשט און פאַרגעלט, מיט סמנים פון אַ סך ברודיקע פינגער און מיט פלעקן פון אַ סך — טרערן.

אין זיין בריוו שרייבט דער ייד אַשן, אַז אין דעם לאַגער ווו ס'זענען געווען פאַרשפּאַרט עטלעכע הונדערט יידן, האָט מען דאָס בוך (דאָס איינ־ציקע יידישע אין לאַגער) אויסבאַהאַלטן פאַר דער געסטאַפּאָ, עס געהיט ווי די אויגן אין קאָפּ. דאָס בוך איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, יעדער וואָס האָט עס געלייענט, האָט עס באַנעצט מיט הייסע טרערן, און געבעטן

צו גאָט, אַז ער זאָל איבערלעבן דעם בלוט־מבול און זוכה זיין צו באַ־טרעטן די הייליקע ערד, וועלכע אַש באַזינגט אין דעם בוך.

דאָס בוך איז געוואָרן דער סידור פון וועלכן די לאַגער־יידן האָבן געדאַוונט, געשעפּט פון אים טרייסט און האָפענונג. נאָר מיט יעדער וואָך, מיט יעדן טאָג זענען די „דאַוונער" אַלץ ווייניקער געוואָרן, ביז — — —

צוריקגעבליבן זענען בלויז עטלעכע יידן. זיי האָבן מיט זיך מיטגע־נומען דאָס ספר, וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן דורך די טרערן פון אַזויפיל קדושים.

„און וואָס טוט עפּעס מיין פריינד שניאור"...

16. 6. 1957

אין די שטיבער ביי די אַשס איז אַ גאַנצע איבערקערעניש. די ווענט זענען נאַקעט, אָן אַלע קונסט־בילדער. עס פעלט אויך עפּשטיינס סקולפּטור פון אַשס ביוסט אין בראָנז, וואָס איז געשטאַנען אין אויפנעם־צימער. מען האָט די אַלע קונסט־ווערק נאָך נעכטן אַוועקגעפירט אין תל־אביבער מוזעאום, ווו די זאַכן וועלן אויסגעשטעלט ווערן ביז די אַשס וועלן אין האַרבסט צוריקקומען פון לאָנדאָן.

די שטיבער זענען פול מיט רענצלעך, פּעקלעך, רייזע־טעשלעך. אויף די גרויסע שרייב־טישן ליגן אָנגעלייגט עטלעכע צענטלינק ביכער, וועלכע גייען־מיט קיין לאָנדאָן — „רוי־מאַטעריאַל" פאַר דעם ראָמאַן „אברהם און שרה".

אַז איך בין אַריינגעקומען, האָט מיר אַש איבערגעגעבן אויף איבער־צושרייבן אַ פרישן קאַפּיטל פון זיין ניי־אָנגעהויבענעם ראָמאַן „אברהם און שרה" און מיר געזאָגט:

— איצט דאַרפט איר אויף אַ צייט אינגאַנצן פאַרגעסן אין „יעקב און רחל", איצט גייט אַ סדרה „אברהם און שרה".

ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט זיין אויטאָ פאַרקויפט. און נאָך אַ נייעס האָט ער מיר דערציילט: אַז ער האָט געקויפט דעם מגרש וואָס גרעניצט זיך רעכטס פון זיין הויז. ער האָט געגעבן אַן אַדערויף טויזנט פונט. וויבאַלד ער וועט צוריקקומען, האָט ער געזאָגט, וועט ער זיך אַ נעם טון צו דעם פּלאַץ: פלאַנצן בוימער — פרוכט־בוימער, נאָדל־בוימער, טאָפּאָליעס...

איך האָב אים געפרעגט צי ער וויל נישט אַביסל אַרויסגיין שפּאַ־צירן. ניין, היינט האָט ער נישט קיין צייט, ערשטנס דאַרף ער זיין ביים

פּאַקן. דאַן דאַרף באַלד קומען דער אַרכיטעקט. ער דאַרף נאָך מיט אים נאָך אַמאָל רעדן פאַרן אַוועקפאָרן...

פלוצעם גיט מיך אַש אַ פרעג:

— און וואָס טוט עפּעס מיין פריינד שניאור? איצט וועט ער זיכער זאָגן אַז איך פאָר אַוועק ווייל ער איז געקומען. אַז איך אַנטלויף פאַר אים...*)

איך האָב אים דערציילט דעם אַנעקדאָט וואָס איך האָב נאָר־וואָס געלייענט אין אַ היגער צייטונג: אַפשטייגנדיק פון אייראָפּלאַן אין לוד, איז זלמן שניאור אריין אין רעסטאָראַנט פון פלי־פּלאַץ און באַשטעלט אַ גולאַש. אַז דער קעלנער האָט אים געבראַכט דאָס עסן, האָט שניאור געפרעגט צי דאָס פלייש איז כשר. דער קעלנער איז אַוועק און איז באַלד צוריקגעקומען מיטן משגיח, אַ ייד מיט באָרד און פאות, וועלכער האָט שניאורן פאַרזיכערט, אַז פון דעם זעלבן פלייש האָט די וואָך אויך געגעסן — שלום אַש...

ביידע, שלום און מאַטילדאַ אַש, האָבן שטאַרק געלאַכט פון דעם וויץ.

*) זלמן שניאור איז דעמאָלט נאָר־וואָס געהאַט צוריקגעקומען פון אַמעריקע, ווו ער האָט אַ לענגערע צייט געוויילט.

דער לעצטער שפּאַציר

18. 6. 957

היינט פליען די אַשס אָפּ קיין לאָנדאָן. איינס אַזייגער מיטאָג קומט דער באַשטעלטער אויטאָ זיי נעמען צום פלי־פּלאַץ. אַלע פּעק און שווערע טשעמאָדאַנעס האָט די טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט נאָך נעכטן אַוועקגענומען. געבליבן זענען בלויז די לייכטע האַנט־טאַשן וואָס די אַשס נעמען מיט זיך מיט.

ס׳איז אַ נאַקעטקייט אין די שטיבער! פון די ווענט זענען די בילדער פאַרשוווּנדן, פון די פּאָלן — די טעפּיכער. מ׳האָט זיי אַלע איינגעפּאַקאָלירט, צונויפגעוויקלט און אַוועקגעלייגט. די דיוואַנעס און פאָטעלס מיט זייערע פיל־קאָליריקע מאָלערישע פּוטערס זענען איבערגעדעקט איבער די קעפּ מיט דעקן, ווי טויטע...

אַש האָט אין די לעצטע עטלעכע טעג פיבערהאַפט געאַרבעט. איצט האָט ער נישט וואָס צו טון. די נאָטיץ־ביכער, מאַנוסקריפּטן, שרייב־רעקווי־זיטן, די נויטיקע ביכער — אַלץ איז שוין פאַרפּאַקט. האָט ער ביי מיין אַריינקומען גענומען דעם שטעקן און געזאָגט:

— קומט, כ׳וויל מיך געזעגענען מיט בת־ים...

דער ערשטער וועג איז געווען צו דער פּאָסט. דאָן האָב איך אים באַגלייט צו „זיין" באַנק (בנק לאומי סניף בת־ים). ס׳איז זעלטן פאָרגעקו־מען, אַז אַש זאָל אויף זיינע טעגלעכע שפּאַציר־גענג נישט געווען אָפּטרעטן אין דער באַנק. דער דירעקטאָר פלעגט אים שוין תמיד אַריינבעטן צו זיך און אים אונטערטראָגן אַ שטול. די מייסטע באַנק־באַאַמטע (און דער דירעקטאָר בתוכם) קענען נישט קיין יידיש, האָבן זיי צו אַשן גערעדט ענגליש. נאָר אַש האָט מיט זיי נישט אַנדערש געוואָלט רעדן ווי נאָר — העברעיש, זיין אשכנזישן העברעיש, וועלכעס זיי האָבן נאָר מיט גרויס מי־

פאַרשטאַנען. דאַן זענען מיר אַריין אין דער שדרה. קינדער זענען געגאַנגען פון די שולן און אים אַקעגנגעטראָגן דעם „שלום". ער האָט זיך מיט יעדער גרופּע אָפּגעשטעלט, פאָטערלעך געשמייכלט, געגלעט איבער די קעפּלעך און אַוועקגייענדיק, אַלעמען צוגערופן: שלום ילדים! להתראות!...

אַהיימקומענדיק, איז שוין מאַטילדאַ אַש געווען רייזע־פאַרטיק. באַלד איז אויך פאַרן הויז פאָרפאָרן אַן אויטאָ.

— דאָס מיינט מען אונדז, האָט זי געזאָגט און זיך מיט מיר געזעגנט.

— היט אָפּ דאָס געזונט, פאַנער, רויכערט ווייניקער! — האָט זי מיר אָנגעזאָגט און איז אַריין אין אויטאָ. און אַש האָט מיר נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל אָנגעזאָגט:

— ווי נאָר איר וועט איבערשרייבן דעם מאַנוסקריפּט, זאָלט איר מיר תיכף אַריינשיקן אַ קאָפּיע צוזאַמען מיטן כתב־יד. און למען השם; רעקאָמאַנדירט! און לופט־פּאָסט! און איך וועל אייך פון דאָרט שיקן ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

— איר האָט מיך פאַרשטאַנען?

— יאָ.

— און מיין לאָנדאָנער אַדרעס האָט איר געווי פאַרשריבן?

— פאַרשריבן.

— נו, זייט געזונט.

— פאָרט געזונט, שלום אַש, און קומט געזונטערהייט צוריק...

דער אויטאָ רירט זיך פון אָרט, הייבט זיך אָן דערווייטערן. איך זע נאָך שלום אַשס פאָכענדיקע האַנט וואָס ענטפערט מיר אויף מיין צוויינקען אים.

אין גאָרטן פון די אַשס שפּריצן ממתרות ווי קליינע פאָנטאַנען. דער גערטנער וועט דאַרפן ווייטער פלעגן די יונגע בוימעלעך, די בלומען און גראָזן. ווערן זיי איצט באַגאָסן. דער גרינער גראָז־טעפּיך איז נאַס און שמעקעדיק. שרה גייט צוריק אַריין אין שטוב. די שליסלען וועט זי שפּעטער דאַרפן איבערגעבן די בן־אריס. (איצט זענען זיי געפאָרן צום פלי־פּלאַץ.)

איך בלייב שטיין אין גאָרטן און ווייס נישט וואָס צו טון. אַהיימגיין? אויך אַריינגיין אין שטוב? נאָר וואָס וועל איך טון אין די ליידיקע צימערן?

די ערשטע און לעצטע בריוו

27. 6. 1957

היינט באַקומען פון אַשן דאָס ערשטע פּעקל שריפטן און דעם ערשטן בריוו פון לאָנדאָן (לופט־פּאָסט, רעקאָמאַנדירט). אין פּעקל 7 קאַפּיטלעך פון ראָמאַן... „יעקב און רחל". וועגן „אברהם און שרה" — קיין וואָרט. נאָך דעם לאַנגן „געשעפטלעכן" טייל שרייבט מיר אַש:

„מיר האָבן נישט געהאַט קיין גוטע רייזע קיין לאָנדאָן. מיר האָבן פאַרלוירן אַ זאַק מיט אַלע אונדזערע שיך. מיין פרוי גלויבט, אַז מיר האָבן דעם זאַק מיט שיך איבערגעלאָזט אין דער היים. מיר האָבן נישט געהאַט קיין צייט אַרומצוקוקן זיך וועגן אונדזער געפּעק אין לוד. מיר זענען אָנגעקומען צו שפּעט און עס האָבן געוואַרט אויף אונדז פיל מענטשן, וועלכע האָבן צוגענומען מיינע חושים. איצט גייען מיר בלויז אין די שטעקשיך און וואַרטן אַז מיר זאָלן באַקומען אַ פּאָר שיך פון אַ שוסטער.

„איך האָב פאַרטיק ביז קאַפּיטל 12, נאָר איך וואַרט ביז איך וועל באַקומען פון אייך אַ ידיעה אַז איר האָט דערהאַלטן די 7 קאַפּיטלעך. שיקט מיר אַ טעלעגראַם. איין וואָרט: דערהאַלטן. וואָרעם איך וועל נישט רויק זיין ביז איך וועל נישט באַקומען פון אייך דעם טעלעגראַם. און שרייבט מיר, אויב איך זאָל אייך דעם מאַטעריאַל שיקן דירעקט (צו אייך) אָדער שיקן דעם מאַטעריאַל צו בן־ארי?"

זיין צווייטן בריוו האָב איך באַקומען דעם 4־טן יולי. ער שרייבט צווישן אַנדערן:

„ליבער פריינד פּאַנער,

באַקומען אייער לאַנגן בריוו מיט דריי איבערגעשריבענע קאַפּיטלען. איך באַדויער זייער, וואָס איר האָט נעבעך געאַרבעט בחינם. איר זאָלט וויסן זיין אַ כלל ביים שרייבן: אַזוי לאַנג ווי דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך

ניִשט אין דרוק, האָט דער שרײַבער אַ חוב (?) און אויך אַ רעכט דעם מאַנוסקריפּט איבערצואַרבעטן. אַ מאַנוסקריפּט איז דאָך נישט קיין בוך. איר זאָלט זיך נישט ווונדערן, וואָס איך האַלט אין איין ענדערן. דאָס איז מײַן טבע פֿון שרײַבן. ווען איר ווילט מיר העלפֿן, מוזט איר נאָכגיין מײַנע טריט.

אַלזאָ צום ענין:

עס איז אמת וואָס איך האָב אײַך געזאָגט, אַז איך האָב אין זײַנען געקוקט, און האָב אײַנגעזען אַז איך דאַרף דעם מאַטעריאַל איבעראַרבעטן. האָב איך מיך איבערלײַגט".

..."איך האָב אַהײמגענומען דעם צווייטן טייל און האָב אים איבער־געקוקט און האָב אײַנגעזען אַז איך דאַרף דעם מאַטעריאַל איבעראַרבעטן. די ערשטע 6 קאַפּיטלען זענען גוט, האָב איך זיי פֿאַרריכט און אײַך באַלד אַרײַנגעשיקט. עס איז געוואָרן דערפֿון 7 קאַפּיטלען".

..."איך האָב שוין נאָך 7 קאַפּיטלען. אָבער די נײַע 7 קאַפּיטלען באַשטייען פֿון אַ גאַנץ אַנדערן מאַטעריאַל. גאַנץ נײַע פֿון דעם וואָס איר האָט איבערגעשריבן. איר מוזט דאָס אינגאַנצן אויפֿסניי איבערשרײַבן. עס וועט יעצט זײַן איין אײנציק בוך: "יעקב און רחל". און דאָס מאַטעריאַל וועגן "אברם און שרי" אין אַ גאַנץ אַנדערע פֿאָרם, וועט ווערן אַרײַנגענו־מען אין בוך פֿון "יעקב און רחל".

..."אַלזאָ ווונדערט זיך נישט, וואָס איך האָב נישט געשאַנעוועט מײַנע כוחות, און דורך דער גאַנצער צײַט וואָס איך בין דאָ האָב איך געאַרבעט דערויף סײַ באַטאָג און סײַ באַנאַכט. מוזט איר מיר נאָכגיין. איך שרײַב אַ בוך און דאָס בוך מוז אַרויסקומען ווי איך וויל. דאָס איז, מײַן פֿרײַנד, נישט קיין "שטיק־אַרבעט". איר קענט זען וויפֿל אַרבעט עס ווערט אַרײַנגעבראַכט אין אַ בוך. אַלזאָ, פֿאַרגעסט אין דעם וואָס איר האָט איבערגעשריבן. דאָס אַלעס וועט גיין פֿאַרלוירן".

..."די 7 קאַפּיטלען פֿון צווייטן טייל האָט איר בײַ זיך, שרײַבט זיי איבער אויפֿסניי. אין 3 עקזעמפּלאַרן. ווען איר וועט מיר אַרײַנשיקן (צו) איין עקזעמפּלאַר פֿון די 7 קאַפּיטלען, וועל איך דורך דער צײַט אַרײַנשיקן נאָך 7 קאַפּיטלען".

...„דאָס בוך װעל איך פאַרענדיקן דורך (אין משך פון?) דעם זומער".

אַזוי זיכער איז ער געװען אַז ער װעט דעם ראָמאַן פאַרענדיקן דעם זומער, אַז ער האָט אפילו נישט געשריבן „אם ירצה השם", אַז גאָט װעט װעלן — — —

מאַטילדאַ אַש

זי איז קיינמאָל נישט געווען בלויז שלום אַשס פרוי, נאָר אין די אַלע יאָרן פון זייער צוזאַמענלעבן (אַן ערך 55 יאָר) איז זי אים געווען אויך מוטער און שוועסטער, חברטע און באַראָטערין, געשעפטס־פירערין און פּריוואַט־סעקרעטאַרקע. מיר שיינט אַז אַ סך כאַראַקטער־שטריכן פון דעם אַלטן גראָסמאַנס פּריוואַט־סעקרעטאַרקע סאָניאַ (אין דעם ראָמאַן „גראָסמאַן און זון") האָט אַש אַנטליען ביי זיין „סעקרעטאַרקע" מאַטילדאַ. זי האָט געפירט חשבון וועגן אַלע ליטעראַרישע ענינים, וועגן אַשס רייך־פאַרצווייגטע פאַרבינדונגען מיט פאַרלאַגן, צייטונגען, אינסטיטוציעס און יחידים. זי האָט אַלץ וואָס אַש האָט געשריבן — פון דעם גרעסטן ראָמאַן ביז דער קלענסטער דערציילונג — געקענט כמעט אויף אויסנווייניק. זי האָט ווי קיין אַנדערער מענטש אין דער וועלט, געקענט גרינטלעך זיין יעדן כאַראַקטער־שטריך, זיינע מעלות און חסרונות, זיינע סתירות און קאַפּריזן — קאַפּריזן אָפּט פון אַ פאַרפּיעשטשעט, פאַרבאַלעוועט נגידיש בן־יחידל, וואָס מעג אַלץ וואָס אים פאַרווילט זיך... זי איז פאַר אים געווען דאָס קליינע שיפל וואָס פירט אַריין דעם שווער־טאָניקן שיף־קאָלאָס אין זיכערן האַפן. אַש איז געווען קאַפּריזנע ווי אַן אַפּריל־וועטער. אָט וואָלקנדיק און שטורעמדיק און אָט זוניק און מילד. מאַטילדאַ אַש האָט פאַרשטאַנען צו צאַמען יעדן אויסברוך פון זיינע ליידנשאַפטן. איר „שלומשי, איך בעט דיך" האָט געהאַט דעם כּוח פון יענער לייבן־דרעסירערין, וואָס צווינגט מיט איר היפּנאָטישן בליק דעם ווילד־געוואָרענעם לייב זיך אַוועקצולייגן אַ געצוימטער און מילדער צו אירע פיס... אַלס טעגלעכער אַריינגייער (און אָפט צוויי מאָל אין טאָג) אין אַשס הויז, איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען בייצוווינען סצענעס ווו מאַטילדע אַשס „איך בעט דיך" האָט געווירקט ווי אַ כּישוף. אין יענעם פאַרמיטאָג, ווען אַש האָט מיר דיקטירט

צו צאַנינען דעם שוין דערמאָנטן בריוו וואָס האָט צונישט געמאַכט דעם פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ טייל פון זיינע ווערק אין יידישן אָריגינאַל — איז מאַטילדאַ אַש געווען אין תל־אביב. ווען זי איז צוריקגעקומען און זיך דערוווּסט וועגן דעם בריוו און זיין אינהאַלט, איז שוין געווען צו שפּעט. אַז אַש איז אויף אַ ווײַלע אַרויס פון שטוב, האָט מיר פרוי אַש געזאָגט:

— נישט געדאַרפט תיכף אָפּטראָגן דעם בריוו. געדאַרפט צוּוואַרטן ביז איך וועל קומען. איר קענט דאָך שוין אַשן...

אַ מאָביליזירטע מיט אַלע חושים, איז זי אייביק געשטאַנען אויף דער וואַך, צום שוץ און צום וווּל פון איר באַרימטן לעבנס־פריינד. אַ דאַנק איר פיינעם אינסטינקט, האָט זי תמיד געקענט אונטערשיידן צווישן דעם עכטן און געקינסטלטן וואָרט וועגן אַשן, צווישן אויפריכטיקער און אויסקאַלקולירטער פריינטשאַפט. זי האָט באַמערקט דאָס קלענסטע שפּרענקעלע, דאָס מינדעסטע שטויבעלע וואָס איז געפאַלן אויף אים. קלייניקייטן, וועלכע ער וואָלט קיינמאָל נישט באַמערקט, האָט זי, אין איר אייביקער וואַכזאַמקייט אַרום אים, דערזען. זי האָט למשל געקענט באַמערקן אַ צייטונגס־נאָטיץ ווו ס׳רעדט זיך וועגן „דעם שרייבער שלום אַש״, און דאָס זאָל זי פאַרדריסן. „ווי געשמאַקלאָז — האָט זי געזאָגט, צו געברויכן ביי שלום אַשן דעם עפּיטעט „דער שרייבער״!... ווען ס׳איז דערשינען אין אַ יידישער צייטונג מיין רעפּאָרטאַזש וועגן אַשס באַזוך אין עין־חרוד, האָט קיינער חוץ איר נישט באַמערקט, אַז דער רעפּאָרטאַזש (וועגן אַשן!) איז געדרוקט אויף די לעצטע שפּאַלטן פון דער לעצטער טעקסט־זייט... אַז דער באַוווּסטער שרייבער ישעיהו שפּיגל האָט ביי אַשן געבעטן אים באַשטימען אַ צייט פאַר אַ באַזוך, האָט נישט שלום, נאָר מאַטילדאַ אַש זיך דערמאָנט אַז „ער האָט וועגן אַשן זייער שיין געשריבן״. און אַש האָט אים תיכף פאַרבעטן אויף אַ באַזוך. ווען אַ „מעריב״־זשורנאַליסט האָט אַשן אינטערוויוט, האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז מאַטילדאַ זיצט דערביי אַן אומבאַטייליקטע, אַ גלייכגילטיקע צום גאַנצן שמועס. נאָר אַז דער זשורנאַליסט האָט אַשן געפרעגט זיין מיינונג וועגן דער פּאָליטישער לאַגע, איז זי כהרף־עין אַרויס פון איר „פּאַסיווקייט״ און זיך אָנגערופן: „פּליז, שטעלט אים נישט קיין פּאָליטישע פראַגן״...

ביי אַשס אָפּט ייִנגלישער אומבאַרעכנטקייט און אימפּולסיווקייט איז זי געווען די מוטער וואָס איבערוואַכט, האַלט אָפּ, אַמאָל מיט אַ גלעט אין קעפּל און אַמאָל אפילו מיט אַ צי ביים אויער... און אין שווערע טעג איז זי געווען דער האַרץ־פריינד וואָס טרייסט, מונטערט, שטאַרקט. זי האָט אָפּט ליב געהאַט אַריינצוגראָבן אַלע צען פינגער אין זיין געדיכטן, ווייכן, גרייז־גראָען קאָפּ האָר און אויסרופן: וואָל! ריינע וואָל!...

דעמאָלט איז זי געווען אויך די פרוי...

איך האָב אים נישט איינמאָל געטראָפן גיין אויף די שפּיץ פינגער: „מיין פרוי פילט זיך נישט גוט, זי שלאָפט".

איצט שלאָפט ע ר און זי וואַכט. נאָר ווען צו באַוואַכן האָט זי נישט. וואָס־זשע טוט זי איצט, מאַטילדאַ אַש, נאָך אַ פינף־און־פופציק־יעריקער „דינסט־צייט" מיט איר „פרייהייט"? וואָס טוט זי, ווען צו אירע אויערן דערגייען נישט מער די קלאַנגען „מאַדזשי", „מאַמעלע", מאַל־טשוכנא", און אירע ליפן פאָרמען זיך נישט מער, פון פרי ביז שפּעט, צו דעם וואָרט „שלומשי"?



אַשס כתב־יד (אַ בלעטל פון דעם נישט פאַרענדיקטן ראָמאַן „יעקב און רחל")



דער פֿאַריתומטער שרייבטיש.

די נישט געשריבענע צוואה

שלום אַש האָט נישט איבערגעלאָזט קיין צוואה. עס איז כמעט ווי זיכער, אַז ער האָט עס נאָר דערפּאַר נישט געטאָן, ווייל ער האָט זיך נאָך נישט געפילט גענוג אַלט צו טראַכטן וועגן טויט... אַ סימן: ווי נאָר ער איז אַביסל צו זיך געקומען נאָכן ערשטן שווערן אַטאַק פון סוף יאַנואַר 1957, — אַן אַטאַק, וועלכער איז ביי די יאָרן אַ כמעט זיכערער ערשטער סיגנאַל פון טויט — איז ער ווייטער געווען פול מיט איניציאַטיוו, פול מיט פּלענער און פּראָיעקטן פאַר דער צוקונפט. ער האָט געפּלאַנט צוצובויען אַ פליגל צו זיין הויז, צו פאַרגרעסערן דאָס באָד־צימער, אַז ער זאָל זיך אין אים פילן באַקוועמער... געפּלאַנט צו פלאַנצן סאָסנע־ביימער; צו גרינדן אין בת־ים אַ ליי־קאַסע פאַר די נייע עולים פון פּוילן; צו עפענען אַן עפנטלעכע ביבליאָטעק מיט העברעישע און יידישע ביכער. און חוץ די אַלע פּלענער האָט ער זיך נאָך אַרומגעטראָגן מיט אַזויפיל נייע ליטעראַרישע פּלענער, אַזויפיל נייע ראָמאַנען האָבן נאָך געדאַרפט געבוירן ווערן...

איז ווען־זשע האָט ער געזאָלט האָבן צייט צו טראַכטן וועגן שרייבן אַ צוואה?...

אָבער פון צייט צו צייט פלעגט אַש דאָך אַ טראַכט טאָן וועגן טויט. און אין אַזוינע מאָמענטן פלעגט ער אין זיינע שמועסן מיט זיין נאָענטסטן שכן, בן־ארי, ברענגען צום אויסדרוק זיין לעצטן ווילן. און אָט זענען אייניקע פּונקטן פון אַשס נישט־געשריבענער צוואה:

— בת־ים וועט צו מיר גאָרנישט דערלייגן, האָט ער קנאַפּ פאַר זיין אָפּפאָרן געזאָגט צו בן־ארי — אַלץ, וואָס איך האָב דאָ אַריינגעלייגט, דאָס אַלץ וועט בלייבן פאַר דער שטאָט.

צווישן זיינע אַנטיקן־קאָלעקציעס האָט זיך אויך געפינען אַ קליין

ספר־תורהלע, וואָס איז נצול געוואָרן פון די נאַציִשע מערדער און שענדער פון הייליקטימער. דאָס ספרל איז געלעגן אין אַשס אַנטיקער קאָמאָד אין זיין אַרבעט־צימער. ס׳איז געווען אַנגעטאָן אין אַ סאַמעטן מענטעלע און איז געווען איינגעהילט אין אַ ווייכער וואָלענער דעק, ווי מען הילט איין אַ געליבט קראַנק קינד אין אַ קאַלטן טאָג...

און נאָך אַ זאַך האָט אַש געהאַט צווישן זיינע אַנטיקן: אַ מעשענעם הענגל־לאָמפּ פון אַ גאָר אַלטער שול. האָט ער אין זיין „צוואה" אויסגע־דריקט דעם ווונטש, אַז דאָס ספרל זאָל מען געבן דער מעברה פון בת־ים פאַר די נייע עולים פון פּוילן. און אַז די עולים וועלן זיך מיט דער צייט באַזעצן אין שיכונים און זיך בויען אַ שולעכל, זאָל מען זיי אָוועקגעבן דעם הענגל־לייכטער.

און נאָך איין ווונטש האָט אַש אין זיין נישט געשריבענער צוואה אויסגעדריקט: אַז מען זאָל דאָס ברעט פון זיין שרייב־טיש אויסנוצן פאַר זיין ארון...

נישטאָ אַזאַ געזעץ אין דער וועלט, וואָס זאָל אָנערקענען אַ נישט געשריבענע צוואה, אָדער אַ צוואה, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיטנדלעך אונטער פיר אויגן. און דאָך האָט זיך געפונען אַ געריכט־אינסטאַנץ, וואָס האָט אַשס „צוואה" פול און גאַנץ אָנערקענט, כאָטש קיינער האָט דאָס פון איר נישט פאַרלאַנגט. די אינסטאַנץ הייסט: מאַטילדאַ אַש. זי האָט אַלץ, וואָס געפינט זיך אין בת־ים — דאָס הויז, די איינריכטונג, די זעלטנסטע קונסט־קאָלעקציעס — אָוועקגעשענקט דער געמיינדע בת־ים פאַר דעם ניי־דערעפנטן מוזעאום, וואָס וועט טראָגן דעם נאָמען פון דעם גרעסטן יידישן פּראָזע־קינסטלער פון אונדזער צייט: בית שלום אַש.

און וואָס ס׳איז נוגע שלום אַשס לעצטן ווונטש, צו שלאָפן דעם אייביקן שלאָף איינגעבעט אין איינעם פון זיינע שרייב־טישן, וועט דער דאָזיקער ווונטש אויסגעפירט ווערן, ווען זיינע עצמות וועלן געבראַכט ווערן קיין ישראל. וואָרעם אויך אָט דער ווונטש, צו רוען אין דער הייליקער ערד פון די אבות, איז דאָך געווען איינער פון די הויפּט־פּונקטן אין דער נישט געשריבענער צוואה פון דעם גרויסן נפטר.

זיין לעצטע רו

ביים קבר: דוד־בן־ארי, בעת זיין לעצטן באַזוך אין לאָנדאָן

אינהאַלט

זייט

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט שלום אַש 7
נאָך זיבנאונפערציק יאָר 13
זיין לעצטע היים 18
דער לעצטער שכן 22
דער עקזאַמען 24
אין דער לאַבאָראַטאָריע 27
אינטעריער 32
פאַרוואָס ער שרייבט נישט קיין רעאַליסטישן ישראל־ראָמאַן 34
וועגן „יעקב און רחל" 38
וואָס וויל מען שוין ווידער פון אים ? 40
אויפן שפּאַציר 41
אַ געמיטלעכער פּרייטיק צו נאַכטס 43
„דער קאַמף קעגן מיר איז אַ פּערזענלעכער" 47
אַש שיקט מיך אַהיים שוויצן... 49
נאָכן דערשיינען פון מוקדונים אַרטיקל 52
פּאַרגעפּיל 54
דער אַטאַק 58
דער ערשטער סיגנאַל 60
28 .1 1957 64
רות שאַפּער 65
„זיי וועלן זיך נאָך שלאָגן על חטא" 67
ער וויל אָפּוועגדן די סאַנקציעס 69
ער קאָן נישט ווייטער שרייבן 70
24 .2 1957 72
דער בריוו 73
ווידער ביים וואַרשטאַט 76
אַ בריוו צו בן־גוריון 78
אַ „פּאַרדינסטפולער" שטעקן 82
דער טלית 85
דער סאַלאַניקער 87

זייט

פחד	89
אַנטיקן	91
שלח־מנות	95
החכם, המופלג, עוקר הרים...	98
א. בן־יהודה באַגריסט אַשן... אויף יידיש	100
כאַראַקטער־שטריכן	102
חורבן־ליטעראַטור	113
פּלענער	115
די באַלאַדע פון דעם ייד וואָס איז — —	118
ער האָט נישט אויף פּסח...	123
אַש חעגן דוד פּינסקי	126
צוויי אַרטיקלען	129
ווידער די יוגנט	133
15 .5 1957	137
קוריאָזן וועגן אב. קאַהאַן	138
אברהם און שרה	140
שרה און רחל	144
דאָס ערשטע ים־באָד	147
דאָס געזאַנג פון טאָל תשי״ז	149
דער זעלטענער עקזעמפּלאַר	154
„און וואָס טוט עפּעס מיין פריינד שניאור ?"	156
דער לעצטער שפּאַציר	158
די ערשטע און לעצטע בריוו	160
מאַטילדאַ אַש	163
די נישט געשריבענע צוואה	168

רשימה פון נעמען וואָס ווערן דערמאָנט אין בוך

א

אייזנמאַן צבי — 26.
אדר ד״ר — 68.

ב

בן־ארי דוד — 14, 21, 22, 23, 58, 62, 63, 66, 67, 69, 89, 102, 111, 115, 117, 160, 168, 171.
בן־ארי בתיה — 21, 62, 63, 112.
בן־ארי חיימקע — 62, 63.
בראָדערזאָן שיינע מרים — 56.
בן־גוריון דוד — 78.
בן־יהודה אליעזר — 100.

ג

גאָטליב מאָוריציוס — 14, 32.
גראָסמאַן משה — 40, 43, 46, 103
גורפינקעל יחיאל — 87.

ד

דעלאַקרואַ עוגען — 32.

ה

הייל ד״ר — 80.
הויפּטמאַן גערהאַרד — 90.
העמלין א. — 147.
פרוי העמלין — 143.

ו

ווייצמאַן חיים — 32.
ווייצמאַן וועראַ — 83.
ווייסגאַל מאיר — 76, 83.
וועלנער פנחס — 109, 110
וולאַדעק — 138.

ז

זוהר מרים — 113.

ח

חייפעץ יאַשאַ — 90.

ט

טאָמאַשעווסקי באָריס — 7.
טאָמאַשעווסקי בעסי — 7.
טאָלסטאָי לעאָ — 50.

כ

כץ שמואל — 108, 130, 131, 133, 137.
כאַנקין י. — 151.

ל

ליבערמאַן חיים — 14, 15.
ליס א. — 25, 34, 108, 126.
לעוויטאַן יצחק — 32.
לוביטש ערנסט — 128.

מ

מענקעס זיגמונט — 32.
מילע זשאַן פראַנסואַ — 32.
מאַן מענדל — 35, 41, 108.
מוקדוני א. ד״ר — 45, 52.
מאַרקיש פרץ — 70.
מענדעלסאָן מ. — 106.
מעסקין א. — 113.
מאַנגער איציק — 118.

נ

נארקיס מ. — 105, 106.

ס

סוצקעווער א. — 25, 35, 107, 108, 126.
סיסלעי אַלפרעד — 32.
סופער א. ש. — 104, 108
סאַפּאַזשניקאָוו ג. — 106.
סיון דוד — 108.

ע

עלבערג א. ש. — 17.
עפשטיין יעקב — 32, 156.
עגנון ש"י — 37.

פּ

פּרץ י. ל. — 8, 9, 10, 13, 43, 44, 106, 127.
פּיסאַראָ קאַמיל — 32.
פּאַטאַש רקודה — 40, 105
פּאַט יעקב — 100.
פּינעס אליעזר 108, 138.
פּינסקי דוד — 126, 127, 128
פּינסקי האַדל — 127.
פּאָלאַק מישאַ — 151.

פֿ

פֿראַנק אַנאַ — 50.

צ

צאַנין מ. — 16, 46, 72, 73, 74, 75, 76, 108, 123, 164.
צעטניק קא. (י. דינור) — 50.

ק

קאַהאַן אב. — 8, 45, 138, 139.
קיסלינג מ. — 32.
קוטנער שיעלע — 32.
קולבאַק משה — 62.
קאַסטנער ד"ר — 89, 90.

ר

ריינהאַרד מאַקס — 44, 127.
רות שאפער — 32, 65, 67, 69, 73, 74, 76, 91, 95, 103, 115, 116, 123, 125.
ראַוויטש מלך — 85
רימון יצחק — 101.
ראָטשילד באַראָן עדמונד — 151.

ש

שרה (בלומענשטיין) — 24, 41, 43, 62, 67, 69, 115.
שאַגאַל מאַרק — 32.
שלום עליכם — 32, 43, 139.
שמיר משה — 37.
שילדקרויט רודאָלף — 44, 45.
שטיגליץ י. — 46, 93, 94.
שטיגליץ אברהם — 94.
שטראַוס ריכאַרד — 90.
שוואַרץ י. י. 106.
שפּיגעל ישעיהו — 108, 164.
שורר חיים — [illegible]
שניאור זלמן — 157.

פאָטאָגראַפיעס וואָס קומען אַריין אין בוך

	זייט
די ארלוזורוב־גאַס אין בת־ים	17
אויף אַ גלעזל טיי ביי די בן־אריס	21
אין אַשס אַרבעט־צימער	71
אויף אַ באַזוך אין קינדער־גאָרטן פון בת־ים	97
אויף אַ באַזוך אין דער עיריה פון בת־ים	111
אויף אַ באַזוך אין דער פאָלקס־שול	112
זיין לעצטע היים	125
ביי דער פלאַזשע פון בת־ים	135
ביי דער פלאַזשע פון בת־ים	136
ש. אַשס כתב־יד	166
דער פאַריתומטער שרייב־טיש	167
זיין לעצטע רו	170

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק
זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדע ביכער:

י. זרבבל:	בלעטער פון אַ לעבן (2 בענדער)
מענדל מאַן:	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער:	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן:	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי:	בילדער און דערציילונגען
י. פאַפּיערניקאָוו:	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן:	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק:	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין:	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ לעבן)
אפרים שרייער:	קונסט און טעאַטער (העברעיש)
מלך נוי — ניישטאַדט:	דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת־ישראל
יצחק לעוו:	אין גערענגל — געקליבענע שריפטן
מרדכי יפה:	צען ישראל־דיכטער